# יִדישע פֿאָלקשפּילן

מאַטעריאַלן פֿאַרן יוגנטרוף-לייענקרײַז געזאַמלט פֿון ד-ה ראָסקעס


1. ש ערנסט – טעקסטן וועגן פורים-שפּילן אין ארכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון יִדישן טעאַטער און דראַמע, באַנד איינס (ווילנע 1930), זז׳ 34-37. (1...)

2. יצחק שיפּער – סקעלעט פֿון דער "אַחשוורוש-זינגשפּיל" אין זײַן געשיכטע פֿון יִדישער טעאַטער-קונסט און דראַמע, באַנד איינס (ווילנע 1927), זז׳ 158-166. (5...)

3. "אַחשוורוש-שפּיל" – אין ש. באַסטאָמסקי, פורים-שפּילן, (ווילנע 1926), זז׳ 21-31. (9...)

4. "עקידת-יצחק" (2 וואַריאַנטן) – אין נח פּרילוצקיס זאַמעלביכער פֿאַר יִדישען פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, באַנד צוויי, (וואַרשע 1917), זז׳ 64-75. (15...)

5. "מכירת-יוסף-שפּיל" – פֿאַרשריבן פֿון הערשעלען פֿון יצחק שיפּער, דצ"וו ב׳ איינס, זז׳ 256-264. (21...)

6. "עקידת-יצחק-שפּיל" – אין שיפּער, דצ"וו, ב׳ דרײַ (ווילנע 1928), זז׳ 293-298. (25...)

7. "יוסף-שפּיל" – אין באַסטאָמסקי, דצ"וו, זז׳ 7-18. (28...)

8. פורים-שפּילן פון נח פּרילוצקיס זאַמלונגען (ב׳ צוויי, 1917):

א. סדום-ועמורה-שפּיל (34...)
ב. יציאת-מצרים (38...)
ג. אָגג-שפּיל (44...)
ד. שלמה המלכס מישפּט (47...)
ה. שלמה-אַשמדאַי-שפּיל (53...)
ו. מלך שאול-שפּיל (ב׳ איינס, 1912) (62...)

9. חנה מיט פּנינהן – פֿאַרשריבן דורך שמואל לעהמאַן, יִדישע פֿילאָלאָגיע, העפֿט 2-3 (וואַרשע 1924), זז׳ 192-198. (68...)

10. פורים-שפּילן – יִדישער פֿאָלקלאָר (=פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון יִוואָ, ב׳ פֿינף), רעד׳ י.ל. כהן (ווילנע 1938), זז׳ 219-274: (...)

א. דער חכם מיט דעם נאַר (2 וואַריאַנטן) (72...)
ב. רויבער-באַנדע-שפּיל (77...)
ג. רבנו-גרשום-שפּיל (81...)
ד. די אײַנגעמויערטע פֿרוי (86...)
ה. רבי- אָדער חסידים-שפּיל (3 וואַריאַנטן) (90...)




פיגורן פון אחשורוש-שפּיל
(פון א מיניאַטור פון 17-טן י. ה. אין בערסאָנס מוזיי, וואַרשע)

מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ ביי פאָלגנדע וואַריאַנטן פונם
**אחשורש-זינגשפּיל:**

1 „אײן נײא פורים שפּיל" — לײפּציקער כתב-יד פון יאָר 1697
און די אױסגאַבן פונם אחשורש-שפּיל פון די יאָרן 1708 און
1714, וואָס שטיצן זיך אויף אים. מיר באַצייכנען די דאָזיקע
גרופּע מיט א S

2 דער ווילנער וואַריאַנט (זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט"
1912, העפט 5—6). מיר באַצייכענען אים מיט — L

3 דער מאָהילעווער וואַריאַנט (פּ. מאַרעק אין „פּערעזשיטאיע"
1910 ז. 226) — M

4 דער וואַריאַנט, וואָס איז אַרויסגעגעבן פון דר. ווייסענבערג
אין „מיטיילונגען דער געזעלשאַפט פאַר ייד. פאָלקלאָר"
1904 העפט XIII — W

5 דער טשערנאָוויצער וואַריאַנט (דערשינען 1863 אין דער
פאָרם פון אַ פאָלקס-אויסגאַבע) און די לעמבערגער אויס-
גאַבן פון די יאָרן 1876 און 1895, וואָס שטיצן זיך אויף
אים. די דאָזיקע גרופּע וועלן מיר באַצייכנען מיטן בוכשטאַב C

6 אַ פראַגמענט פון א „אחשורש-זינגשפיל פאַרעפנטלעכט אין
נ. פרילוצקיס: „יידישע פאָלקסלידער" I נר. 77, V (ז. 132)—P

איידער מיר טרעטן-צו צום אַנאַליז, איז כדאי פריער צו באַקענען
דעם לעזער מיט די סכעמעס פון די וואַריאַנטן און מיט זייער אינהאַלט:

מיר הויבן אָן מיט דער גרופּע S.
זי באַשטייט פון פאָלגנדיקע טיילן:

**פּראָלאָג:** דער העראָלד-איינשרייבער באַגריסט דאָס פובליקום, אַנאַנסירט
דאָס שטיק, מאַכט פּלאַץ פאַר די שפּילער און רופט אַריין דעם אַקטיאָר,
וואָס שפּילט די ראָל פון אחשורש. דערביי ריימט ער אויס:
ג'יק צו! עס זייא היר אודר אַנדרש וואָן
הערבייא! הערבייא!
איר הערין, גראָסין אוני קליינין
דיא וועלין שיאָן וואָס נייא
נייא אוני פער
איין קיניג ווערט קומען איינהער
קיניג אחשורש איז ער גינאַנט
127 לענדר האָט ער אונטער זיין האַנד
אוני אויך דיא לענדר אוני שטעטן
די ער האָט טון בישטרייטן אוני ביצווינגן,
דאַ ער פון האָט איין אידרד (ייעדער) ייד מויל צו זאָגן אוני צו זינגן



-5-

ידום אויך רוימט אויף, ריימט אויף!
ני: שמייסט די שטוב צום פענסטער אַרויס!
טיש אויף דיא באַנק
די מכר אויף די פענקו!
— — — — — —
אוני אויך ברענגט ניט אום אונזער רעכט
דאָס איין אידל (אייניקל) הויך געבאָרנער קיניג זאָל אַזוי לאַנג
דרויזן שטאַן (שטיין)
מיר וועלן אין (אים) הייסן אַריין גאַן (גיין)
אַריין! אַריין!
אַל דו מיין גינעדיגסטער קיניג, זאָגע דינר זיין!

## פּראָליזיום:

מידערשינען דעם קעניגס „זיבע דינער": המן און דער שרייבער
און זיינען „מיסקנסענער אוני באַש". דאָן באַמערקט המן וועגן מרדכיז
„איך קאָן דען שלמין בעשטיה (בעסטיע) יודן גישט דרליידן".

## I-טער אַקט:

1. **סצענע:** אַ באַגריסונגס-אויפשפּיל („מאַרש") לכבוד דעם קעניג.
2. **סצענע:** אחשורש דערציילט דער סתירע וועגן ושתי'ס ווידערשפּעניקייט
און וועגן איר טויט. ער גיט אַ באַפעל, מען זאָל פאַר אים זוכן אַ פרוי.

## I-טע אינטערמעדיע:

התך פירט אַריין אין פּאַלאַץ מרדכין. וואָס מרעט-אַרויס ווי אַ קלוין
און רעדט דעם קעניג אַ שידוך מיט אסתרין. דעם קעניג געפעלט
דער שידוך.

## II-טער אַקט:

1. **סצענע:** דער קעניג באַפעלט מרדכין, ער זאָל זיך בוקן פאַר המנען,
ער זאָגט אים גלייכצייטיק:
דו זאָלסט זיצן אינטער איין טאָר אוני מיך
און זאָלסט פּסקין איכר בהיתור
אוני די גמרא פון 96 בלעטער.
2. **סצענע:** קאָמישע סצענע צווישן המנען און מרדכין. מרדכי וויל ניט
בוקן און באַוואַרפט המנען מיט ווערטעלעך. המן זאָגט אָן, אַז ער
וועט נקמה נעמען.
3. **סצענע;** המן קלאָגט-אָן די יידן פאַרן קעניג און באַקומט פון אים אַ
ערלויבעניש אַרויסצוטרייבן די יידן פון לאַנד.

4. סצענע: המן הייסט דעם שרייבער צעשיקן „צירקולארן", אז די יידן דארפן פארטריבן ווערן.

5. סצענע: המן באווארפט מרדכין מיט שפאַסטעלע־סער.

6. סצענע: התך דערציילט אסתרן, אז מרדכי „טוט זיך אן" אין א זאַק און אש.

7. סצענע: אסתר הייסט מרדכין איינאָרדנען צווישן יידן א תענית. מרדכי ענטפערט דערויף מיט גבול־זה.

8. סצענע: אסתר פארבעט דעם קעניג און המנען אויף א באַל.

## III־טער אקט:

1. סצענע: דער שרייבער לייענט־פאר פון א כראָניק, אז מרדכי האָט אפגעהיט דעם קעניג פון אחשורושן א סכנה. דער קעניג הערט און לאָזט ארויסרופן המנען.

2. סצענע: אחשורוש הייסט המנען ער זאָל באערן מרדכין.

3. סצענע: מרדכי און המן.

4. סצענע; דער שרייבער פארקלאָגט המנען פארן קעניג, אז ער האָט זיך געלאָזט פארפירן דורך אן אומריינע תאוה צו אסתרן. אחשורוש גיט־אויס אויף המנען א טויט־שטראָף.

5. סצענע: המן געזעגנט זיך מיט זיין ווייב.

## II־טע אינטערמעדיע

המנס „ווידערגעבורט" (פארגלייך I באַנד, קאפיטל XVI).

עפילאָג: די שפילער געזעגענען זיך מיטן פובליקום און שטעלן־פאַר „דעם בייטליך".

## דער וואַריאַנט M

פראָלאָג: די שפילער מאַכן א מי־שברך לכבוד דעם פובליקום:

עס דאָ זענען מיר געקומען לכבוד דעם היגן בעל־הבית
און די היגע בעל־הביתטע מאַכן מי־שברך.
ווער עס גיט צדקה מיט איין גוטער אויג, יענער זאָל גיבענטשט ווערן.
די ליבע, די שיינע פון קאָפּ זאָל אפילע גיוועזן.
ווען איין פרעמדן ניט צריין צו איין נגיד,
פארשטאָפּט ער די טויערן (־צוריקן)
אז וויל עס גאָר ניט הערן.



6-

## 1־טער אקט:

שטעלט־פאַר אין איינצלנע סצענעס דעם ושתי־עפּיזאָד: ושתיס ווידערשפעניקייט און דעם קעניגס משפט.

## אינטערלודיום:

ושתיס וידוי. אינטערעסאַנט איז דאָ די שטעלע, וואו די קעניגין באַרעכטיקט די שטראָף אירע מיט דער זינד, וואס זי פלעגט הייסן אירע יידישע דינסטן ארבעטן שבת און ימים־טובים.

## 2־טער אקט:

אחשורוש באַוויינט ושתיס טויט. איינער פון דער סוויטע זאָגט אים צו:
„פאַטער־קעניג, וואס טוט איר וויינען און קלאָגן?
איך שווער מיך ביי מיין זייד, אז איך וועל אייך געבן אן אנדערע ביז מאָרגן".

## אינטערמעדיע:

א שרכן שטעלט־פאַר אסתרן. זי געפעלט אחשורושן און עס קומט באַלד די חתונה. פּ נגע: א מאַרשאַלעק באַזינגט די כלה און זאָגט דאַן מיט פארשאַלק דעם קאָמישן „הרי את".

## 3־טער אקט:

שטעלט פאַר המנס פּלאַן צו פארניכטן די יידן. אינטערעסאַנט זענען די באַשולדיקונגען, מיט וועלכע ער טרעט־ארויס פארן קעניג קעגן די יידן. אט איז אן אויסצוג פונעם באַשולדיקונגס־אַקט:

**המן:** פון דיזען זאַכן וועל איך מיר א ביסעלע עקספּלאַלירען;
אט צו דעם קרעמער־יונג וועל איך מיר פרעטענזירען,
ווי איך טו דעם קרעמער־יונג צו האָבן
אזוי כוש ער זיך ארום מיר גוט לאַכן
ווי איך טו געהן פאר זיין קראָם פאַרביי,
אזוי טוט ער אויף מיר א געשריי:
„פאַניע המן, חוואַראַז, חוואַראַיז"—
און האָט גאָר כאר מיר קיין בושה און קיין שייַ
ווי איך טו גאָר א פּאָר שריט אהינטער צו טרעטן,
אזוי טוט ער מיך צו בעטן:
„פּאַן טאַ פּאַן! פּראַשו קָנאַס!"
ווי איך טו גאָר אריין פארלאַזאַק עטלעכע גילדין צו ציילן,

אזוי טוט ער מיר צו מעסטן מיט פאלשע איילן
און פערשראכט: „גו מיין פרוי, זיי דאס מבער
דאס וועט צוגיין קומען אויף א ווארעמס צו־סטייערן"
הער פאסער־קעניג, ווי גיפעלט דאס אייך?

**אחשורש:** גאר שלים! שלים און שלים!

**המן:** עס קאן נאך פיל שלימער זיין!

אויף אן ענלעכן אופן „פרעטענזירט" זיך המן צו דעם קירושנער־יינג צו „די דומנע יונג־פרויען" א. ד. גל. דער קעניג לאזט זיך איבערציי און ער גיט־איבער די יידן אין המנס הענט.

## אינטערמעדיע:

א קאמישע סצענע צווישן דעם **שרייבער** און אחשורשן: דער שרייבער לייענט־פאר פון א כראניק:

א מעשה האט זיך געטראפן אין הויך:
א פעדער איז געפלויגן אין קארין
און האט זיך אפגעשלאגן אן א דארין
און איז אוועקגיפלויגן אויף ריסארין.

**אחשורש:** ניט דאס!

**שרייבער:** ר' הירשקע עזריאל'ס, דער מאהילעווער גביר
האט מען עס גיגעבין צו א דלפן אויף שבת אויף א פלעט...

אחשורש ווערט אומגעדולדיק און לסוף קומט דער שרייבער צום ארט, וואו ס'איז פארשריבן, אז מרדכי האט געראטעוועט דעם קעניג פון א סכנה.

**אחשורש:** צי האט מען האך דעם מרדכי ערליך באצאהלט?

**שרייבער:** קאפייקי נא טאבאק פריקאזאלי
אי טא ניע אדלאלי
אי קאק טאבאקי וויגנאלי.

## 4-טער אקט:

אסתר באשולדיקט המנען פארן קעניג. המנס מפלה.

## עפילאג

גנסתאלט המנס ווידוי.





אסתר
א מיניאטור פון אן אומבאקאנטן יידישן קינס־לער.

## דער וואריאנט L

### פראלאג:

דער קענצלער („איינשרייער") שטעלט־פאר פארן פובליקום די הויפט־ראליסטן (אחשורש, המן און מרדכי) און רופט־אריין דעם קעניגס טויטע (ש. 13—32, ש. 1—4).

### פראלוזיום:

**צוויי דועטן:** איינער צווישן דעם קענצלער און דעם כאר און דער צווייטער צווישן המנען און דעם כאר.

### 1-טער אקט:

1) אחשורש שטעלט זיך פאר און הייסט דעם קענצלער איבערגעבן דער קעניגין, אז „פאר מיר און פאר אלע הערן — קום זי זיך באקעס

שטעלן". 2) דער קענצלער ביי ושתי. 3) דער קענצלער דערציילט אחשורשן וועגן ושתיס ווידערשפעניקייט. דער קעניג גיט־ארויס דעם משפט. 4) דער קענצלער גיט איבער דעם פסק ושתין. 5) ושתי בעט המנען, ער זאל זי צולאזן צום קעניג. 6) ושתי בעט דעם קעניג, ער זאל איר שענקען דאס לעבן.

### ינטערלודיום:

ושתיס אלף־בית מיט כאר־באגלייטונג.

### 2-טער אקט:

(פראגמענטאריש)

1) דער קענצלער מעלדעט אחשורשן וועגן ושתי'ס טויט. 2) דעם קעניגס פארצווייפלונג (דועט צווישן אחשורשן און דעם כאר).

### אינטערמעדיע:

1) המן ציט־אריין מרדכין פארן הארב. 2) מרדכי שוכנט אסתרן. 3) דער קאמישער "ורי את".

### 3-טער אקט: פעלט.

### אינטערמעדיע.

קאמישע סצענע צווישן דעם קענצלער און אחשורשן. דער קענצלער גיט גט־פאר פון דער כראניק:

**קענצלער:** פאכער־קעניג! ס'געלאפן א קאץ איבערן באנק
און זאט איבערגעציילט, וויפל קינדער המן האט!

**אחשורש:** כא־כא־כאו ס'אפשר דא נאך א שענס?

**קענצלער (לייענט):** ס'איז געשטאנען צוויי ווייבער נעבן אנ'אריון
האבן זיי זיך אנגעהויבן מיט די ווילקעס צו בוינן
ביז וואנען זיי האבן זיך ארויסגענומען איינע די אנדערע די אויגן.

לסוף דערציילט ער וועגן מרדכין, או ער האט אנטדעקט די פארברעכערישע דינער, וואס האבן געוואלט דעם קעניג איינגעבן סם.

### 4-טער אקט:

(פראגמענטאריש)

אחשורש פרעגט המנען, אויף וואס פאר אן אופן צו באערן א מענטש, וואס האט פון אים אפגעווענדעט א סכנה. ענטפערט המן:



מ'זאל אים פוצן און וואשן
און פירן איבער די גאסן
און שרייען: דאס איז דער מאן,
וואס האט דעם פאטער־קיניג פון טויט אפגעטאן.

### אינטערלודיע:

המנס אלף־בית.

### עפילאג:

די שפילער זינגען "שושנת יעקב", געזעגענען זיך דאן מיטן פובליקום און בעטן זיך:

איר'ט אונז געבן עטליכע גילדן מיט א שנאפס,
וועלן מיר מאכן לחיים!



המן
א כינ־אכור פון אן אומבאקאנטן יידישן קינסטלער.

### די וואריאנטן C און W.

אין אלגעמיינעם זענען זיי פונם זעלבן שניט, ווי דער וואריאנט L. פון זייער אינהאלט איז כדאי צו פארצייכענען בלויז יענע סצענעס, וואס פעלן אין L, דערהויפט זענען עס די סצענעס פונם 3-טן און 4-טן אקט.

## 3-טער אקט:

1) המן בארעט זיך מיטן קענצלער, ווי צו פארניכטן די יידן (W, C)
2) המן באשולדיקט די יידן פאר אחשורשן און קריגט-צרויס דעם גירוש-באפעל (C, W). 3) מרדכי וויל זיך נישט בוקן פאר המנען (בלויז אין W).

## 4-טער אקט:

1) א דורכויס ערנסטער דיאלאג צווישן מרדכין און אסתרן וועגן דער סכנה, וואס דראט די יידן (בלויז אין W, פעלט אין C). 2) המן גיט-אפ מרדכין כבוד. (C). 3) אחשורש באשולדיקט המנען, אז ער האט געפרואווט פייניקן אסתרן. ער פארמשפט אים צום טויט (בלויז אין W, פעלט אין C). 4) המנס געזעגענען זיך מיט זיין משפחה (C).



אחשורש

א מיניאטור פון אן אומבאקאנטן ייִדישן קינסטלער



# אחשורוש-שפיל.

**די באגעבנהייט פון אחשורוש און ושתי המלכה,**
**מיט זיסע ווערטער און הערלעכע לידער,**
**צו זינגען אין פורים מיט דעם בעכער אין די האנט,**
**איז יעדער שטאט און אין יעדער לאנד.**

לויפער: (שפראך) אך און מיין שנעלער לויפער לאזט איך הערין אדער הוניין רייטן,
דען דא פארלאנגט הערייננצוקומען דער גרויסער קיניג אחשורוש מיט זיינע לייטן,
דער גרויסער קיניג אחשורוש קומט שוין גאר גיך און באלד,
א פירטל וועלט איז אונטער זיין גיוואלט,
מיט לוסט זאל ער קומען אריינצוגיין, צו מארשירן, צו שטאנדירן,
העריין, העריין, קיניג, קיניג אחשורוש דו מיין.

אחשורוש: (זינגט) אנא, אנא, ווען איך קיניג בין,
מעג מיר שאפן, וואס איך וויל,
קאן מיר לעבן אין גרויסע פריידן,
עס קאן מיר קיינער א ווארט נישט ריידן.

מרדכי: (וואגט מיט געלעכטער) אנא, ווען דו קיניג ביסט,
קאנסט דיר שאפן, וואס דו ווילסט,
קאנסט דיר לעבן אין גרויסע ליידן,
עס קאן דיר קיינער קיין ווארט נישט ריידן.

המן: (צו מרדכי) פארט צום טייוול, דו קאנאלישער הונט,
איך גיי מיט דיר אויף איין שטרייט אצונד,
איך וויל דיר ארונטערשלאגן
און דו, מרדכי, מיט דיינע יידן
וועסט האבן צו וויינען און צו קלאגן.

אחשורוש: וואס איז ביי מיר איין גיוואלט,
איך זעץ מיך אנידער,
גאט גריס זיין שוועסטער און ברודער,
יונג און אלט אונטער מיין גיוואלט,
ארעם און רייך איז ביי מיר אלעס גלייך,
וייב און קינדער, יעדער באזונדער.

המן: (צום קאנצלער) זע, זע, ברודער קאנצלער,
וואס פאר א ליבלעכע קאמעראדן מיר זיינען געווען א לאנגע צייט,
אויסגערייזט האבן מיר דעם פאטער קיניגס לענדער וויט און ברייט,
האב איך נישט פארנומען פיל שענערס און פיל בעסערס לייב,
און פיל גרעסערס, ווי זרש מיין ווייב.

**פאַנדריש:** איר טוט אייך מיט אייערע ווייבער גרויס מאַכן.
איך טו מיט מיין ווייב אונטער דעם אויוון לאַכן.
איר זאָגט — אייערע ווייבער זיינען פייערלעך,
מיין ווייב רייסט זיך מיט אַנדערע ווייבער די שלייערלעך.
ווען זי גייט אויפן מאַרק ברויט קויפן,
טוט זי איינס קויפן,
און מיט צען געשטוילענע אַהיים לויפן.
אַמאָל בין איך פרינץ מאַנדרינא געווען,
אַ גרויסער חריף און האָב שאַרפע ציין, ווי אַ גוטער ברוטאַן.
קאָן אויפעסן אַ פּאָר ברויט מיטאַמאָל;
אַמאָל בין איך הונגעריק איך לויף געשווינד צו מיין ווייב.
זי האָט זיך זייער דערשראָקן און פרעגט מיך:
— מיין מאַן, וואָס איז דיר געשען?
איך האָב עס פון דיר אין מיין לעבן טאָג ניט געזען.
הערסטו מיין ווייב, וואָס איך וועל דיר זאָגן
— — — — — — — — — — — *)
ווי מיין ווייב האָט דאָס דערהערט,
איז זי געלאָפן אויפן מאַרק ווי אַ פערד.
דאָס איז אָבער געווען איין אויגנבליק,
טו איך צום פענסטער אַ קוק,
אַ קינד האָב איך געהאַט פון צוועלף וואָכן,
איך לויף צו מיין ווייב מיט אַ גוטן שטעקן און טו זי צו דעקן,
איך טו מיך אָבער דערמאָנען,
זי איז מיט דער באָד־גויע געשטאַנען,
זאָג איך צו איר: „דו טוסט דיך מיט דער באָד־גויע קריגן,
אין דער היים האָט קיינער נישט דאָס קינד צו וויגן,
גיי דו צו אַלע שווארצע יאָר דאָס קינד אָנזויגן,
און איך וועל מיט דער באָד־גויע קריגן".
דערווייל פאַלן מיר אראָפּ די הויזן,
איך האָב מיך דערשראָקן, בין געוואָרן גרין און געל,
און לויף אַהיים צו מיין ווייב.
שרייט זי: „איך האָב ניט אויף שבת קיין מעל,
עס זאָל דיר איבערפאַלן דאָס פיבער,
איך האָב ניט אוי חשבת קיין פלייש, מיין ליבער".
האָב איך זי צנידערגעוואָרפן און בין אין בית־המדרש אַנטלאָפן.
ווייטער האָב איך אייך גאָרנישט צו זאָגן,
נאָר איך זאָל נאָך מיין ווייב קלאָגן.

**אחשורוש:** איר טוט אייך מיט אייערע ווייבער לויבן,
איך וויל מיט מיין שיינע ושתי די וואָרהייט באַווייזן
לויפער, לויפער, געטרייער דינער, דו מיין,

*) פעלט, הייסט אויס אין אָריגינאַל. ש. ב.



לויפן זאָלסטו צו דער קיניגין אין איר זאָל אַריין.
זאָגן זאָלסטו איר, זי זאָל קומען נאַקעט העריין, מיט איר בלויזן לייב,
עס זאָל אויך איר זען מאַן און ווייב.

**ושתי:** לויפער, לויפער, געטרייער דינער דו מיין,
לויפן זאָלסטו צו דעם פאָטער קיניג אין זאַל העריין,
אין זאָגן זאָלסטו אים, דאָס ער האָט זיך באַזויפן מיט מעד און ווין,
לייגן זאָל ער זיך קראַנק אין זיין בעט אַריין,
און זאָל אויס זיך נישט מאַכן קיין גרויסן ווזן,
ער זאָל געדענקען, דאָס ער איז ביי מיין עלטער־פאָטער נבוכדנצר
איין שטאַלמייסטער געוועזן.
אויך זאָל ער זיך נישט מאַכן רייך,
וואָרין ער איז מיט אַלע שטאַלמייסטער צוגלייך,
איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ גרויסן הערן,
זעלכע שלעכטע ווערטער וויל איך נישט הערן.

**לויפער:** קייזער, קיניגלעכע מאַיעסטעט,
ווען אַזעלכע שלעכטס באָטשאַפט בין איך, פרינץ לויפער, ניט געגאַנגען
וואָס די פרוי מוטער־קיניגין געשאַפן האָט,
מוז איך דעם פאָטער אין זיין זאַל העריין זאָגן.

**אחשורוש:** וואָס האָט די פרוי מוטער קיניגין געזאָגט?

**לויפער:** (צו אחשורושן) די פרוי מוטער קיניגין האָט פאַרשאַפט:
„זאָלסט אים, פאָטער קיניג, זאָגן,
ער האָט זיך באַזויפן מיט מעד און וויין".

**אחשורוש:** יודאַט מרדכי, ווי געפעלט עס דיר?

**מרדכי:** (זאָגט) ווען איך זאָל קיניג אחשורוש זיין,
וואָלט איך געגעבן איר קאָפּ דריין.

**המן:** פאָ, פאָ, הימלישי סריזנט סאַקראַמענטן,
הי טוט מיך די קאַנאַליע ושתי בראָטן און ברענגען
און שפּיזן אונטער מיינעם הערצן
איך קאָן ניט ליידן דעם פאָטער קיניגס לייד און שמערצן,
דען די קאַנאַליע ושתי איז וויל ווערט,
אָפּצוהאַקן איר קאָפּ מיט מיין בלויזע שווערד,
אַלע ווייבער זאָלן נעמען עקסעמפּל דראַן.

**קאַנצלער:** (זאָגט) פרוי מוטער קיניגין, וואָס פאַר איין שלים ניי ציטונג מוז איך
אייך טאָן זאָגן,
וואָס איר האָט ניט געהערט אין אייער לעבנס טאָגן,
דער פרינץ קאַוואַליר המן האָט אייך אָנגעגעבן,
מע זאָל אייך אָוועקנעמען אייער יונג לעבן,
עס זאָל אייך ניט העלפן קיין געלט און קיין זאַך,
נאָר עס זאָל פאַרגאָסן ווערן אייער יונג בלוט.

**ושתי:** געטאָן הערן,
דאָס דער פרינץ המן מיט דעם קיניג אחשורוש טוען מיין טויט באַגערן;
אָבער פון דיזער שיינער וועלט מוז איך אָפּשיידן,
אָפּשיידן מוז איך פון דער שיינער וועלט,
העלפן קאָן מיר קיינער און ניט געלט.
מיט מיינע יונגע אויגן טו איך מיך באַוויינען און באַוואַשן:
יעצט וועל איך מיך פון דעם פרינץ קאַוואַליר המן אַוועקקערן,
און מיך צו דעם פאָטער קיניג קערן.
פיליכט ווירד דער פאָטער קיניג אחשורוש מיין געבעט דערהערן.
פאָטער קיניג, פאָטער קיניג, וואָרום זייט איר אויף מיר אין צאָרן,
בין איך דען מיט איין פרעמדן מאַן פאַראומרייניקט געוואָרן,
וואָרום זאָלט איר מיר דען נישט געדענקען אין דיזער נויט,
דאָס איר האָט בעפרעסן ביי מיין עלטער-פאָטער נבוכדנצר זאָלץ מיט ברויט
דרום, קיניג, לאָזט אייך דענקען.
איך בין אין אייערע אויגן, ווי אַ יונג פייגליין,
דרום, פאָטער קיניג, שענק מיר מיין יונג לעבליין,
מיין גאַנץ גינעדיגלעכער פאָטער קיניג קאָן העלפן מיין געבעט.

**אחשורוש:** (זאָגט) עס העלפט דיר קיין גיבעט,
אויך דיין געלט און דיין גוטס טוט דיר גאָרנישט ניצן,
דו מוזט דעם גאַלגן באַשיצן.

**המן:** (זאָגט צו קיניגין ושתי) צוריק!
עס איז אייך געשען אַ גרויס אומגליק,
און דער פאָטער קיניג איז אויף אייך אין איין גרויסן צאָרן,
ווייל עס איז אייך ארויסגעוואַקסן אויף אייער שטערן אַ גרויסער האָרן!

**ושתי:** קיניג, קיניג, איז דען נישט פאַרהאַנדן אַזוי איין מענטש,
וואָס ער טוט זינדיקן קעגן גאָט אליין,
אָבער איך, יונגע קיניגין ושתי, האָט געטאָן זינדיקן קעגן זוי איין מענטש,
וואָס איז לויטער פלייש.
דרום, קאַנצלער, זאָלסט מיך אין דעם זאַל פון פאָטער קיניג מאַכן טרעטן,
אפשר וועל איך מיר מיין יונגעס לעבן אויסוויינען און אויסבעטן,
דרם אַלזוי בעט איך, דרום אַלזוי טו איך מיך שוין נייגן און בוקן,
און מוז מיר שוין—יונגע קיניגין ושתי—צעברעכן אויף צווייען
מיין יונגן רוקן...
אַז איך זע, עס העלפט מיר קיין געוויין און קיין געבעט,
אַזוי מוז איך מיר אויסשטרעקן מיט מיינע אַלע פיר צו דיזער טיר.
מיינע שווערע ביטערע זינד טוען דערוועקן,
מיינע זינד זיינען פאַר דעם אַלמעכטיקן גאָט זייער גרויס,
ווייל איך האָב געטאָן מיט יידישע טעכטער שפּינען אום שבת,
איך האָב געטאָן מיט יידישע קינדער שפּינען אין צוואָרן,
יעצט איז אויסגעוואַקסן אויס מיין הויפּט אַ גרויסער האָרן.
שבת האָב איך געטאָן די יידישע קינדער מיט אַרבעט שטערן,
יעצט גייט אַלע מיין טויט הערן.
ווייל איך קיניגין ושתי האָב מיין קיניג אחשורוש נישט ערלעך געהאַלטן,
מוז מיין הויפּט אויף צוויי ווערן צושפּאַלטן,
דרום, לויפער, מיין טויט זאָלסטו מיר געשווינד מאַכן,
דאָס קיין ייד און קיין קריסט זאָל אויס מיר ניט שפּעטן און לאַכן,
דרום, קאַנצלער, מיט ווייסע טיכער זאָלסטו מיר מיין יונגעס
בלוט צודעקן,
דאָס קיין הונט און קיין שווין זאָל דערצו ניט שמעקן
און אויך נישט לעקן.
דרום, פאָטער קיניג, צולעצט וויל איך מיט אייך גריסן,
עס זאָל אייך גאָרניט פאַרדריסן,
מיט דער אַנדערער פרוי זאָלט איר בעסער לעבן,
מיר, קיניגין ושתי, זאָל דער אַלמעכטיקער גאָט מיינע זינד פאַרגעבן.
איר, פרויען, זאָלט אייך נעמען אַ ביישפּיל דאַפאָן!

**המן:** (זאָגט צו מאַנדריש) גיי די קיניגין קעפּן.

**מאַנדריש:** (זאָגט) די קיניגין פלעפּן! וואָס! די קיניגין שלעפּן! גיין די קיניגין קעפּן. אהאַ. אהאָ, די מלכה קעפּן, אהאָ, גיי אידן! גיט דאָס מעסער איצט. קום שוין צום פינסטערן טויט און זאָג דאָס געבעט: המלאָך—דער געזאָלצענער, הגואל—דער געלער, אותי—מיר, אריך—מלכה פאַריך, מקל—דער שטעקן, רע—דער בייזער, יברך—ער זאָל מאַכן קניען, את—די קרענק, הנערים—די יונגע לומפּן, ויקרע—עס זאָל ווערן אויסגעריסן, בהם—מיט אַלע פאַרכעס, שמי—מיין נאָמען, ימח שמו—דיין נאָמען, אבותי—די געפלאָכטינע, לרוב—זאָלסט פאַרליגן, בקרב—מיט דעם קאָפּ, הארץ—אין דער ערד הערייַן. יעצט וועלן מיר זאָגן נאָך דער קיניגין קדיש: קדיש—ווען דער בעל-הבית קומט ערב פסח צויס דער מיל, טוט ער זיך אָן דעם קיטל און מאַכט אָן דעם היטל און גיסט אָן די כוסות, און מאַכט רעכט די חרוסות; נאָכדעם—ורחץ—וואַשט ער זיך, און טרייבט דעם הונט ני שט ארויס, פאַרוואָס? ווייל עס שטייט: ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו. יחץ—נעמט ער די מיטלסטע מצה און ברעכט אויף צווייען און די אַנדערע העלפט הייבט ער אָן צו קייען; כרפס—זאָג איך צו מיין ווייב: נאַ דיר גריגס. זאָגט מיין ווייב צו מיר: נאַ דיר צום רויטן. רחצה—וואַש איך זי מיט דער ערד צוגלייך. מוציא—זאָל איך קריכן אין אַ געוועלב אַריין און זאָל מאַכן אַ גראָבע מוציא. מצה—האָב אידמורא, מע וועט מיך גאַנץ גוט אָפּמצקין, מרור—וועט מיר זייער ביטער זיין. כורך—אַ קליין קינד וויקלט מען מיט ווינדעלעך, מיך—מיט גוטע שטריק. שולחן עורך—מע וועט מיך גרייטן אויף דעם הינטערן צו טיש. עבדים היינו לפרעה במצרים—אַ וואָגן מיט פאַרכעס זיינען געפאָרן נאָך מצרים; דהיינו, ראש הפאַרכעס. הפאַריך הגדול—אַ פליקעדיקער קאָפּ, הירש פאַרך; אחד שיכור, אחד סמאַרקאַטע, אחד פאַרך, אחד

קילוואַטע, כנגד ארבעה בנים. פאַרך מה אומר? וואָס זאָגט דער פאַרך, נעבעך? מע צופּט אים, מע פליקט אים, מע רייסט אים, מע קראַצט אים; אַ פאַרך קאָן קיין פרנס חודש נישט זיין, דען ער האָט עפּעס אַנדערש אויפן קאָפּ. אַ פאַרך זאָל פאַר קיין שלאָס נישט גיין, דען מע שרייט: „פרחא דעזאמקא". אַ פאַרך דאַרף אין קיין סוכה ניט זיצן, ווייל ער האָט אַ שאַרבן אויף דעם קאָפּ. אַ פאַרך זאָל מען נישט שיקן אַ הון שעכטן, דען ער פליקט זי אָפּ. אַ פאַרך טאָר מען ניט איין גאַנג שיקן, דען מע שיקט אים נאָך קולקוב, רייסט ער זיך נאָך נאַווירוע, ווי אין פסוק שטייט: ויעבידו מצרים בפאַריך. שכור מה הוא אומר? וואָס ווילט איר, נעבעך, האָבן פון דעם טרויערן שיכור. אַ שיכור איז נעבעך שטענדיק איין אבל, ווייל ער איז פשוט ביי דעם שענקער אונטער דער וואַנט. אַ שיכור — האָט זיין ווייב ביי אים אימער ברויט, דען דער מאַן פאַלט איר אימער ביי דער טיר. סמאַרקאַטי מה הוא אומר — אַ סמאַרקאַטי זאָגט: ער הוסט און שנייצט און ניסט. אַ סמאַרקאַטי איז אַ גוטער קורא. ער לייענט מיט דעם טראָפּ. אַ סמאַרקאַטי האָט מער ווי אַלע שענקערס, ווייל ער גיט אַ טראָפּן מער. ביי אַ סמאַרקאַטי קאָן מען זיך קיינמאָל ניט קיין וועג פרעגן — ער ווייזט הין און הער. אַ סמאַרקאַטי איז אַ גוטער גנב — מע קאָן אים ניט דערווישן.

קיליוואַטי מה אומר וואָס ווילט איר פון דעם זינדיקן געבריכטן האָבן? עס באָמבלט זיך, עס וואַקלט זיך און שאָקלט זיך. עס מאַכט: אָר, באָר, טשאַק, טשיק, טשאַק, ווי אין פסוק שטייט: אַ קיליוואַטי מעג אויף אַ פערד רייטן, ווייל ער דאַרף קיין זאָטל נישט, ער האָט זיין אייגענעם זאַק. אַ קיליוואַטי האָט אימער כשרע מצות, ווייל דאָס וואַלגערהעלצל ליגט אימער אויף די מייערע. אַ קיליוואַטי זאָל אין קיין וואַסער נישט באָדן, דען ער וועט די גאַנצע קהילה איינגווייקן.

(הייבט אָן צו דאַוונען) חזן בם שמיקלער זאָגן זיי דאָ מה טובו — מע זאָל המן אָנטאָן אַ ווייסע סויבע. אדון עולם — המן איז אַ לייטענער גולם. יגדל — המן ווירד צעשפּרונגען די גאַל ברוך שאמר — המן איז אַ גוי גמור. שבת ברכות — המן זאָל באַקומען דאָס נייניעריקע קדחת. יהי כבוד — המן זאָל באַקומען אַ טויט. לדור ודור — דו ביסט אַ מור. ברכו — באָרגן מיר אַ קו ביז מאָרגן פרי. פאַרפאַלן ביז לעולם ועד. (מאַכט מי שברך להמן) מי שברך בעונותינו הרבים — אַ רוח, דיר המן, אין טאַטן און אין דער מאַמען אריין. אַגג, הונט, אַ רוח דיר אין בעזונט, ונאמר אמן.

(האַקט אָפּ דער קיניגין ושתי דעם קאָפּ און גיט אַ געשריי) מזל טוב! איך האָב אַ חוילע כלה פאַר דעם קיניג אַחשורוש. זי איז געלב און גרין און שוואַרץ און ווייס און בלוי, אַזוי אַ יאָר זאָל המן האָבן. בראש איז זי ווי אַ פראָש, בראשון טוט זי זיך אין אַלעס מישן, פּייסן טוט זי מיט דער נאָז, דאָס לייב איז איר געשוואָלן, ווי אַ גלאָז, אַ היפש בערגל אויף דעם רוקן, די צונג טוט איר אויס דעם מויל אַרויסקוקן, אַ גאַנץ שיין מיידל, אַ קאָפּ ווי אַ קניידל...



יעצט פאַנגען אָן די תנאים: המגיד מראשית אחרית הוא יתן קבורה ואחרית רעה לאלה דברי הנשים שהותנו בין הצדדים. מצד החתן הנאַשער הפרעסער השיכור הבאָד-יונג כמר יאַנטיק פּייפער. מצד השני הכלה המכוערה צורתה כתואר טיט על פני חוצות, שיניה כדונג, פיה כשור הבור, מצח ככלב, מרת צאָרטל טריינע תמות מהרה. ראשית דבר החתן התחייב ליתן נדן להכלה דך שאָק ריפּנשטייסלעך ובגדים ובגדי שבת שטיוול מיט פּופּקעס, מאָלדעוואַנע הויזן, הכל לפי כבודו, באַגראָבן זאָל איך אים. ומצד השני הכלה הנ"ל מחייבת ליתן סך כ"ד לויט פערל פיבער, די קרענק דיר, מיין ליבער חתן, חוץ בגדי שבת הכל לפי כבודה. יקעסט ב' שנים. שנה אחת צו ליגן קראַנק אין סאַמע בערער הקדש ושנה אחת זאָל זיין לחצאין מיט אַ גרויען סאָפּ אויף האַמד און אַ געגלייסטן טאָפּ לכבוד שבת, אייביק דירה אויף דעם בית הקברות מזונות. מצד השני — דינעם סם מיט זעקס לייט. מיתה משונה ערב קברנים, מצד החתן דוד קושקע מן עיר מלוכה דערוואַטש ומצד השני גרונם מיטן ווייבל. היום ערב פורים צו ליכטבענטשן. תסס"ק לפ"ק סילוק התנאים.

אחשורוש: רבי, לעב, איר מוזט מסדר קדושין זיין.

(מאַנדריש איז מסדר קדושין) הרי — עס זאָל זיין ביטער צו אייך אַלע צוויי.
את מקודשת לי — קיקיריקי,
כדת משה זרח וישראל ברוך.

אחשורוש: (צו מאַנדרישן) רבי לעב, טאַנץ דאָס מצוה-טענצל.

מאַנדריש: (זאָגט) איך וועל טאַנצן, עס זאָל אייך פרעסן די וואַנצן ונאמר אמן.

המן: (פאַנגט איצט אָן דעם גורל) יודאַס, יודאַס, דו קאַנאַלישער הונט,
פאַרשליסן זאָלסטו דיין בעריש מונד,
דען איך המן בין דער זון פון אַגג פון גרויסע לייט,
דרום ווייס איך נישט, מיט וואָס פאַר אַ טויט איך זאָל די יידן שלאָגן
אָדער פּלאָגן.

זאָל איך דען די יידן שלאָגן מיט הונגער,
דענק איך מיר: הער המן, מיט הונגער קען דאָס אויך ניט זיין,
ווייל משה רבינו איז פערציק טעג און פערציק נעכט אויפן הימל געזעסן,
שווער איך, הער המן, דאָס ער האָט נישט געטרונקען און נישט
געגעסן.

אויף דעם ערשטן טאָג זונטאָג אַלזאָ וויל איך מיט די שלעכטע יידן
שטודירן

כדי איך זאָל זיי קענען מאַכן פאַרלירן,
דרום, אַלע הערן מוזיקאַנטן, לוסטיק אויפגעשפּילט!

קאַנצלער: (זאָגט) ניין, ברודער המן, זאָלסט דיר נישט קיין קרענקונג מאַכן,
דו וועסט קענען די יידן מאַכן פיין, אָדער אין שמערצן,
עס איז פאַרהאַנדן אַ מאָנאַט, אין דיזן חודש איז משה רבינו געשטאָרבן,

פאַרהאָף איך, קאַנצלער, צום אַלמעכטיקן גאָט. דו וועסט קענען אַלע
ייִדן פון דער וועלט פאַרדאַרבן.

**המן:** (זאָגט) ברודער קאַנצלער, מײַן לײַב און זעל האָסטו מיך געמאַן ערקוויקן.

(יעצט גייט דער פרינץ המן צום קיניג אחשורוש די ייִדן פאַרקלאָגן און די רעכטע מסירה אָנגעבן, עס זאָל אים פאַרקירצט ווערן זײַן לעבן.)

**המן:** (זאָגט) אָך, מײַן גאַנץ גנעדיגלעכער קיניג, אײַער קיניגרײַך זאָל
געדויערן אויף לאַנגע יאָר,
אַ קליין ווײַל וועל איך מיך, פרינץ המן, מאָן אָווירן,
און איך וועל אָנפאַנגען מיט דעם ייִדן מרדכי צו שטודירן,
אַ קליינע ווײַל וועל איך מיך, פרינץ המן, קניען,
מײַנע ווערטער זאָלן צו דעם הויכגעבוירענעם קיניג אחשורוש אין
זײַנע אויערן אַרײַנפליען,
דרום, מײַנע הערן און פירסטן, הערט אויס מײַנע צימלעכע ווערטער
און מײַנע זאָגן,
אַ שלעכט פאָלק, די ייִדן, בין איך, פרינץ המן, געקומען פאַר דעם
קיניג אחשורוש פאַרקלאָגן.

**אחשורוש:** (פרעגט) ווער איז דאָס פאָלק?

**המן:** אָך, ייִדן, אָך, אָך! אָך, ייִדן, די מחוסי) לײַט, די באַטריגער,
באַזעצט האָבן זיי דעם פאָטער אחשורוש ווי די פייגל אין זײַן גאַנץ לאַנד
און מאָן דאַרט אַלע וויגען און זיצן.
איך שווער, פרינץ המן, דאָס דער פאָטער קיניג האָט פון זיי גאָר
קיין נוצן,
און קיין וויצן;
ווען מען וויל זיי אַן אַרבעטס טייל אָפּגעבן,
טוען זיי תמיד נאָר מיט שיה פגה אָפּלעבן,
און זיי שרײַען: ״ווײַ, ווײַ, ווײַ!
אָך, אָך, אָך, — מיר זײַנען זייער שוואַך,
שבת היום, פסח היום, מיר זײַנען זייער שוואַכע לײַט,
צו קיין אַרבעטס טייל זײַנען מיר נימאָלס באַרייט.
גנעדיגלעכער קיניג אחשורוש, ווען זי וועלן מיך פרעגן,
ווי האָבן זיך דען אַזוי פיל ייִדן גענומען,
דאָ שווער איך, פרינץ המן, דאָס פון דעם עלטער פאָטער אברהם
זײַנען זיי אַלע אַרויסגעקומען.
אַלזאָ, וועלן מיר אַצינד פון דידאָזיקע זאַכן אָפּשטיין און מיט די ייִדי-
שע האָכצייטן פאַנגען מיר ווידער אָן:
גנעדיגליכער פאָטער אחשורוש, ווען די קאַנאַליע ייִדן מאַכן
האָכצייטן מאַכן,
אַ גאַנצע נאַכט מאָן זיי שפּעטן און לאַכן,
און איין איבער מיידל מאָן זיי אין טײַערע קליידער אָנצירן,

מאַה-לײַס.



אויסגעפּוצט זייער שיין טוט מען זי אַרײַנפירן;
נאָכדעם קומט אַן אַלטער מאַן צו לויפן,
און טוט זיך מיט ווײַן אָנזויפן,
און שרײַט: — ״אָך, אָך, מײַן קינד,
מאַך געשווינד צום יאָר איין קינד״.
די אַלע זאַכן זײַנען וואויל וואָר,
ווי עס קומט צום יאָר, האָט די קאַנאַליע פרוי איין קליין משהלײַן:
ווען דאָס משהלײַן ווירד אַלט אַכט טאָג,
טראָגט מען אים אין די שול אַרײַן,
דאָרט שטייט איין שטיל, דער ראַבינער טוט אויף איר זעלבסט זיצן,
אַ זילבער מעסער מאָן זיי צו דעם באַשניידן באַנוצן.
איך שווער—המן—דאָס מײַן זעבל און דעם קיניגס זעבל איז ניט פיל
שענער און ניט פיל בעסער.
ווי עס קומט. פופצן טאָג אין חודש ניסן,
איין זובער בעט מאָן די ווײַבער אויסבעסן,
פיר בעכער ווײַן מאָן זיי אָנפילן,
אָבער ווען דער קיניג מאַכט דעם ווײַן אָנריר
פאַנגט איין ייִד צום אַנדערן צו ווינקען,
זיי ווילן דעם ווײַן נישט מער טרינקען,
זיי זאָגן, אַז דער ווײַן איז יין נסך,
דער קיניג זאָל נישט דערלעבן ביז פסח.
די ייִדישע האַגטווערקער זינד שרעקליכע באַטריגער,
עס איז פון זיי גאָרנישט אויסצוהאַלטן.
(זאָגט המן ווייטער) גאַנץ גנעדיקליכער הויכגעבוירענער פאָטער קיניג אחשורוש
דער פאָטער קיניג האָט מיר איין קרייץ געגעבן,
דאָס הערן און פירסטן זאָלן זיך צו מיר בוקן און נייגן,
אַלזוי, האָבן זיך אַלע הערן און פירסטן צו מיר געבוקט פון קליין ביז גרויס,
און ווען איך קום צו דעם ייִד מרדכי צו דעם טויער,
זיצט ער זיך מיט זײַנע לאַנגע האָר.
און אַז איך זאָג צו אים, ער זאָל זיך בוקן,
זאָגט ער, דאָס איך זאָל אים זײַן קלייד פליקן.
בין איך דען, פרינץ המן, פון אַזעלכע געמיינע הערן,
דאָס איך זאָל אים אַזעלכע שלימע געמיינע ווערטער הערן,
אַ גאַלגן פון פופציק איילן הויך האָב איך געמאָן בויען,
דאָס דער יודאַס מרדכי זאָל אויף אים זעלבער שויען,
אָבער ניט ווען דעם יודאַס מרדכי אַליין,
זאָנדערן פאַר דעם גאַנצן אָרעמען פאָלק ייִדן.

**אחשורוש** (רופט אַרײַן דעם מיניסטער, ער זאָל אים די ביכער פאָרלעזן. ער לייענט אים פאַר די געשיכטע): דער קיניג האָט אַמאָל געהאַט צוויי דינער בגתן און תרש,
האָבן זיי געוואָלט דעם פאָטער קיניג גיפט געבן,
זיי זאָלן אַוועקנעמען זײַן לעבן,
האָט דאָס יודאַס מרדכי געהערט,
און האָט דעם קיניג פון טויט אָפּגעהערט.

**אחשורוש:** (זאגט) המן, וואס איז דיזער מענטש וויל ווערט,
וואס האט דעם פאטער קיניג פון דעם טויט אפגעווערט.

**המן:** (זאגט) דער מענטש איז וויל ווערט,
אויפצוזעצן אויף דעם קיניגס פערד,
און אים אנצוקליידן דעם קיניגס בעסטע קליידער,
און אין אלע גאסן אים ארומצופירן און צו זאגן: „דאס איז דער מאן,
וואס דער קיניג באגערט אים ערע צו טאן".

**אחשורוש:** די ווערטער, וואס דו האסט געטאן ריידן,
זאלסטו גלייך דעם יידן מרדכי באשיידן.

**המן:** גנעדיקער פאטער קיניג, ער איז דאך מיין פיינד און דעם פאטער
קיניגס פיינד.

**אחשורוש:** (ענטפערט) ווען ער איז מיין פיינד און דיין פיינד,
פונצן און שערן מוזטו אים היינט.

**המן:** מיין גוט און געלט וויל איך דעם פאטער קיניג געבן,
דער יודאס מרדכי זאל דאס אן מיר נישט דערלעבן.

**אחשורוש:** דיין גוט און געלט, וועסטו מיר געבן,
דער יודאס מרדכי וועט עס אן דיר דאך דערלעבן.

**המן:** (הייבט אן צו קלאגן איבער מרדכי און זאגט) איצט מוז איך, המן, אנהייבן
צו קלאגן,
דאס מוז איך צו דעם יודאס מרדכי גוטע ווערטער זאגן.
(צו מרדכי) יודאס מרדכי, שטיי שוין אויף פון דער ערד,
און זיץ אויף דעם קיניגס פערד,
און מיר, המן, איז שוין געווים דער טויט באשערט.

**מרדכי:** (זאגט צו המן) זיי דו תולה און לייג דיך אויף דער ערד,
וועל איך מיר אויף דיר ארויפשטעלן און ארויפזעצן אויף דעם פערד

**המן:** (ענטפערט) יודאס, יודאס, מרדכי, דו ביסט דיך שוין איין געלערנטער מאן,
דו ווייסט דאך וויל, וואס אין די ביכער גאסס געשריבן שטייט,
בנפול אויבך אל תשמך—
ווען דיין פיינד פאלט, זאלסטו דיך נישט פרייען,
אפשר וועט זיך עס איבערווענדן,
און קאנסטו נאך פאלן אין מיינע הענדן.

**מרדכי:** ווען עס זאל דיך אפילו ווארפן און שמיצן,
וועל איך דאך אויף דעם פערד נישט אויפזיצן,
ווארום אין מיין לעבנסטאג האב איך אויף קיין פערד נישט געטאן רייטן,
נאר איך בין תמיד געזעסן אין בית-המדרש און צעטאן לערנען
מיט לייטן.

**המן:** (גייט אהיים און זאגט צו זיין ווייב זרש) זרש, מיין הארץ, וואס פאר
שווארצע נאבריכטס כנו איך דיר שוין היינט זאגן,

-14-



דאס דער שארף ריכטער וועט מיר באלד מיין קאפ ארונטערשלאגן.
אלזא, זאלסטו צו מיר קומען מיט מיינע קינדער וויינען און קלאגן.

**המן:** (זאגט צו זיינע קינדער) מיין עלטסטער זון פרשנדתא, דו ביסט ביי מיר
מיין ערשטעס קינד,
איצט זאלסטו זען, ווי אויף דיין פאטער איז געקומען א גרויס אומגליק
אזוי גיך און געשווינד,
געסראפן, ווען איך האב מיך אנגעטרונקען מיט מעד און מיט ווין,
מוזן מיר אלע אויף דעם גאלגן זיין.
דלפון, דו ביסט ביי מיר צום צווייטן,
זעס, מיינע ליבע און געטרייע קינדער,
מיר קענען זיך שוין נישט פון דעם פארפלוכטן גאלגן אפצושטרייטן.
אספתא, דו ביסט ביי מיר צום דריטן,
זעס, מיינע ליבע גוטע קינדער, ווי די גראבע שטריק טוען אייער
ליבן טרייען פאטער באלד דערשטיקן.
פורתא, דו ביסט ביי מיר צום פערטן, דרום זעס, מיינע ליבע קינדער,
ווי איר טוט אייער ליבן פאטער באלד פארערדן.
אדליא, דו ביסט ביי מיר מיין פינפטעס קינד,
זע, ווי דיין פאטער מוז פארצוקן געשווינד.
יעצט מיינע איבעריקע פינף געטרייע ליבע קינדער,
מיר מוזן אלע פארלוירן ווערן יעדער באזונדער,
און דעם מרדכי מיט די יידן האט געטאן גרויס וואונדער

15'



№ 5.

# עקדת יצחק.

פּאַיאַץ: גוטין [1]) נאַווינס [2]), גוטין נאַווינס, מײַנע ליבע הערין.
ווייר זענע' גיקומען אַ שפּילע צי מאַכין, ביטע אינז צו הערין.
ווינשין זי צו וויסין, ווער איך בין!
דער ערשטער פון ד' אַקטיערין! [3])
די זע שפּיל פאַנגין ווייר אָן:
פאַטער אַבראַם קומט הייר אַראָן.
מיט דיזין פאַטער אַבראַם פאַנג' ציך די זע שפּילע אָן.
דיזער אַבראַם איז אײַן פרימער גיוועזין.
זי האַבין עס גיוויס אין די טורע [4]) גילעזין.
זו ווי גאָט האַט אים גיטאַן באַלירין (?),
זײַן זון יזאַק צי די עקדה צי פירין, —
גאָטעס זאַגע האַט ער גיטאַן,
אונד דאַס מעסער, צי זײַן זון צי שאַכטין, פאַנגט ער אָן.
זו האַט אײַן ענגעל בײַם האַנט אים גינומען,

[1]) דער ? איבערגאַל אין דער פּיעסע — u (לאַטײַנישע). — [2]) אַחענס. — פּיפ'ן אומבאַשטימטען אַרטיקעל: אַנ'אָווענט; אָפּהאַרטענדיק דעם אומבאַשטימטען אַרטיקעל, וואָס דאָס פאָלק אין פּוילען אַרויס דאָס וואָרט אַזוי: נאָווענט. — אַ כאַ-ראַקטעריסטישע דערשײַנונג אין דער יידישער פאָלקסעטימאָלאָגיע: דער חאַיל-קלאַנג-ן ווערט צוגעחאַפּט צום הויפּטוואָרט. — אַזוי, וואָס מען אין פּוילען: ניוויירע (עברה) — פון: אַנ'עברה; אַנשטאָט, ווידער, אַנ'עברה. וואָס מען, דעריבער: אַ ניוויירע. — [3]) דער טראָפּ אויף דער לעצטער זילבע. — [4]) תורה.





דיזער יונגע זאָל ניכט אומקומען.
דיזע גישיכטע פאַנגט אָן צי שפּילין.
ביטע שטיל, ניכט צי ווילין (?).
הייר קומט אַרײַן
פאַטער אַבראַם צי גײַן.
אַרײַן, אַרײַן,
פאַטער אַבראַם, דו מײַן! —

---

אברהם: פון מײַן זון יזאַק קומע איך צי גײַן.
ווי ליב איז ער מיר, אונד זײַן טורע ווי שײַן. —
ער זיצט אין זײַן גיצעלט פון דעם מאָרגין ביז נאַכט.
אין די היילִיגע טורע זיצט ער אונד טראַכט:

נאָט: אַבראַם, אַבראַם, קנעכ' דו מײַן!
צים באַרג מוריה זאָס' דו גײַן.
מײַן זאַגע זאָס' דו ניכט פאַהוילין,
אונד יזאַקין פיר אײַן אָפּער זאָס' דו מיר קוילין.
דו זאָס' ניכ' טראַכטין, דו זאָלסט ניכט שטײַן:
מי' דײַן זון יזאַק צים באַרג מוריה זאָס' דו גײַן.
יזאַקלין פיר אײַן אָפּער זאָס' דו מיר טאַן געבין.
יזאַקלין דײַן טרײַסט, יזאַקין דײַן לעבין. [1])

אברהם: אין גאָטעס זאַגע ווערד' איך ניכט פאַהוילין,
אונד מײַן זון יזאַק ווערד' איך פיר אײַן אָפּער קוילין.

---

פּאַיאַץ: ביטע, מײַנע הערין, שטילער צי זײַן.

[1]) בראשית, כ״ב, א׳ — ב׳.

דיזער יזאַק קױמס היר אַריין.
ער איז נױך יונג, אונד איז נױך קליין.
ביסע אַריין, אַריין, אַריין,
יזאַק דו מיין.

**יזאַק:** אין מיין גיצעלט וואַר איך גיזעסין,
אין גױטעס טױרע האַב' איך ניכט פאַרגעסין.
גױטעס טױרע טאָט ווי איין מוטער דאַס קינד פאַזיגן,
אין גױטעס טױרע טאָ איך טאַגע אונד נעכט קליגן.

**אברהם:** יזאַק, יזאַק, קינד דו מיין!
צים באַרג מוריה ווערדין ווי̇ר גיין.
דער ליבער האַר גױט האַט מיך באַפױלין,
דיך פיר איין ױפער צו טאַן קוילין.¹)

**יצחק:** ליבער פאַטער, פאַטער דו מיין!
צו די עקדה טאָ איך גיין.
איין ױפער פיר'ן האַר גױט ווערד' איך מיך אָבגעבין.
מיר איז דאָך ניכט טייער מיין לעבין.
די מוטער אין דער היים זי ווערדעט דאַס דערהערין, —
ווער ווערדעט קענען אָבוואַשין אירע הייסע טרערין!
ביז נײַנציק יאָר אי' זי איין עקרה גיזעסין,
זי האַט גימיינט, אַז דער האַר גױט האַט זי כױן פאַרגעסין;
זי האַט גימיינט, דאַס דער האַר גױט ווערדעט זי כױן ניכט באַין,
ױף דער עלטער האַט איר דער האַר גױט אַ זױן
גיטאַן טראָגין.

¹) אין דער תורה גייט די זאַך צו אַנדערש: יצחק ווייסט ביז דער לעצטער מינוט ניכט, וואָס אברהם גייט טאָן מיט אים. — בראשית, כ״ב.





ױף דער עלטער האַט איר דער האַר גױט אַ זױן
גיטאַן שענקען.
אצינד ווערדעט מען אים ױף דער עקדה אומברענגען.
פאַטער, פאַטער, דו זױלסט גאַר ניכט קלערין,
אַז גױטס בעפעלע ווערד' איך ניכט צוהערין. —
גױטס בעפעלע ווערד' איך טוין,
דער ליבער האַר גױט זױל זיך פאַר מיין מוטער בעמיהין,
דער ליבער האַר גױט זױל זי גידענקען,
אונד דיזע זאַכע זױל זי ניכט קרענקען.

**אברהם:** יזאַק, יזאַק, קינד דו מיין!
איך, דיין פאַטער, הער דיין גיוויין.
וועגין דיין מוטער זױס' דו ניכט קלערין.
צו גױטס בעפעלע זױס' דו צוהערין.
דיין מוטער מעג וויינען, דיין מוטער מעג לאַכין,
אַזױ ווי גױטס זאַגע, זױ מוז מען מאַכין! —
זױ ווי גױטס זאַגע, זױ מוז עס זיין,
אונד צו די עקדה מוז' דו, קינד, גיין.

**יצחק:** צו די עקדה טאָ איך שױן גיין.
ווי ווערדעט דער פאַטער הערין די מוטערס גיוויין!
די מוטער ווערדעט וויינען, די מוטער ווערדעט קלאָגין,
ווי ווערדעט דאַס דער פאַטער קענען איבערטראַגין.

**אברהם:** דאַס איבערצוטראַגין ווערדען ווי̇ר זיך בעמיהין,
אונד גױטעס זאַגע מיסין ווי̇ר טוין.
(ביידע גייען אַרויס.)

---

**פאַיאַץ:** ביסע, מיינע הערין, שטילער צו זיין,
די מוטער סאַרע קױמט היר אַריין.

בּיטע אַריין, אַריין, אַריין,
מוטער סאַראַ, דו מיין!

שרה: יִזאַק, זיִזאָ איין קינד, אַזאָ איין ברילאַנט.
ווִי גאָט האָט גישאָנקען אין מיינע האַנט!
אַזאָ איין קינד, אַזאָ איין ליכט,
זאָ ווִי די זאָנע שיינט זיין גיזיכט;
ער זיצט אין זיין גיצעלט אונד לערינט טאָרע ווִי שיין.
אונד מיין האַרץ טאַט פאַן ליבּע ציגיין.

איינער: סאַראַ, סאַראַ, זעי, וואַס איך ווערדע דיר ווייזין:
אַבראַם אונד יִזאַק האַבּין גיטאַן קיין מוריה רייזען:
דער ליבּער האַר גאָט האָט אַבראַמען בּעפוילין,
זיין זאָן יִזאַק אָף דער עקדה צו קוילין.

שרה: יִזאַק, יִזאַק, קינד דו מיין!
איך וויל שאָן ניכט לעבּין מיין!
(שרה פאַלט טויט. מען טראָגט זי אַרויס).

---

(אברהם און יצחק קומען אַריין)

אברהם: (בּינדט יצחקן).

יצחק: דאָס לעצטע מאַל, פאַטער, שפּרעכט שאָן דיין קינד:
פאַטער אונד מוטער, בּלייבּין זיִ גיזונד.

אברהם (גייט אים שעכטן).

---

מלאך: אַבּראַם, אַבּראַם! האַלט אָפּ דיין האַנט!
גאָט האָט גיוואָלט פּרוּבּין דיין פערשטאַנד.





דיִען יונגע זאָסט׳ דו ניכט שעכטין:
גאָט האָט נאָר גיוואָלט זעין, וואַס דו ווערדעסט טראַכטין.
ווייל ס׳איז ביי דיר ניכט טייער גיוועזין דיין זאָנס לעבּין.
ווערדעסט גאָט דיר די ערד פאָן דיזען לאַנד געבּין.
גאָט ווערדעסט דיך אין לאַנד פאַמערין.
ווערדעסט זיין זאָ פיל, ווִי אין הימעל די שטערין [1].

רופין (פלאָצקער גוב.) לייב ראָזענשטראַך.

---

[1]) בראשית, כ״ב: י״א—י״ב ט״ז—י״ח.

№ 6.

# עקדת יצחק.

(צווייטער וואַריאַנט).

---

לאַפּער: שנאַדאַ [1], לאַקאַ, לאַפּאַ, לאַס צעך הערין:
אַלי הערין, אַלי פּאַרשטין, אַלי גראַפּין
זיי זאָלין זאַן דעבאַ [2].
אַטנאַ (?), אַטנאַ!
דאָ מעיאַ [3],
יעך [4], מלאך מכאל, בין גיקימען אַהעיאַ [5].
פאַר אַיין מלאָך מכאל בינ'עך [6] גינאַנד.
גישיקט בינ'עך גיוואָרין פּרלווין צדיק אברהם אין דלזיס לאַנד.
אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: יהוה צדיק, נאָך איי וויזין [7].
וואָס גרעסאַ דאַ [8] צדיק איז, טלט'אַ [9] עם [10] באַפּרלווין.
שטאַם, ראַם, צאַם, שמאַסין אין טיש פּענסטע אָס,
דל אַלי בלכאַ פין דלזי שעינק,
דל אַלי טישין צי דלזי' בעינק.

---

[1] שנײַדער. — די ענדונג ער, אין ווערטער, וואָס באַשטייען פון 2 זילבען און בער, ווערט אין לובלין אויסגעשפּראָכען, ווי אַ (אין וואָלין אויך אַזוי). — [2] רעדכע. — [3] מער. — אין איינזילביקע ווערטער ווערט די ענדונג ער אין לובלין (און אין וואָלין) אויסגעשפּראָכען, ווי עיאַ. — [4] אין אַ סך פּוילישע געגענטען זאָגט מען יעך (אין קרעמענעץ, וואָלין, — עך). — [5] אַהער. — [6] בין יעך — בין איך. — [7] — ?... — [8] דער — אייגענטליך דעיאַ נאָר, אַלס אַרטיקעל, אין שנעלען רעדען, — דאַ, ד'. — [9] טוט ער. — [10] אים. —





דאָ עלין אַראַנקימעץ' קראַזין צוואַ [1], —
אין דלזי צוואַ עלין מאַכין אַ ליאַרעם אין איין גישראַ [2].
ווע יאַ זענע' זיי!
צדיק רב אברהם.
דאָ ס' אַראַנקימע' זאַני צען-צוועלף גיבאָטיני מענטשין,
עלין אָנהייבין צי זאָגין, צי זינגען אי' צי בענטשין.
אָבאַ [3] דאַ צווייטאַ פּרזאַראָנאַלסקי (?) שטן;
עיאַ [4] האָס גיטלין דל מצות פין בורא-עולם אָדרלנגען [5].
אין דערום, אל ישראל, קימ'עך האָרכיין.
צדיק רב אברהם טאָאַ [6] אין דרויסין ניש לעינגע שטיין.
אַריין, אַריין, אַריין;
צדיק, רב אברהם, דו מיין!

---

אברהם: אַזוי ווי יעך, צדיק אברהם, בין אין דרויסין גישטאַנען,
אָב'עך גיהעיאַט [7] אַ קול: „אברהם! אברהם!"
פאַר איין גיוויס [8], טלט דאַ מלאך מכאל פין מלאַ [9] פּאַלאַנגען.

מלאך: ווייסטי דע' ניש, וואָס כ'על דלאַ טלין גיבלטין!
דל זאָסט נעמען דאַן זלן יצחק לעיבין פאַר איין קרבן גיבלטין!

אברהם: אוי, גאָט, מאַן גאָט, וואָס פאַר אַ בשורות-טובות:
יעך אָ [10] פין דלאַ דלזי רגע גיהעיאַט!
יהוה יתברך, אוי ווי מלאַ ניש, יעך אָ מאַן זלן
יצחק לעיבין פאַר איין קרבן באַקעיאַט.

---

[1] קרייזען צווי. — [2] געשריי. — [3] אָבער. — [4] ער (אין וואָלין אויך קיאַ). — [5] אָ—אָפּ. — [6] טאָר. — [7] געהערט. — [8] אין פּוילין געברויכט מען אַלס שרוועריבוים אָנשטאָט „גיצווים", עפּטער: „פאַר איין געווים". — [9] מיר (אין וואָלין אויך מיאַ). — [10] האָב.

דערצי? וויס'עך ניש, וועימע' מ?סטי מײַנען:
צי דעם גרויסין, צי דעם קלײַנעם!
צי ישמאל דעם גרעסטין!
ȣדאַ ניין: מאַן האַרציקין זין, יצחק לעיבין, דעם בעסטין!

כלאך: אברהם, אברהם, פאַ' די בשורה, וואָס כ'בין דיאַ גיקימע' זאָגין,
זȣסטי דאַני מצות נאָכיאָגין.
זȣס' טלין, וו? אין פסוק שטייס: „את בנך את יצחק"[1].
נעם דאַן גילי?בסט קינד, דאַן גיליבסט האַרץ,
זיי עם מקריב פאַר אײַן קרבן צי גȣט.

---

יצחק: אַך, מאַן ליבהאַרציקאַ פאָטאַ אברהם!
ס'מעיג זאַן, וו? ס'עט, אַבȣ[2]) ס'ȣל ניש זאַן
פאַ' מיאַ צי שוועיאַ.
אוי ווי מיאַ, מאַ' מיטאַ[3] שרה, ȣ' דאָ גיהאַלטין
אַ באַזונדאַ חדר;
ד' אָס'מאַ[4] אָנגיטלין אַלי שענסטי, אַלי בעסטי קלײַדאַ
אין ȣט'מאַ גיזאָקט די ליבי זאַג,
ȣ' „גȣט. וויס, צי כ'על דעך שוין מײַן זעיין, וו? דעם
האַנטיקין טאָג".
אוי ווי, מאַן פאָטאַ אברהם ȣט ניש גיוויסט,
וו? עיאַ זȣל מעך פין מאַ' מיטאַ שרה אָשײַדין, —
איז'אַ גיגאַנגען, אוי ווי, וו? אין פסוק גישטעלט,
אין ȣט'מאַ גיזאָקט: „גיי אַהיים אין דאַן גיצעלט". —

---

[1]) I. c. כ"ב, ב'. — [2]) אבי. — [3]) מוטער. — [4]) מיר (מיאַ, מאַ — אין מיט־
לין אויך מיר).





שטן: אַזוי וו? יעך, שטן, ט? איבאַ די גאַנסטי וועלט אַרומשוועיבין:
ȣב'עך גיהעיאַט, אַ' ס'גיפינ'צעך אײַנאַ,
אַ באַוו־אָ היהו האַמאַמאָם,
עיאַ ט?' צאַן זין יצחק לעיבין פאַר אײַן קרבן אָגעיבין.
דערום ȣב יעך מעך פאַשטעלט פאַר אַ שוואַרצין מאָען,
אין פאַר אַ וואַסין מאָען,
יעך ȣ מיט עם אָנגיהויבין שמועסין שײַני ווײַלי רייד,
יעך מיו עם פין די זאַך מבטל זאַן.

---

אברהם: רב קרוב כלב, וואָס ליקט'אַ[1] דאָ!

שטן: יעך ליג אין ליג מאַ אַליין אין דר'עיאַס[2].

אברהם: רב קרוב כלב, וואָס ליקט'אַ פȣרט דאָ!

שטן: יעך ליג שוין דאָ דראַ טעיג אי' דראַ נעכט, ס' אי'
ניש גיקימע' קאַ ביסין ברויט אי' מײַני אויגין, —
ס'שלעיפאַט[3]) זײַאַ[4]) מעך.

אברהם: רב קרוב כלב, וואָס ליקט'אַ פȣרט דאָ!

שטן: יעך ליג שוין דראַ טעיג אי' דראַ נעכט, ס'אי' ניש
גיקימע' קאַ ביסין שלאָף אי' מאַ'[5]) מȣל[6]), —
ס'הינגאַט מעך זײַאַ.

אברהם: כאַ, כאַ, כאַ! גיי אַהיים צי מאַן וואַב שרה, — זי' איז
אַ גאַנטס גיטי אין ט'אַך געיבין אַ קרעינק צי עסין.
קרוב כלב, וואָס זענט'אַ![7])

---

[1]) איר. — [2]) דר'ערד. — [3]) ס'שלעפערט. — [4]) ווייער. — [5]) מײַן. — [6]) מויל.
[7]) זענט איר.

17.

# מכירת-יוסף שפּיל*)

(וואַריאַנט M)

## פּראָלאָג

**איינשרייער:** האָטס געדילד! האָט'ס געדילד!
מיינע ליבע לייטע!
יעקב מיט זיינע צוועלף שטאַמען
זענען בעקאַנט אין דער גאַנצער וועלט.

**פּאַיאַץ:** די קאָמפּאַניע האָט ער היר אוועק-געשטעלט.
פּאַוויאַן די אַפּע, בעצייג דיינע זאַכע,
וואָס די לייטע מאַכט צו לאַכען.
וואָס זאָל מען מאַכען?
זינגען און לאַכען
לאַכען און זינגען!
בעצייג דיינע דינגען!
צייג דיינע מיצע!
זי איז אונטן ברייט
און אויבן שפּיצע!
מיין מעלאָדיע צו ענדע
איר קענט קלאַטשען מיט די הענדע.
שווייגט יעצט שטילע!
בעטראַכט די הילע!

---

*) דער וואַריאַנט שטאַמט פון לעמבערג. איך פאַרדאַנק אים דעם בעוואוסטן פאַרביינ[?] ... היסטאָריקער ... ער האָט דעם וואַריאַנט אין זיין יוגנט געהערט זינגען פון דער פרוי נ., וואָס געדענקט דעם שפּיל נאָך זינט דעם יאָר 1830.



# 1-טער אקט

### 1-טע סצענע

### יעקב און יוסף

**יעקב:** יוסף מיין זון, איך וועל דיך א קליין שטיקעלע וועג שיקען
אַז דו זאָלסט אויפן וועג באַגליקען!
**יוסף:** מיין פאָטער, איך בין אָנגעגרייט צו דיין באַפעל!
**יעקב:** איך וועל א קליין שטיקעלע וועג מיטגיין
כדי דער וועג זאָל ליכטיג זיין.
(יעקב אָפּ.)

### 2-טע סצענע

### יוסף און דער מלאך

**מלאך:** יוסף! יוסף! וואו טוסטו אַהין קריכען?
**יוסף:** פריינד! פריינד! איך גיי מיינע ברידער זוכען.
פריינד! פריינד! איך בין שוין מידע היינט פון די גרויסע היצען.
איך ווייס נישט, וואו מיינע ברידער זיצען.
**מלאך:** יוסף! יוסף! דיינע ברידער זענען געגאַנגען נאָך גותן
זיי וועלן דיך פון ברודערשאַפט אָפּשטויסען.
**יוסף:** פריינד! פריינד! מען זאָל מיר מיין הארץ שפּאַלטען
מיין פאָטערס באַפעל מוז איך האַלטען!
(מלאך אָפּ.)

### 3-טע סצענע

### יוסף אליין

**יוסף:** מיין פאָטערס, זיין וואָרט צו ערפילען.
אזוי גיי איך אַהין מיט גרויסע שמערצען
ווי איז מיר מיינע געפילען,
די צובראָכען מיין הערצען
אין מיינער ברוסט!
אין דיינעם שוץ!
לעבעט וואָל! אזוי בלייב איך אַליין
ווער ווייס, אויב איך קום שוין מיין (-מער)

-22-

4-טע סצענע

## יוסף און די ברידער

יוסף: פריד צו ענק, מיינע ליבע, געטרייע ברידער
ענקער פאָטער האָט ענק געלאָזט שיקן אַ גוטן פרי-מאָרגן·

די ברידער: עוכר ישראל! וואָס האָסטו פאַר אונז צו זאָרגן!:
אין כח וועט מען זיך האַלטען
דעם מח וועט מען דיר צושפּאַלטען,
רעדסט נאָך איין וואָרט
איז בלוט אויף דיין אָרט.
דורך די ערד וועט מען דיך שמייסן,
ווי אַ הערינג וועט מען דיך צורייסן!
אַזוי אַ קליינער יונג,
זאָל האָבען אַ פאַלשע צינג!

יוסף: ליבע ברידער, געטרייע! טוט זיך אַביסעלע דעם כעס איינהאַלטן
לאָזט מיך אַהיים צו מיין פאָטער יעקב, צו דעם אַלטען.
געדענקטס דעם לעבעדיקען גאָט,
וואָס הימעל און ערד באַשאַפן האָט!

די ברידער: הערטס נישט צו זיין יאָמער און קלאָגען
טוטס דעם עוכר טויט שלאָגן!

יוסף: אוי, ליבע ברידער, געטרייע! וואָס האָט עך געטון אייך
מיר אַזוי דערצערנען?!
לאָזט מיך אַהיים גיין צו מיין פאָטער יעקב, תורה לערנען.
אוי ליבע ברידער, געטרייע! איך וועל ענק צושווערען
אויפן שטיקעלע ערד
לאָזט מיך אַהיים גיין צו מיין פאָטער יעקב, אויב איך
וועל רעדן אויף ענק אַ שלעכט וואָרט.

ראובן: ברידער! ברידער! שטייטס נישט אַזוי באַטריבט
נעמט דעם עוכר, וואַרפט אים אין די גרוב!

יוסף: אוי, ליבע ברידער, געטרייע! צי האָט עך פאַרגעסן גאָט
וואָס הימל און ערד און מיך באַשאַפן האָט!
געדענקטס אין מיינע יונגע יאָר,
עס ציטערט אויף מי יעדוועדערע האָר!

מען לייגט יוסף אין גרוב.



5-טע סצענע

## די ברידער:

ווי שיין, ווי פיין,
איז נאָר אָנצוזען!
יעצינד זענען מיר
ברידער צען!
טרינקטס! טרינקטס: מיינע ליבע ברידער!
אָווענד יעצט, וועלן מיר זינגען לידער.
טרינקטס! טרינקטס! מיינע ליבע מענשען
אָווענד יעצט, וועט אונז גאָט בענטשען.
טרינקטס! טרינקטס! מיינע ליבע קינדער
אָווענד יעצט, וועט מען פירן די שאָף צו די רינדער.

(אַלע אם)

6-טע סצענע

## יוסף אויפן גרוב:

פאַרפלוכט זאָלן ווערן די ווילדע טירען
זיי זאָלן חס-ושלום מיין לייב אָנרירען.
פאַרפלוכט זאָלן ווערן די עקדיסען און שלאַנגען
זיי זאָלן חס-ושלום מיין לייב דערלאַנגען.
עקדיסען און שלאַנגען, איך באַשווער אייך בײַ אייער מויל
נישט אָנצורירען יאָזעפ'ן יעקב'ס געליבטעס קינד.

7-טע סצענע

## יוסף אויף רחלס קבר:

אוי פריה צו דיר ליבע, געטרייע מוטער
ווי איז צו מיר און ביטער
ווי שלעכט איז מיר, ווי ביטער איז מיר
איך בין געוואָרן פאַרטריבן יונגערהייט פון דיר.

אך מוטער, מוטער, פרעג אויבן: אויב עס איז רעכט!
צו איין ברידער דעם אַנדערן זאָל פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט.

אַך מוטער, מוטער, הער מיין געוויין
אז נישט, וועל איך זאָגן: כ'בין געבוירן פון א שטיין.
ווי שלעכט איז מיר און אזוי וו...

אוי, מוטער, מוטער! האָסט געפלעגט פון מיר צו קוועלן
האָסט מיך נישט געלאָזט דעם באָרוועסן פוס אויף דר'ערד שטעלן
היינט האָבן מיך מיינע ברידער געטון פאַרקויפן
היינט מוז איך באָרוועס און נאַקעט די טערקן גאַכלויפן
אוי שלעכט איז מיר...

אוי, מוטער, מוטער! האָסט געהאַלטן פון מיר אפעל-אויג
האָסט מיך נישט געלאָזט פון דיין שויס!
מוטער, מוטער! האָסט געפלעג פאַר מיך זיך צו באמיען
דו האָסט נישט דערלעבט, ביז 13 יאָר מיך צו דערציען.
מוטער! מוטער! הער מיין געוויין
ווי שלעכט איז מיר...

**רחל** (פון קבר ארויס):

גיי מיט! גיי מיט! עס וועט דאָרט אויך גוט זיין!

## 2-טער אקט

### 1-טע סצענע

### פוטיפר, יוסף, זליכה.

**פוטיפר** (צו זליכהן):

איך האָב דיר געבראַנגט א יודישן קנעכט
איבער אלעם האָט ער צו רעגירען,
נאָר מיינע פרוי נישט אָנצורירען.

(פוטיפר אָפּ)

### 2-טע סצענע

### יוסף און זליכה

**זליכה:** אַך יאָזעף, מיין קינד!
איך בין דאָך זער קראַנק



איך בין ניט קראַנק אָבער מיינע קראַנקהייטן
נאָר בלויז איבער דיינע שענהייטן!
איך בין יונגעס ווייבכען
איך האָב אַן אַלטן מאַן
ווייניג ווייס איז מיין ליבכען
מען זעט מיר גאָר ניט אָן.

ער ליגט אין בעט און שוויצט!
ער שפּרעכט: עס איז אים קאַלט!
ער האָט שוין מער קיין היצע
ווייל ער איז שוין אַלט.

אַך יאָזעף, מיין קינד
געב מיר דיין הענדעלע
איך בין גאַנץ קראַנק
פון דיין שענהייט.

(יוסף דערהויבט איר)

פוטיפר מיין מאַן
קום נאָר אַרײַן!
גאָט וועט דיך שטראָפן!

(פוטיפר קומט אַרײַן)

דער יידישער וועכטער
ער וויל מיט מיר שלאָפן!

(מען פירט יוסף אוועק)

### 3-טע סצענע

### יוסף אין תפיסה

מיין אומגליק איז מיר גרויס
איך פיל שוין ניסט קיין ל״דן
פאַר מיר איז שוין קיין טרייסט
גויכעט קיינע פריידען!

יעצינד איז שוין צייט,
ביין לעבנס-ענדע קאָמע(ט) (-קומט)!

אַך אָבער און נײַן!
ווי טונקעל שײַנט די זונע (-זון)
פון הימל ביז די ערד אַרונטער.

## 3-טער אַקט

### 1-טע סצענע

### יעקב און די זין.

**יעקב:** ראובן מײַן עלטסט געבוירענער זון
וואָס טוסטו אַזוי שלעכט אויסזעען!

**ראובן:** פאָטערלעב, מיר האָבן דרײַ טעג און דרײַ נעכט
ניט אונזער ברודער יוסף געזען!

**יעקב:** ראובן מײַן עלטסטגעבוירענער זון,
וואָס איז ענק אַזוי שלעכטס פּערלאָפן

**ראובן:** פאָטערלעב, מיר האָבן דרײַ טעג און דרײַ נעכט
אונזער ברודער יוסף ניט געטראָפן!

**יעקב:** ראובן, מײַן עלטסטגעבוירענער זון
וואָס טוט ענק גאָט אַזוי שטראָפן!

**ראובן:** פאָטערלעב, מיר האָבן דרײַ טעג און דרײַ נעכט
ניט געשלאָפן!

**יעקב:** ראובן, מײַן עלטסטגעבוירענער זון
וואָס טוט עך אַזוי שלעכט אויסזעען!

**ראובן:** מיר האָבן דרײַ טעג און דרײַ נעכט
קיין ביסן פאַר די אויגן ניט געזען!

**יעקב:** ראובן, מײַן עלטסטגעבוירענער זון,
וואָס טוט עך איינער מיטן אַנדערן אַזוי ברומען!

**די ברידער:** פאָטערלעב, מיר האָבן אַ צייכן
פון אונזער ברודער יוסף געפונען.

(ווייזן דאָס העמדל)

אַזוי הכר נא הכתונת בנך היא
זע נאָר, אויב דאָס העמדל איז פון יוסף, דײַן ליבן זון!



**יעקב** (דערקענט דאָס העמדל):
הכר נא הכתונת בנך היא!
אוי דאָס העמדל איז דאָך פון יוסף, מײַן ליבן זון.

(יעקב חלשט)

### 2-טע סצענע

### די ברידער און יעקב

**די ברידער:** שווייג און שטיל
אום גאָטעס ווילן!
אום גאָטעס ווילן
אום גאָטעס קווייל.

**יעקב** (דערוואַכט): ווי קאָן איך שטיל שווייגן מיט מײַן קינד
אַז איך זע ניט יוסף'ן מײַן ליבעס קינד.

**די ברידער:** שטיל, שטיל!

**יעקב:** ליבער וואָלט איר מיך געלאָזט שלאָפן
דעם אייביגן שלאָף!
דער השם יתברך האָט מיך געטון שטראָפן:
מיט אַזוי אַ שטראָף.
אַך, יוסף מײַן ליב קינד, ווײ צו מיר און צו מײַן אבר
אַז יוסף נעבעך ליגט אין קבר
פערצן יאָר האָב איך געטון דינען
בײַ לבנ'ען פאַר זײַן מוטער!
אַך איז מיר, ווי און ביטער!
איך האָב דאָך אייביג געטון זאָגן:
דער העכסטער בוים, דער קלענסטער שטאָפּעל!
די שענסטע פרוכט, דער בעסטער אַפּעל!
ווײ צו מיר און צו מײַן אבר,
חיות־רעות זענען אויף זײַן קבר.
יוסף מײַן ליב קינד, ווײ צו מיר און צו מײַנע אַלטע יאָר
געדיסטן א״ה יוסף'ס קבר!

## 4-טער אַקט

### 1-טע סצענע (פראַגמענט)

(די ברידער קויפן תבואה ביי יוסף;)

**שמעון** (נעבינדע):
איך בין ווערט, צו ליגן געבינדען אין אייזערנע קייטען
אַז איך האָב געטון מיין ברודער יוסף כויסן

### 2-טע סצענע (פראַגמענט)

### די ברידער אויפן וועג

**די ברידער:** אין דיזער היידע
טון מיר זיך אנידער זעצן
צו קלאָגען אונזער לײדע
אונזער ברודער יוסף ניט צו פארגעסן

### 3-טע סצענע (פראַגמענט)

### שרה בת אשר און יעקב

**שרה בת אשר:** זיידעשי, דו מיינסט:
יוסף איז פאַרביי!
ניין! ניין! יוסף איז חי!
גאָטס גבורה איז קיינער ניט אימשטאַנד.
יוסף איז קעניג איבערן לאַנד!
**יעקב:** דו זאָלסט אזוי לעבן, ווי יוסף לעבט!



## I

# עקידת-יצחק-שפּיל

## פּראָלאָג

### מלאך מיכאל און יצחק.

**מלאך:** אַ גוטן אָוונט! לויפן לאָזט מיך אַריין!
הא! הא! הא! אַרויף, אַרויף אַלע טישן אויף טיש און שבנק
אַלע ביכער אויף טיש און בענק!
יעדע פרוי צו איר מאַן!
דאָ וועלן אַריינקומען קרימיקן*) אַווי,
וועלן זיי מאַכן אַ געליאַרם מיט אַ גרויס געשריי.
אַריין! אַריין!
**יצחק:** אוי וויי, אוי וויי,
ווער זענען זיי?
**מלאך:** דער ערשטער וועט זיין צדיק אברהם,
וואָס ער טוט צום אייבערשטן זאָגן און זינגען.
דער צווייטער וועט זיין פּשיאַ**) גנבישער שטן,
וואָס ער טוט די מצוה אָראָפּברינגען.
אַריין, אַריין, אַריין
צדיק אברהם קומט אַריין. צו גיין!

---

*) שפּילער (קרימוקן די, וואָס פאַרקרימען זיך, פאַרשטעלן זיך.
**) הינטישער (פון פּויליש psi).

## ערשטער אקט

### 1־טע סצענע

### מלאך – אברהם

**אברהם:** איך אברהם בין אין דרויסן געשטאַנען,
האָב איך געהערט אַ קול מיט אַ געשריי,
איבער דעם טוט מיך מלאך מיכאל פאַרלאַנגען.
אָ מלאך מיכאל! וועלכן טוסטו מיינען,
צי ישמעאל׳ן דעם גרויסן, צי יצחק־לעבן דעם קליינעם?

**מלאך:** אברהם, אברהם! מיינע רייד זאָלן גיין אין דיינע אויערן אריין!
גאָטס געבאָט זאָלסטו נישט משגה זיין.
אברהם, אברהם! טוסט מיך פרעגן, וועלכן זון איך מיין?
דער אויבערשטער האָט געהייסן דעם שענסטן און בעסטן זון,
דו זאָלסט מיט אים צום באַרג מוריה גיין!
דאָרטן וועט ער באַווייזן אַ גרויס וואונדער,
דו זאָלסט נישט לאַנג שמועסן, ווייל דו מעסט באַצאָלן
שטראָף פאַר יעדן וואָרט באַזונדער.

### 2־טע סצענע

### יצחק – שטן

**שטן:** איך שטן טו אויף דער גאַנצער וועלט אַרומשוועבן,
כ׳האָב געהערט: אברהם וויל זיין זון יצחק פאַר אַ קרבן געבן.
(צו יצחקן:) אָך מיין ליבער, האַרצעדיקער ברודער יצחק־לעבן,
איך וועל דיך בעטן. צום קרבן מזבח נישט צוטרעטן.

**יצחק:** אוי, דו שטן! אוי דו שטן! ווי קאָנסטו אַזעלכענע רייד זאָגן,
צי האָסטו נישט, צי האָסטו נישט געזען,
ווי מען האָט דאָס האָלץ מיטן פייער, מיטן מעסער
אויף דער עקידה געטראָגן?

(ווענט זיך אויף דער עקידה)

מיין מוטער שרה, מיין מוטער שרה האָט געטון צו
מיין אַלטן פאָטער ווינקען:
אברהם, אברהם, זאָלסט זען, מיין זון יצחק־לעבן
אין חדר אָנצוזינגען.
מיין מוטער שרה, מיין מוטער שרה האָט מיך געפירט
אין אַ באַזונדער חדר



זי האָט מיך אָנגעקליידט, זי האָט מיך אָנגעקליידט אין רי
שענסטע און בעסטע קליידער.
זי האָט געזאָגט, זי האָט געזאָגט:
גיי מיין קינד,
בלייב געזונד!
מער ווייס, צו מען וועט זיך נאָך זען
מער, ווי דעם היינטיקן טאָג?
כ׳בין געקומען אויף יענעם עולם,
כ׳בין געקומען אויף יענעם עולם,
בין איך געבליבן ביזן האַלז אין וואַסער שטיין,
אַלץ איבער זייערע (־דעם שטנס) אָנשטעלן
אַלץ איבער זייערע אָנשטעלן.
האָבן זיי מיך געטון פרעגן,
אַצינד איז געקומען די ליבע צייט, וידוי צו זאָגן.

(הייבט זיך אויף און דרייט זיך אַרום דעם מזבח)

### 3־טע סצענע

### יצחקס וידוי:

**יצחק** (זאָגט)**:** פאַר איין קרבן גיי איך
מיט מיין האַרץ און מיט מיין גאַנץ לייב.
פאַר איין קרבן גיי איך
כ׳האָב אַזאַ איידל געשטאַלט.
פאַר איין קרבן גיי איך
כ׳האָב קיין שום קינד און ווייב.
פאַר איין קרבן גיי איך
כ׳בין נאָך קיין 34 יאָר נישט אַלט.

(ווענט זיך צוריק אַנידער, דער שטן לייגט זיך אים אין דער
ברייט צו זיינע פיס)

## אינטערמעדיע

### אברהם – שטן

**אברהם** (קומט צו צום שטן)**:** רב קרוב, רב כלב, וואָס ליגט איר דאָ?

**שטן:** כאַ, כאַ! וואָס איך ליג דאָ? ס׳איז געווען אַ דינסט, אַ ש...

מאָל יצא, האָט זי אויסגעקערט די שטוב, האָט זי געלאָזט ליגן
אַ שטרוי, בין איך געפֿאַלן, ליג איך דאָ!

**אברהם** (גיט אַ טופּ מיטן פֿוס): רב קרוב, רב כּלב. וואָס ליגט איר פֿאַרט דאָ?

**שטן**: אין באַ–אַ–אַ–ד אַריין!

**אברהם**: זענט איר אַ בעדער?

**שטן**: חאָס, האַ? אין בין אַ בעדנער.

**אברהם**: מאַכט איר שעפֿעלעך? צו באַשלאָגס איר?

**שטן**: איך מאַך!

**אברהם**: וואָס?

**שטן**: שעפֿעלעך, שקאַפּקעס, וואַנעס, באַדיעס*), אייך אויך אַ באַדיע!

**אברהם**: אָבער, רב קרוב, רב כּלב, וואָס ליגט איר פֿאַרט דאָ?

**שטן**: אין שול אַריין!

**אברהם**: זענט איר אַ שמש?

**שטן**: וואָס? האַ? איך בין אַ שמ–שמ–שמש!

**אברהם**: איר זענט אַ שמ–שמ–שמש, זאָגט־זשע מיר, ווען די תּקופֿה איז געפֿאַלן?

**שטן**: ווען די ק?ה איז געפֿאַלן?

**אברהם**: ניין, ווען די תּקופֿה איז געפֿאַלן!

**שטן** (הייבט זיך אויף): שאַט־זשע! כ'ווייס! יעצט וועל איך אייך זאָגן, ווען די תּקופֿה איז געפֿאַלן: די תּקופֿה איז געפֿאַלן 15 טאָג אין תּמוז און 4 טאָג אין תּשעה באָב, איז אַרויסגעגאַנגען אַן אַלטע יידענע, האָט זי צעבראָכן דריי ביינער: צוויי אין רוקן און איין ביין אין אַרוש...

**אברהם**: זי איז גוט געפֿאַלן!

**שטן**: איר זאָלט בעסער פֿאַלן!

**אברהם**: שלום עליכם!

**שטן**: עליכם שלום!

**אברהם**: ווער זענט איר פֿאַר איינער?

**שטן**: איך בין אַ שלייפֿער!

**אברהם**: אַ שלאָפֿער?! גייט אין הקדש אַריין!

**שטן**: ניין! איך בין אַ שליי–יי–יי–פֿער!

**אברהם**: סאָראַ שטיינער האָט איר?

**שטן**: גראָבע, דיגע, גראָבע שטיינער, באַרגער, גריבער, לעכער — אין אייער האַרץ! וואָס האָט איר צו שלייפֿן?

**אברהם**: אַ חלף! וויפֿיל ווילט איר פֿאַרן שלייפֿן? נאָט אייך 7 און 18

---

*) פֿאַרקלענערפֿאָרם פֿון „באָד".



**שטן**: ניין! ס'קאָסט 15 גראָשן!

**אברהם**: נאָט אייך 9 און 6!

**שטן**: ניין! ס'קאָסט 15 גראָשן!

**אברהם**: נאָט אייך 66 און 88 און שלייפֿט! (ער גיט דעם שטן דעם חלף)

**שטן** (שלייפֿט): ס'ס'ס'ס'. (האַלט דאָס מעסער בײַם מויל, פֿירט דערמיט אַהין און צוריק, גיט איבער אבֿרהמען דעם חלף)

**אברהם** (נעמט דעם חלף): שטיינער, באַרגער, גריבער, לעכער אין אייער האַרץ! ס'טויג נישט!

**שטן** (נעמט דאָס מעסער צוריק און חורט איבער דאָסזעלבע): ס'ס'ס'ס! (ער גיט אבֿרהמען דאָס מעסער)

## צווייטער אַקט

### 1־טע סצענע

### אבֿרהם־יצחק־מלאך

**אברהם**: קום אַהער יצחק־לעבן, מיין ליב קינד
קום אַהער גיך און געשווינד!
וועל איך דיך פֿאַר אַ קרבן ברענגען,
קום אַהער מיין קינד, בייג אַרויס דאָס קעפּעלע,
וועל איך דיר בענטשן מיט אַ ריינער ברכה:
(מאַכט אַ ברכה):
ברוך אתּה
זידל, טאַדל
זידל, טאַדל!

**מלאך** (כאַפּט אבֿרהמען דאָס מעסער פֿון הינטן):
אבֿרהם, אבֿרהם! דו וועסט קיין שחיטה נישט טון,
דו וועסט דיין זון יצחק־לעבן גאָרנישט טון!

### 2־טע סצענע

### יצחק

**יצחק** (הייבט זיך אויף פֿון דער עקידה און זינגט):
כ'וועל נישט שטאַרבן, נאָר לעבן,
אַ שבח צו גאָט אָפּצוגעבן!
טראַלאַ, לאַ, לאַ, לאַ!

**יעקב:** (צו די דינער). שמעו נא, רבותי חביבים ויקרים.
הטו נא אזניכם לאלה הדברים:
קראו לי בני החכם ואהוב.
יקר הוא באחיו ככסף וזהב:
רופט מיר מיין טייערן זון יוסף געשווינד,
ער איז ביי מיר דאס בעסטע קינד;
רופט מיר מיין זון יוסף געשווינד און באלד,
איך בוז אים שיקן איבער פעלד און וואלד.

א דינער גייט ארויס. יוסף קומט אריין.

**יוסף:** אבי קראת והנני.
אלכה לכל אשר תשלחני.

**יעקב:** לך ודרוש שלום אחיך,
ושוב מהר למען אראה פניך.

**יוסף:** כבד אכבדך הורי בכל לבבי
ועל בעל הבהמים אשליך את יהבי.
דיך וועל איך פאלגן מיט דעם גאנצן לעבן,
און גאט זאל מיר זיין הילף געבן.

**יעקב:** לך נא בשלום, בני יקירי,
ומלאכי רחמים איתך יגורו (יוסף אב)

---

יוסף אורימן ווען.

**מלאך:** מה זה תבקש?

**יוסף:** את אחי אנכי מבקש.

**מלאך:** אין דותן זיינען דיינע ברידער,
דארט ווירסטו זיי' פינדן ווידער,
זיי טראכטן דארט פיל בייזקייט,
דיך צו פייניקן מיט גרויזאמקייט.

**יוסף:** ידעתי כי דברי אדוני נאמנים.
אך להשיב את דברי אבי איך אעיז פנים.
ווען מיך אויך מיינע ברידער טויט שלאגן,
מוז איך זיי מיין פאטערס באטשאפט זאגן.

יוסף קומט צו די ברידער.

**שמעון:** הנה בעל החלומות בא אלינו.
נהרגהו ונשליכהו בבור אשר לפנינו.
דער בעל חלום קומט. איך האב אים דערקענט;
שלאגן מיר אים טויט און מאכן מיט אים אן ענדי

עפענט זיך אויף די טיר פון אויבן,
וועל איך גיין גאט לויבן!
טראליי!

Karaj mnie Bóg, ach karaj,
Aby śmierci nie dawaj!

טראלא!

Roztwieraj (!) mnie Bóg żywy w niebie,
Pójdziemy chwalić Ciebie.

טראלא, לא!

Niechcę umierać, tylko żyć,
Pana Boga pochwalić!

טראלא!

3־טע סצענע

## אברהם־יצחק

**אברהם:** אך מיין זון, אך מיין זון יצחק־לעבן,
אפשר האסטו אין זינען
אפשר האסטו אין זינען,
פון דיר די מצוה אוועקצוגעבן?

**יצחק:** אך ניין! אך ניין! מיין ליבער, הארצעדיקער פאטער
איך טו זיך צו אים אזוי ווינקען,
צי וואלט דען נישט קראנקער געוועז
אין פייער פארברענען א קרבן צו גאט,
איידער אין וואסער דערטרינקען.

## עפילאג

### אלע

**אלע (זינגען):** שמעט געקומען,
גוט געזאגט (געמאכט),
אהער די פאר גראשן,
א גוטן (גוטע) טאג (נאכט)!

**ראובן:** דיינע ווערטער זינד שלעכט;
טויט שלאָגן איז ניט רעכט.
וואַרפן מיר אים אין איין גרוב; דאָס ווירד קיינער ניט וויסן.
דעם פאָטער ווערדן וויר זאָגן — איין ווילדעס טיר האָט אים צעריסן.

**יוסף:** בפקודת אָבי בין איך געקומען צו זען, ווי אייך גייט אין דער וועלט.
איר קענט מיט מיר טאָן, ווי עס אייך געפעלט.

**שמעון:** שווייג שטיל און רייד נישט קיין וואָרט;
דו וועסט שוין זען, וואָס ווירד געשען דאָרט!

**יוסף:** ווען איך האָב געזינדיקט אָון בין נישט גוט,
מוזט איר מיר דאָך פאַרגעבן, דען איך בין אייער פלייש און בלוט.

**שמעון:** דיינע שלעכטיקייט קענען מיר דיר ניט פאַרגעבן,
דו מוזט פאַרלירן דאָס לעבן.

**יוסף:** אויס מיין לעבן וואָלט איך מיר גאָרנישט געמאַכט,
נאָר אויף דעם אלטן פאָטער בין איך באַדאַכט.

**שמעון:** דו מיינסט, דו האָסט פאַרפירט דעם פאָטער דעם קלוגן,
ווילסטו אויך אונדז מיט דיין פאַלשקייט באַטרוגן?

**יוסף:** איר קענט מיך טויט שלאָגן,
איך וועל אייך אָבער ביי גאָט פאַרקלאָגן.

**שמעון:** וואָס ניצן דיר די אַלע זאַכן;
מיר מוזן מיט דיר אַן ענדע מאַכן.

**יוסף:** זכרו את אמי רחל עקרת הבית.
בעבורה עבד אָבינו בשדה ובבית.

**שמעון:** ברידער, ברידער, טוט אייך באַמיען,
אים דאָס שטאָלצע העמדל אָפּצוציען.

**יוסף:** די ענגל ווערדן דריבער וויינען און קלאָגן,
ווי איין ברודער קען דעם אַנדערן טויט שלאָגן.

**שמעון:** דו זאָלסט ענדיקן באַלד ווי אַ ווינד,
וואַרפט אים טיף ביז צום גרונט! (זיי וואַרפן אים אין גרוב אַריין)
קומט, ברידערל עסן און טרינקען,
און ער זאָל דאָ אונטערזינקען.
ער זאָל פרעסן דאָס שלאַנגען-גיפט,
הערט ניט, ווי ער אייך רופט.

**יוסף:** (אין גרוב) גאָט, דו ווייסט דאָך, ווי איך בין מיט ערלעכקייט אומגעגאַנגען,
דרום פאַרשליס די מיילער פון די שלאַנגען,
דיר איז באַקאַנט, ווי איך האָב מיין פאָטער ערלעך געהאַלטן,
דרום זאָלן די שלאַנגען מיין קאָפּ ניט שפּאַלטן.

(ווי זיי עסן און טרינקען, זעען זיי, דאָס עטלעכע קויפלייטע פירן יוסף מיט זיך.)

**שמעון:** זעט נאָר, ברידער, ווי קויפלייטע פון מדין לאַנד
פירן יוספן ביי דער האַנט,
געשווינד, געשווינד, זיי אָנצופאַקן
ענטוועדער פלורין אָדער די קעפּ אָפּצוהאַקן.



**לוי:** (למדינים) ווי קומט צו אייך דער קנעכט?
אויף אים האָט קיינער קיין רעכט;
גיבט אים אונדז געשווינד צוריק,
זאָנסט איז עס פאַרלאָרן אייער גליק.

**מדינים:** איר ברויכט ניט צו שטרייטן און צו שלאָגן,
הערט נאָר, וואָס מיר וועלן אייך זאָגן:
מיר האָבן געזוכט וואַסער צום טרינקען,
האָבן מיר אים געזען אין גרוב פאַרזונקען.
מיר האָבן געהערט, ווי ער וויינט און שרייט,
דרום האָבן מיר אים פון דאָרט באַפרייט.

**שמעון:** ווען אייער לעבן איז אייך ליב אין דער וועלט,
זאָלט איר אונדז געבן פאַר אים צוואַנציק זילבער-געלט,
מיר וועלן אייך באַווייזן באַלד,
דאָס איר האָט אים ניט געפונען אין וואַלד.

**שמעון:** (לאחיו) פריער האָבן זיי צו אונדז גערעדט גאַנץ קעק,
אָבער אַצינד ציטערן זיי שוין פאַר שרעק.
(למדינים) וואָס נוצט אייך דאָס טראַכטן און שווייגן,
צו וואָס זאָל איך אייך דאָס שווערד צייגן,
מאַכט שוין אַמאָל אַן ענד,
גיט געשווינד דאָס געלט.

(די מדינים גיבן דאָס געלט.)

**יוסף:** ליבע ברידער, ווי קענט איר אייך אַזוי שטאַרק פאַרשולדן,
צו פאַרקויפן אייער ברודער פאַר עטלעכע גולדן.

**יוסף:** (איבער רחלס קבר) אמי היקרה ביני נאָ והביטי,
איך כתנת הפסים מעלי הפשיטו.
טייערע מוטער, רחל, זע נאָר די ברידערס געוויסן,
דאָס זיידענע העמדל האָבן זיי פון מיר אָפּגעריסן.

**רחל:** הער אויף מיט דיין וויינען און קלאָגן,
איך קען דיין שמערץ ניט מער פאַרטראָגן.

**יוסף:** ברענג מיין געבעט פאַר דעם באַהערשער דער וועלט;
זע ווי איך ציטער פאַר פראָסט און קעלט.

**מדינים:** זעט נאָר, ווי ער זיך איבער דעם גרוב בוקט,
עס איז ניט אַנדערש, ער איז פאַרריקט,
מאַרש, פאָרט, דו נאַר, רייד ניט צו דעם שטיין,
דען זאָנסט וועלן מיר צעברעכן דיין ביין.

**רחל:** הער אויף, מיין קינד, בלייב שטיל,
טו, וואָס דיין הער וויל.

---

(ביי יעקבן.)

**ראובן:** עס האָט אונדז אַ שרעקלעך אומגליק געטראָפן,
דריי טעג זיינען מיר די שאָף אין ווילדן וואַלד נאָכגעלאָפן.
(ער ווייזט יעקבן דאָס פאַרבלוטיקט העמדל.)

**יעקב:** ביטער איז מיר מיין לעבן,
וואָס זאָל איך מיר פאַר אַ ראַט געבן.
דאָס הערץ, עס צוויקט, עס קלעמט,
מיין טייער קינד יוסף איז טויט,
ווי קאָן איך שוין עסן ברויט?
אַ הארטע שלאַג האָט מיך געטראָפן,
אַ ווילדער בער האָט זיין בלוט געזאָפן.
אליפז, אליפז, לויף געשווינד אויף אַלע פיר
און רוף מיר מיינע קינדער צו מיר.

**אליפז:** (צו די ברידער) לויפט צום פאָטער געשווינד און באַלד,
דען איין אומגליק האָט זיך געטראָפן אין וואַלד!

**האחים כולם:** אַך, טייערער פאָטער, הער, וואָס דיינע קינדער דיר זאָגן,
הער שוין אויף צו וויינען און צו קלאָגן.

**יעקב:** ווי קענט איר מיינען, איך זאָל אויפהערן צו וויינען?
מיין וועלט איז שוין אויס, וואָס קאָן איך נאָך האָפן,
אין דען דאָ אַזאַ אומגליק, ווי מיר האָט זיך געטראָפן?
דרום מוז איך וויינען און ניט אויפהערן,
איך פאַרלאַנג פון אייך, איר זאָלט מיר ניט שטערן.
דערוועק דיך פון דיין אָרט, מיין ליב קינד,
דיך האָט זיך געטראָפן מיינע זינד.
בְּנִי, יוֹסֵף בְּנִי, צַר לִי עָלֶיךָ,
לֹא אָשִׁיב עוֹד לִרְאוֹת אוֹר פָּנֶיךָ,
כְּתֹנֶת פַּסִּים הִלְבַּשְׁתִּיךָ בְּשׂוֹבַע שְׂמָחוֹת,
כָּעֵת הִיא בְּיָדַי לְיָגוֹן וַאֲנָחוֹת!
מיין הארץ האָט זיך געפרייט און געלאַכט,
ווען איך האָב עס דיר צום געשענק געגעבן,
האָב איך געמיינט, דו וועסט מיך איבערלעבן;
געפונקלט פאַר פרייד האָבן מיינע אויגן,
ווען דו האָסט עס אָנגעצויגן.

**ראובן:** יְנַחֵם ד' אוֹתְךָ מִן הַשָּׁמַיִם
וִימַלֵּא חֶסְרוֹנְךָ כִּפְלַיִם כִּפְלַיִם.
דיין שמערץ קאָן נאָר היילן גאָט אַליין,
ער האָט עס געטאָן און מיר זייבען פון זינד ריין.

**יעקב:** אייערע ווערטער קענען מיר גאָרניט ניצן,
איך מוז ביז צום טויט טרויעריק זיצן;
ליבע קינדער, שטערט ניט מיין וויינען און קלאָגן,
זוכט מיר ליבער דאָס ווילדע טיר, וואָס האָט מיין קינד טויט געשלאָגן.

**שמעון:** הִזָּהֲרוּ אַחִים לִשְׁמוֹר מִצְוַת אָבִינוּ,
וּלְבַקֵּשׁ הַחַיָּה אֲשֶׁר אָכְלָה אֶת אָחִינוּ.
אִישׁ אֶת חַרְבּוֹ נַחְגּוֹרָה וּמִיַּעַר לְיַעַר נַעֲבוֹרָה
עַד אֲשֶׁר תִּפּוֹל עָלֵינוּ וְנִקְחָה מִמֶּנָּה אֶת נִקְמָתֵינוּ.



לויפן מיר געשווינד און באַלד,
איינער דורך פעלד, דער אַנדערער אין וואַלד.
(אַלע לויפן אויס דעם הויז. צום אַנדערן טאָג קומען זיי צוריק, ברענגען אַ וואָלף מיט זי

**יעקב:** חֲמָסִי עָלֶיךָ, זְאֵב בְּלִיַּעַל,
לָמָּה זֶה מָעַלְתָּ כִּי מָעַל?
מַדּוּעַ לְדָם נָקִי אָרַבְתָּ,
וּבֵן יַקִּיר לִי בְּאַפְּךָ טָרַפְתָּ?
וואָס האָט דיך אויף מיין קינד פאַרדראָסן,
דאָס דו האָסט אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן.

**דער וואָלף:** יַעֲקֹב, נֶכֶד אַבְרָהָם הָעִבְרִי,
גָּדוֹל כַּיָּם שִׁבְרִי.
איך ווייס גישט, וואָרום מען האָט מיך געבונדן,
גרויס זיינען מיינע שמערצן און וואונדן,
איך בין אומשולדיק און ריין,
דאָס ווייס נאָר גאָט אַליין.
מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה הֲלַכְתִּי קְרוֹבָנִית,
וַיָּבוֹאוּ בָּנֶיךָ וַיִּתְפְּשׂוּנִי אַחוֹבָנִית;
איך שווער דיר ביי גאָט, דאָס איך האָב דיין זון יוסף גישט באַריִרט
איך האָב אים גישט געזען אין מיין לעבן,
אַזוי זאָל מיר גאָט פיל גוטס געבן.
מיר האָט זיך געטראָפן דאָסזעלבע, וואָס דיר,
דו קאָנסט טאָן, וואָס דו ווילסט מיט מיר,
שלאָגט מיך טויט, דאָס איז מיר רעכט,
דען עס גייט מיר זייער שלעכט.

**יעקב:** דו בראָכסט געגוג צו באַדויערן,
דיין הארץ מוז שטאַרק טרויערן,
פאַרגיב מיינע קינדער, וואָס זיי האָבן דיך געבונדן,
זיי האָבן געמיינט צו היילן מיינע וואונדן;
צי אין פרידן נאָך דיינעם באַגערן,
און גאָט זאָל דיין שמערץ פון דיר אָפּוועהרן.

---

**פרעה:** ...לויפט און ברענגט אים געשווינד הער,
דען מיין הארץ איז מיר שווער.
איך וועל אים גוט באַצאָלן און באַלוינען,
אויף זיין קאָפּ זעצן קרוינען,
איך וויל אים באַלוינען דעם רונג פון מיינער האַנט.
ער זאָל הערשן איבער דעם גאַנצן לאַנד.

**פוטיפר:** (צו יוסף) עס איז דיר פיל גליק באַשערט,
דער קיניג פרעה האָט פון דיר געהערט,
זיין הארץ טוט שטאַרק ליידן,

ער וויל, דו זאָלסט אים זיין טרוים באַשיידן.
און ווען דיינע ווערטער וועלן זיין מיט פאַרשטאַנד,
ביסטו דער גליקלעכסטער מענטש אין דעם גאַנצן לאַנד,
דו וועסט הערשן און רעגירן,
אַלעס וועט זיך נאָך דיינעם ווילן פירן,
דרום קום געשווינד מיט מיר,
איך וויל דיר עפענען די טיר.

**פרעה:** ביסטו דער יונגער מאַן,
דער יעדן טרוים באַשיידן קאָן?
איז די זאַך רעכט און וואָר,
מוזטו מיר זאָגן, וואָס דער טרוים ווייזט וואָר.

**יוסף:** דאָס פאַרבאָרגענע קאָן וויסן נאָר גאָט אַליין,
איך בין דאָך נאָר אַ מענטש פון פלייש און ביין,
נאָר ווייל ס'איז אַ זאַך פון טויט און לעבן,
דרום האָט עס מיר גאָט צו וויסן געגעבן.
דו האָסט געזען זיבן זאַנגען און זיבן רינדער,
און נאָך דערביי מאַנכע וווּנדער—
דאָס האָט דיר גאָט צו וויסן געגעבן,
וועגן דיינעם און דיין פאָלקס לעבן,
די מיינונג פון דעם טרוים וויל איך דיר ערקלערן,
דו מוזט אָבער מיינע ווערטער גוט אויסהערן,
די זיבן זאַנגען באַטייטן זיבן גוטע יאָר,
דו קאָנסט מיר גלויבן, דאָס איז גאַנץ וואָר,
די זיבן רינדער מיינט מען זיבן הונגער יאָר,
דאָס זע איך גאַנץ ריין און קלאָר.
ווילסטו מיך צוהערן און ניט לאַכן,
זאָלסטו אַ קלוגן מאַן צום באַשטעלטן מאַכן,
ער זאָל זאַמלען דאָס קאָרן פון די גוטע יאָרן
און זאָל עס אויף די הונגער-צייט באַוואָרן;
דאָס זאָג איך דיר אַלס געטרייער קנעכט,
איבערלייג דיך, אויב איך זאָג גוט אָדער שלעכט.

**פרעה:** אַזאַ געטלעכן מאַן ווי דו האָב איך נאָך נישט געזען,
דו ביסט קליגער אַלס אַנדערע צען,
איך האָב אַקוראַט געזען דיינע ווערטער,
דאָס מוז איך באַקאַנט מאַכן אין אַלע ערטער.
איך קען דיין קלוגהייט גאָרניט באַשרייבן,
דרום, מיין ליבער יוסף, מוזטו ביי מיר בלייבן,
זאָלסט אין מצרים רעגירן
און די הערשאַפט פירן,
דאָ האָסטו מיין גאָלדענעם רינג,
פאַר דיר מוזן קניען אַלט און יונג.



(יוסף פאָרט אום אין דעם קיניגלעכן וואָגן.)

**דער מאַרשאַל:** (רופט אויס) דאָס איז דער נייער הערשער, אַלעס איז זיין,
פאַר אים מוז זיך בוקן גרויס און קליין.

---

**האחים:** (ליעקב) הָסֵר מִמְּךָ כָּל צַעַר וְיָגוֹן
וְתֵן כֶּסֶף לִקְנוֹת דָּגָן.
לָמָּה לָנוּ כֶּסֶף וְזָהָב,
אִם כֻּלָּנוּ מֵתִים בָּרָעָב.
הער שוין אויף מיט דיין טרויער און צאָרן
און לאָז אונדז אָפּ צו קויפן קאָרן.

**יעקב:** גאָט זאָל אייך אויף דעם רעכטן וועג פירן,
עס זאָל אייך קיין אומגליק פּאַסירן,
בלייבט ניט לאַנג דאָרט,
קומט באַלד צוריק,
איך וועל אָן אייך ניט פאַרגעסן קיין אויגנבליק,
ה׳ יְבָרֵךְ אֶתְכֶם בַּכֹּל,
אַךְ אַל תִּטּוּ מִמִּצְוֹתַי יָמִין וּשְׂמֹאל,
אַל נָא בְּקִרְבְּךָ יַחַד כֻּלְּכֶם תַּעֲבוֹרוּ,
שִׁמְעוּ בְּקוֹלִי וּכַאֲשֶׁר אָמַרְתִּי תִּשְׁמֹרוּ:
כָּל אִישׁ יִבְחַר בְּשַׁעַר אַחֵר,
בְּאוֹר הַבֹּקֶר בַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר.

---

(האחים בהיכל יוסף.)

**יוסף:** (אל המליץ) דַּבֵּר עֲלֵיהֶם בַּחֲרוֹן וְחֵמָה,
שְׁאַל פִּיהֶם מֵאַיִן הֵמָּה.
הערסט, וואָס איך זאָג דיר,
פרעג, וואָס זיי מאַכן היר.

**המליץ:** דַּבְּרוּ הָאֱמֶת וְאַל תְּדַבְּרוּ כְּזָבִים,
כִּי פְּנֵי אֲדוֹנִי כִּפְנֵי לְהָבִים.
אייער לייקענען וועט אייך גאָרניט ניצן,
דען איר וועט אין קערקער זיצן;
זאָגט ליבער די וואַרהייט אָפן אַרויס
און פאָרט אין פרידן צו הויז.

**האחים:** מיר שווערן דיר ביי גאָט,
דאָס מיר טרייבן קיין שפּאָט,
מיר האָבן די וואַרהייט געשפּראָכן,
דען אונדזער האַרץ איז שטאַרק צעבראָכן.
פון דעם לאַנד כנען זיינען מיר געקומען,
דאָס האָסטו שוין איינמאַל פאַרנומען.

**יוסף:** קומט צו מיר הער,
זאָגט, וואָס איז אייער באַגער.
**האחים:** דאָס האָט אונדז דער פאָטער געהייסן,
די זאַך קענען מיר אָבער נים וויסן;
ער איז הייליק און גערעכט,
זיין באַפעל איז געוויס נים שלעכט;
מיר זיינען צוועלף ברידער געוועזן,
דאָס איז איבעראַל צו לעזן.
איינמאָל איז איינער פון אונדז פאַרשוואונדן,
מע זוכט און זוכט און ער איז נים צו פינדן;
דרום האָבן מיר אונדז פאַרטיילט אויף פאַרשיידענע שראַנקען
איצט זע, ווי ריין זיינען אונדזערע געדאַנקען.
**יוסף:** איר רעדט דאָך נים מיט פאַרשטאַנד,
ווי קומט אייער ברודער אין מיינעם לאַנד.
**האחים:** מיר ריידן גאַנץ גוט און רעכט,
עס קאָן מעגלעך זיין, מע האָט אים פאַרקויפט אלס קנעכט,
דרום האָבן מיר געדאַכט,
אים צו זוכן טאָג און נאַכט,
מיר זיינען געגאַנגען צו דיזן צוועק,
אין יעדן ווינקל און יעדן עק,
מער האָבן מיר דיר נים צו זאָגן,
דו קענסט אונדז אויך טויט שלאָגן.
**יוסף:** איך קאָן דאָס גאָרנים גלויבן,
מע זאָל ביי אייך אַ ברודער רויבן.
אָדער איז ער זעלבסט אַנטלאָפן,
ווי האָט זיך די זאַך געטראָפן?
**האחים:** פאַרגיב אונדז, הער, עס זאָל דיר נים פאַרדריסן,
דאָס געהיימניס ברויכסטו נים צו וויסן,
דאָס בלייבט ביי אונדז פאַרבאָרגן,
מיר טוען דעריבער געגנוג זאָרגן,
לאָז אונדז געמאַך,
דאָס איז נים דיין זאַך,
דען מיר אַנטדעקן עס נים.
דער פאָטער באַשבּענדיק טוט קלאָגן,
ווי קאָנסטו פאַרלאַנגען, מיר זאָלן עס דיר זאָגן.
**יוסף:** דאָס איז אַ באַווייז, דאָס איך האָב רעכט,
וואַרשיינלעך האָט איר פאַרקויפט אייער ברודער פאַר אַ קנעכט,
אַן ערלעכער מאַן האָט קיין פאַרבאָרגענע זאַכן,
ער פאַרהוילט נים, וואָס ער וויל מאַכן,
ער זאָגט זיינע געדאַנקען פריי.
זאָגט מיר אויף ריכטיק,
וואָס מיט אייער ברודער איז געשען,
איינער מוז דאָך וויסן פון אייך אַלע צען;



זאָגט איר אָבער נים, בלייבט ווייטער שטיל,
מוז איך מיט אייך טאָן וואָרין איך וויל.
**האחים:** מיר האָבן שוין איינמאָל געזאָגט און דעריבּי וועט עס בלייבן,
דו זאָלסט מיט אונדז קיין שפּאָט טרייבן.
וואָס געשען איז מיט אונדזער ברודער,
וועלן מיר דיר נים זאָגן,
ווען דו וועסט אויך אונדז טויט שלאָגן.
**יוסף:** מיין צאָרן טוט אין מיר ברענען,
ווייל איר ווילט נים די וואַרהייט באַקענען,
עס האָט מיך אויף אייך שרעקלעך פאַרדראָסן,
דרום מוז שמעון בלייבן ביי מיר געשלאָסן.
דאָס וועט מיר אַ באַווייז זיין,
דאָס איר זייט ערלעך און ריין,
ווען איר זאָלט מיר אייער ערלעכקייט באַווייזן,
מוזט איר צוריק נאָך הויז רייזן,
שמעון בלייבט דאָ איינגעשפּאַרט,
דאָס האָט איר שוין אַמאָל געהערט;
שרעקט אייך נישט, אים וועט קיין לייד געשען,
איך וויל אייער יינגסטן ברודער זען.
דאָס וועט מיר באַווייזן ריין און קלאָר,
אַז דאָס, וואָס איר זאָגט— איז וואָר,
איך גיב אייך צייט פיר וואָכן,
איר זאָלט טאָן, ווי איך האָב געשפּראָכן,
איז אָבער די צייט פאַרגאַנגען
און איר טוט נים מיין פאַרלאַנגען—
איך וויל עס אייך נאָך דייטלעכער ערקלערן,
איר מוזט עס אַלע הערן—
ווען איר וועט צו הויז זיצן בלייבן,
די רינדער אויף די פעלדער צו ווייזן טרייבן
און אייער יינגסטן ברודער צו מיר נים פירן,
וועט איר זען, וואָס אייך וועט פאַסירן,
אייער ברודער שמעון איז ביי מיר אַ פּפאַנד,
איך וועל אים טויט שלאָגן מיט מיין אייגענער האַנט
איז ער אייך ליב, ווילט איר, ער זאָל לעבן,
מוזט איר מיר דעם יינגסטן ברודער געבן.
ווען איך אויך בין איבער אייך אין צאָרן,
וועל איך אייך דאָך פאַרקויפן קאָרן.
**יוסף:** (לעבדו) מאָרגן פרי זאָלסטו מיר די ברידער אַנטפאַנגען,
זיי צו געבן קאָרן, וויפיל זיי פאַרלאַנגען,
גיב זיי, וואָס זיי באַגערן,
דו זאָלסט זיי גאָרנים פאַרווערן.

יוסף: (להאחים) אייער פאָטער זאָגט אים אַ גוט־מאָרגן,
ער זאָל ניט זאָרגן,
אייער ברודער שמעון וועט דאָ קיין מאַנגל ליידן,
ער וועט האָבן פיל נחת און פריידן,
באָר דאָס איינציקע ווירד אים געשען,
דאָס ער וועט זיינע ברידער ניט זען,
בריסט אייער פאָטער אומבאַקאַנטערווייזע,
מאַכט קורץ אייער רייזע,
קומט געשווינד מיט דעם יינגסטן ברודער צוריק,
פאָרט אין גאָטס נאָמען מיט גליק.

---

(די ברידער אויף דעם וועג.)

יששכר: זעט נאָר, ברידער, וואָס מיר איז געשען,
דאָס האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געזען,
ווי איך האָב דעם זאַק אויפגעבונדן,
האָב איך מיין גאַנצעס געלט געפונדן,
עס ליגט אינגאַנצן, ווי איך האָב עס געבראַכט,
מע האָט עס ניט אַמאָל אויפגעמאַכט,
דאָס קאָן איך מיר גאָר ניט ערקלערן,
געשווינד, איך וויל צוריקקערן.

(אַלע עפענען די זעק.)

כולם יחד: ביטער איז אונדז, מע האָט אונדז דאָס גאַנצע געלט צוריקגעגעבן,
דאָס מיינט מען געוויס אונדזער לעבן,
לויפן מיר געשווינד צוריק,
וואַרטן מיר קיין אויגנבליק.

---

האחים: (ליעקב) גוט מאָרגן ווינטשן מיר דיר, פאָטער, גוט מאָרגן!
הער שוין אויף צו טרויערן און צו זאָרגן,
מיר זיינען מיט גאָטס הילף געקומען צוריק פריש און געזונט.
יעקב: אייער ברודער שמעון טוט מיר דאָך פעלן,
זאָגט מיר די וואָרהייט, איר זאָלט גישט פאַרהעלן,
זאָגט געשווינד, איך מוז עס הערן,
איך וויל אייך אין דעם ריידן גאָרניט שטערן.
האחים: *) — — — — — — — — — — — — —
יעקב: דער טייערער יוסף איז פאַרשוואונדן,
שמעון ליגט אין קערקער,
און איצט זאָל איך אייך אויך בנימינען געבן,
צו וואָס ניצט מיר שוין דאָס גאַנצע לעבן.

*) אין אָריגינאַל פעלט די ברידערס ענטפער.



-33-

האחים: מיר האָבן דאָך קיין ברויט,
עס איז אונדז שוין ליבער דער טויט,
ווילסטו אונדז בנימינען ניט געבן,
וועלן מיר אונדז דאָס לעבן נעמען.
יעקב: (לבנימין) הערסטו, וואָס דיינע ברידער באַגערן,
איך קאָן עס זיי ניט שטערן,
נאָר דו זאָג, אויב דו וויליגסט איין,
דען, ווי דו ווילסט, אַזוי מוז עס זיין.
בנימין: וואָס מיינע ברידער פאַרלאַנגען איז געוויס גוט,
זיי זיינען דאָך מיין פלייש און בלוט,
ווי קאָן איך גיין זאָגן,
ווען איך הער זיי וויינען און קלאָגן.
יהודה: בלייב געזונד, טייערער פאָטער,
מיר קומען באַלד צוריק,
בלייב געזונט און האָב פיל גליק.

---

(בהיכל יוסף.)

האחים: מיר האָבן גענוג געקרענקט דעם פאָטער דעם אַלטן,
אָבער דיר האָבן מיר וואָרט געהאַלטן.
דאָס איז דער ברודער, אַזוי ווי דו האָסט באַפוילן,
מיר שטייען איצט, ווי אויף פייערדיקע קוילן.

די ברידער עסן ביי יוסף. ער הייסט דעם דינער צו פאַרשטעקן דעם בעכער אין בנימינס זאַק.)

יוסף: (אל האחים) פאָרט נאָך אייער לאַנד צוריק,
גאָט וועט אייך געבן פיל גליק.
יוסף: (אל העבד) לויף געשווינד נאָך די לייט,
זיי זיינען נאָך ניט גאַנץ ווייט,
טו, ווי איך האָב דיר באַפוילן,
דען זיי האָבן מיין בעכער געשטוילן.
העבד: (אל האחים) איך מוז ביי אייך אַן אונטערזוכונג מאַכן,
דען ביי אונדז פעלן מאַנכע זאַכן.
(ער זוכט און געפינט דעם בעכער ביי בנימינען.)
העבד: מיין ליבער מאַן, דו מוזט מיט מיר צוריקקערן,
דאָס איבעריקע וועסטו שוין שפּעטער הערן.
(אַלע גייען צו יוספן.)
יוסף: (לעבדו) בנימין בלייבט ביי מיר אין האַנט,
אָבער די ברידער שיק צוריק אין זייער לאַנד.
יהודה: מיין הער, דו מוזט מיר פאַרגעבן,
איך זע, דו ווינסט ניט דיין לעבן,

-34-



גיב אונדז גלייך אונדזער ברודער צוריק,
זאָנסט ברעכן מיר דיר דעם גיניק.

יוסף: איבער דיינע ווערטער מוז איך לאַכן,
מיינע שטאַרקע הערן וועלן אייך גלייך באַוואַכן.

יהודה: דיינע הערן זיינען ביי מיר ווי די פליגן,
און וועלן פון מיר האַרטע שלעק קריגן.

יוסף: איז דען דאָס אַזאַ גרויס אומגליק,
איר האָט דאָך אייער ברודער יוסף פאַרקויפט
פאַר צוואַנציק זילבערשטיק.

יהודה: דאָס פייער פון שכם טוט אין מיר ברענען,
דו וועסט באַלד מיין צאָרן דערקענען.

יוסף: דיין שנור תמר וועט עס פאַרלעשן,
און וועסט בלייבן קאַלט.

יהודה: מיין הער, עס זאָל דיר ניט פאַרדריסן,
איך זע, דו ווילסט, איך זאָל דאָס בלוט פון מצרים פאַרגיסן.

יוסף: דאָס איז אייך ליב, איך ווייס עס זייער גוט,
איר האָט דאָס העמד פון יוסף אויך איינגעטונקט אין בלוט.

יהודה: איך זע, דאָ וועט קיין ענדע ניט זיין,
ביז מיר וועלן טויט שלאָגן פון גרויס ביז קליין.

יוסף: וואָס נוצט אייך דאָס קריגן און שלאָגן,
איך וועל אייך ליבער זאָגן.
איר מוזט מיר אָבער צוזאָגן רויִק צו בלייבן,
און האָט קיינע דומהייטן צו טרייבן.

יוסף: מיינע דינער און באַאמטע, גייט אויס דעם צימער,
לאָזט מיך אַליין,
אָבער איר זאָלט אין דרויסן ביי דער טיר זיין.

(ביי יעקבן.)

האַחים: מיר האָבן אַ גוטע נאַכריכט געבראַכט,
דאָס האָט אונדז פיל פרייד געמאַכט,
יוסף לעבט, ער טוט איבער מצרים רעגירן,
ער האָט געהייסן, מיר זאָלן דיך צו אים פירן.

יעקב: געלויבט איז גאָט, דער הימל און ערד רעגירט,
פאַר אַלעם, דאָס מיר אין מיין לעבן פאַסירט,
געשווינד, געשווינד מיין טייערן יוסף צו זען,
און נאָכדעם קאָן שוין מיט מיר וואָס עס וויל געשען.
לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ לְאֵל הַשָּׁמַיִם
כִּי יוֹסֵף בְּנִי עוֹדֶנּוּ בַּחַיִּים.
מְשָׁנָה גִיל אֶשְׂמַח תַּחַת יְגוֹנִי
רַב לִי רַב מְאוֹד גָּדוֹל שְׂשׂוֹנִי:

---

# פורים־שפּילן.

## פון נח פּרילוצקי׳ס זאַמלונגען.

№ 4. [1]

## סדום־ועמורה־שפּיל.

פּאַיאַץ: יאַך קים[2] אַראַ׳[3],
פּאַיאַץ, דע׳ עשטאַ מאַן,
מיט אַזאַ גירידאַ,[4]
מיט אַזאַ גישפּאַן.[5]
דיזאַ[6], זאַך אי׳[7] גאַ׳[8] וואַע[9]:
די מיטאַ שרה עט אָבּין אַ קינד דאָס יאַע[10],—
דיזאַ זאַך אי׳ פּעסגישטעלט
צווישן יידין אָף די גאַנצאַ וועלט.
יאַך, פּאַיאַץ, קים דאַ אַריין,
ניש צי מאַכין, אי׳ ניש צי שטיין.

---

[1]) די ערשטע דריי נומערן זענען געדרוקט אין „נח פּרילוצקי׳ס זאַמלביכער פאַר ייִדישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע“, I באַנד, ז׳ 88. — [2]) קום. — [3]) אַריין. — [4]) געדרודער. — [5]) שפּאַנען — שפּרייזן. — „מיט אַזאַ גישפּאַן“ — מיט אַזעלכע שריט. — [6]) דיזע. — [7]) איז. — [8]) גאַר. — [9]) וואָר. — [10]) יאָר.

-35-



בּיס§ [1] 'ריין, אַריין, אַריין,
אברהם אבינו דו מיין!

---

אברהם: אין ה§ היץ פּינ'ם טאָג בּינ'§ך [2] גיזעסין. [3]
כ'§' [4] גימיינט, אַ' [5] דע' רבונו-של-עולם, §ט §' [6] מ§§
שוין פאַגעסין.
אַזוי וו§ כ'§' נ§' מאַנ§ אויגין §פגיהויבין, [7]
§ב'§ך אָנגיהויבין אין [8] ש"י צי דאַנקע אין צי לויבין.
אַזוי וו§ יאַך §' נ§' מיט מאַנ§ אויגין גיק§קט,
§ב'§ך גיזעי§ [9], וו§ גאָט §ט מ§§ דרײַ אורחים צ§גישיקט [10].
אַזוי וו§ כ'§' נ§' זײַ§ פּנים אָנגיטר§פין,
בּינ'§ך זײַ אַנטקעגינגיל§פין. [11]
שרה'לי, שרה'לי, נעם אַ שעפּס אין שאַכט, [12]
פאַ' ד§ אורחים ט' וועירין אַ סעודה גימאַכט.
יעצינד, מאַנ§ ל§בּי אורחים, ט§ט ציינקיר§ [13] פ§ס אָוואַשין, [14]
עס מי' [15] ז§ך זעצין טר§נקע' [16] אי' נאַשין.

---

ערשטער מלאך: יאַך בין אַ שליח פי' גאָט אַליין גישיקט.
פין האַנט [17] איב§אַיאָע, ע' דאַן [18] וואַב [19] שרה
וועירין באַגליקט.

---

1) כּימע. — 2) בין איך. — 3) בראשית, י"ח, א': „והוא יושב פּתח האוהל כחום היום". — 4) כ'האָב. — 5) אז. — 6) אָן. — 7) בראשית, י"ח, ב': — „וישא עיניו"... — 8) רעם. — 9) l. c.: ... „וירא"... — 10) l. c.: „והנה שלשה אנשים נצבים עליו". — 11) l. c.: „וירא וירץ לקראתם". — 12) שעכט. — אין דער תורה (l. c., י"ח, ז') נעמט אברהם א יונג רינד און הייסט א יונגעל עס צו רעכט צו מאכען. — 13) ציינקערע—אמערע. — 14) אָפּוואשען (l. c., י"ח, ד'). — 15) מען. — 16) טרינקען. — 17) היינט. — 18) רען. — 19) ווייב.





אברהם, אברהם, גאָט §' ד§§ ד§ בשורה גיל§ט זאָגין:
פין האַנט איב§אַיאָע, ע' [1] דאַ' וואַב שרה וועירין טראָגין.
דאַנ§ מדות טובות §בין גאָט גיט§§ גיפעלין:
מיט אַ ז§ן [2] ע' ד§ך גאָט ט§§ §פשטעלין. [3]
וואַל ד§ [4] §ס' ד§ך אין גאָט גיט§§ טר§§, [5]
ע' ד§ך גאָט מי' דאַן ז§ן §פּב§§. [6]

שרה: כאַ, כאַ, כאַ, כאַ! צ§ אי' דע' דאָס וואָע:
יאַך ז§ל וועירין טראָגין צי [7] נאַנציק [8] יאָע! [9]

ערשטער מלאך: וואָס ט§' [10] דאַ' וואַב שרה ד§§טין [11] אַזוי לאַכין [12]?!
צ§ קען דע' גאָט אַליס ניש מאַכין!
ד§ז§ זאַך עט י§ וועירין וואָע:
שרה ט' אָבין אַ קינד — פין האַנט איב§אַיאָע. [13]

אברהם: וואָס ט§ [14] יאַך הערין, וואָס ט§ יאַך גלייבין!
כ'ל [15] גיין אין בית-מדרש, הש"י צי לויבין. —
שרה, שרה, דאָס איז אַ גרויס§ חטא:
§ס [16] גאָטס ווינד§ [17] טאָע מי' ניש מאַכין קאַ' [18] גישפּעט.

שרה: כ'§' ד§ך גאָניש גילאַכט אי' גאָניש גישפּעט;
כ'§', חס-וחלילה, §ף גאָט ניש גירעט. [19]

---

צווייטער מלאך: פי' מאַן קנעכט אברהם קען §ך [20] דע' פאַהוילין

---

1) וועט. — 2) ווהן. — 3) אין בראשית (י"ח, י') זייער קורץ: „ויאמר: שוב אשוב אליך כעת חיה, והנה בן לשרה אשתך". — 4) du. — 5) טרויען. — 6) אויפבויען. — 7) צו. — 8) נײַנציק. — 9) l. c., י"ח, י"ב. — 10) טוט. — 11) דארמען. — 12) אין דער תורה פרעגט דאָס גאָט אליין (l. c., י"ח, י"ג). — 13) l. c., י"ח, י"ד. — 14) כו. — 15) איך וועל. — 16) אוים. — 17) וואונדער. — 18) קיין. — 19) l. c., י"ח, ט"ו. — 20) איך.

אַלירליי זאַכין, וואָס גאָט אָט באַפוילין! [1]
קאַ' סדום-ועמרה טיאָ מאָ יעצינד קיקין.
דאָס גישראַאָ פי' דעָם מידו, קען שוין גאָט ניש צוקוקין. [2]
זירעָ [3]) שלאַכטי מעשים קען גאָט ניש צוזעיאָ. [4]
גאָט עס אַראָגיין [5]) זירעָ מעשים רעים צי זעיאָ.
יאַך בין אַ מלאך אין גיי פאַבינדין מאַנאָ לעָנדין:
סדום ועמרה גיי 'אַך יעצינד פאַלעָנדין.

אברהם: ציָ אי' דען דע' צדיק אי' דע' רשע פין איין שטאַנד,
אַ' דאָס גרויסאָ אומגליק זאָל זיי טרעָפין באַנאַנד!
ציָ ע' דע' טיאָ [6]) צערנין גאָט האַנט,
צי משפט'ן איבאָר'ן רשע דאָס גאַנטסאָ לאַנד!
ציָ קען דען באַ דעָם, וואָס איז איבאָ אַלעָם גיראַכט,
ציָ קען דען באַ דעָם קאַ' משפט ניש ווערין גימאַכט!? [7])
ע' צאָך נאָך דאָאָט פיפציק צדיקים גיפינע',—
קען שוין ווערין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'. [8])

צוויטער מלאך: ע' צאָך אין סדום פיפציק צדיקים גיפינע',—
עס שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'. [9])

אברהם: ציָ אי' דען דע' צדיק... [10])
68—63 ע' צאָך נאָך דאָאָט פינף-אי'-פאַרציק צדיקים גיפינע',—
קען שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'. [11])

צווייטער מלאך: ע' צאָך אין סדום פינף-אי'-פאַרציק צדיקים גיפינע',—
עס שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'. [11])

[1]) אין דער תורה (l. c. י"ח, י"ז) זאָגט דאָס גאָט אַליין. — [2]) אין דער תורה (l. c. י"ח, כ') שטייט אַנדערש. — [3]) זייערע. — [4]) צוזען (צוזעהען). — [5]) אַראָפּגיין. — [6]) טוען, טאָן. — [7]) l. c. י"ח, כ"ג. — [8]) l. c. י"ח, כ"ד. — [9]) אין דער תורה (l. c. י"ח, כ"ו) ענטפערט דאָס גאָט. — [10]) דאָ חזר'ן זיך איבער די פּערזען 53—58. — [11]) l. c. י"ח, כ"ח. — דעם ענטפער גיט דער איבערשטער.





אברהם: ציָ אי' דען דע' צדיק [1])...
78—73 ע' צאָך נאָך דאָאָט פאַרציק צדיקים גיפינע',—
קען שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'.

צווייטער מלאך: ע' צאָך אין סדום פאַרציק צדיקים גיפינע',
עס שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע' [2]).

אברהם: ציָ אי' דען דע' צדיק [1])...
88—83 ע' צאָך נאָך דאָאָט דראַסיק [3]) צדיקים גיפינע',
קען שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'.

צווייטער מלאך: ע' צאָך אין סדום דראַסיק צדיקים גיפינע',—
עס שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע' [4]).

אברהם: ציָ אי' דען דע' צדיק [1])...
98—93 ע' צאָך נאָך דאָאָט צוואָנציק צדיקים גיפינע',—
קען שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'.

צווייטער מלאך: ע' צאָך אין סדום צוואָנציק צדיקים גיפינע',—
עס שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע' [5]).

אברהם: ציָ אי' דען דע' צדיק [1])...
108—103 ע' צאָך נאָך דאָאָט צעיען צדיקים גיפינע',—
קען שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע' [6]).

צווייטער מלאך: ע' צאָך אין סדום צעיען צדיקים גיפינע',—
עס שוין וועגין זיי ס'לאַנד ניש אומקימע'.

[1]) דאָ חזר'ן זיך איבער די פּערזען 53—58. — [2]) l. c. י"ח, כ"ט. — עס ענטפערט נאָך אַליין. — [3]) דרייסיק. — [4]) l. c. י"ח, ל'. — עס ענטפערט דער איבערשטער. — [5]) l. c. י"ח, ל"א. — דעם ענטפער גיט גאָט. — [6]) l. c. י"ח, ל"ב. — דעם ענטפער גיט דער איבערשטער אַליין.

מלאכים: יעצט זאלן אינק אנהייבן קאַ' סדום צו גיין,
וואַל אַז דיזן ערט אַבין אינק שוין ניש צו ט§ מיין[1].

---

לוט: ליב§ ב§נ§, ליב§ לאַס[2],
צו כאַך ערס אי' גאָאָר ניש וואַס[3], —
עס ק§ן בי מ§ קומע' צו,
עס ק§ן באַ מ§ זאַן ביז אינד§פרי.
וואַסער צינקיר§ פיס מיט וואַס§ קאַלטין,
זאלן כאַב§ הארין באַ מ§ נאַכט האַלטין.[4]

מלאכים: אינק דאַנקע', אינק דאַנקע' דעם ליבין האר,
אינק צבין[5] נאַכטיקה §פ'ן טריטוא'[6].

לוט: §פ'ן טרטוא' עס עק ניש שטיין,
צו צינקירין האַר עס צין ט§ גיין[7].

---

אנשי־סדום: לוס, לוס,
ס'עס אַז ד§ קומע' אַנ'§סר§ט[10].
פרעכד§ לאַס §סט§[11] אַראַנגיברעינגט, —
ד§ זאך עס ד§ ניש' וועירין גישעינקט.
ד§ לאַס געב שנעל§ אַהעי§,
עלין זי ניש לעיבין כעי§[12]!

לוט: ד§ לאַבין קאָן יאַך ניש אַר§סצי§,[13]
וואַל כ'§ צוואַ מיידין שידוכים צו ט§.[13]

---

[1] כוין, טער. — [2] ליבע. — [3] טעניער. — [4] לייט. — [5] וויט. — [6] בראשית רים, א'—ב'. — [7] וואַלעם. — [8] ז — u (לאַטיינישע). — l. c., י"ט, ב'. — [9] רים, ב'. — [10] אויסראַם, איבראַבעגניש. — [11] ראַכטו. — [12] l. c., י"ם, ר—ח. —
[13] l. c., י"ם, ר—ח. —





אנשי־סדום: עסט§ ד§ לאַס ניש געיבין,
נעמט מי' ד§ צו דאַא' לעיבין.[1]

מלאכים: לוט, לוט, קים דאַ אַהעי§.
אין עך אַל§ ז§לט ניש זעיין מעיאַ![2]
(אלע אנשי־סדום ווערין בלינד).

---

מלאכים: לוט, לוט, נעם דאַנ§ טאָכט§, דאַנ§ זין אי' שנירין,[3]
אי' לויף צין באַריג, וו§ ד' אויגין עלין ד§ך פירין, —
וואַל אַזוינ§ רשעים אי' נ§ך ניש גיוואָרין גיע§ט:[4]
סדום ועמורה עס באַלד ווערין פאַקעי§ס.[5]

ווילנא, (סאַחאַשאַווער, וואַר. נוב.) • יצחק משה רייז.

# אנמערקונגען:

א) ווער עס רעדט פון נעבווירעגנשאפט אין מיט'ן אמת'ן פראָסטען פוילישׁ־יידישען פאָלקסדיאַלעקט, וואָס איז נאָך נישט אַפגעריבען פון דער ליטעראַרישער שפראַך און פון דעם פאַרקער מיט געבילדעטע לייט, רעדט על־פי־רוב אַרוים דעם שלום־ע, און בפֿעַרטער און פירווערטער, און די ענדונג ען נאָך א וואקאל, אלס § (דייטשיש o)[6], אפטמאל שפירט זיך פאר דעם § א שוואכער ז (דייטשיש u)[7]. —

ב) דער פויליש־יידישער אָ, וואָס פאַרטרעט דעם ליטוויש־יידישען ה, און דער פויליש־יידישער §, וואָס פאַרטרעט דעם ליטוויש־יידישען וי, באַלאַנגען צו די לאַנגע וואָקאַלען און ווערען געליינט כמעט ווי א טאָפּעלטער a און o [לאַאַם (לאַם), האַאַט (וויט), דאַאַן (דיין), §§ס (אוים), אַר§§ם (אַרוים)]. —

---

[1] l. c., י"ט ט', — [2] י"ט, י' — י"א. — [3] י"ט, י"ב — י"ג. — [4] נעהערט. — [5] פאַרקערט. — [6] דאַאַנאַ (דיינע), דיזאַ (דיזע). — [7] דערהויפט, ווען § פאַרטרעט דעם ען.

38



היר קאמט ארײַן דיזער פרעה מיט זיינע געזעלן.
ווילר פאנגען דיזע געשיכטע פארצישטעלן.
היר קאמט ארײַן פרעה גיפײַן —
פיר דיזע טירע לאס'ער מער ניכט שטײַן.
ביטע ארײַן, ארײַן, ארײַן,
קעניג פרעה דו מײַן!

---

פרעה: איך ווער קעניג פרעה, — קעניג פון גאנצען לאנד;
אלע שטעט אונד לענדער זינדין אין מײַנע האנט.
אלעס פון גאנצין לאנד איז אינטער מײַנע בעפעלין,
ווער עס ווינטשט וואס — מי' זיך פיר מיר שטעלין.

---

משה: איך, מאזעס, בין גיקאמען זיך שטעלין פיר דעם האר קעניג
איבער אלע שטעטין
אין פײַער דרײַ טעג פיר די יודין צו טיין בעטין.
דיזע צײַגין (ווײַזט אים א שטעקין) האט מיר גאט גיגעבין, —
דערום לאס דער קעניג פרעה אף דיזער צײַגין קוקין.
אונד דאס פאלק ישראל אָס מצרים ארויסשיקין.
דאס פאלק ישראל קען היר ניכט ארבעטין מײַן,
אונד מיז צו גאטעס פײַער אין וויסטע גײַן.

פרעה: ווער איז דיזער גאט, וואס האט דיך געשיקט?
איך האבע שון אלע ביכער דורכגעקוקט:
אין מײַנע ביכער פינדין זיך ניכט זאלכע געטער.
דו, מאזעס, ווארסט אײַנער שפעטער.
דאס איז ניכט קײַנער גאט.
דו מאכסט פון מיר אײַן געשפאט.





№ 9.

# יציאת־מצרים.

פאיאץ: איך ווער דער ערשטער פאיאץ,
פון קעניג פרעה אײַן גראסער פאראץ [1].
איך קאמע ארײַן צו געבין צו פערשטײַן,
וואס פיר אײַן שפילע עס ווערדעס הויטע זײַן.
דיזע געסטע די שפיל צו געפעלין,
ווערדין ווילר יציאת מצרים פארשטעלין.
די געסטע האבין דיזע געשיכטע געלעזין (?),
אונד זינדין אף דיזע שפילע פאריאלע געוועזין [2].
דאס איז דיזעלבע געשיכטע פון יציאת מצרים.
דער קעניג פרעה האט די יודין [3]) אנגיטאן ביטערע נויט, —
דערום האט ער בעקאמען מיט זײַנע לויטע דעם טויט.
ער קאמט ארײַן,
דא ארײַן, ארײַן, —
דיזער קעניג פרעה מיט אזא טראקט:
דיזער מאן האט נאך נימאלס גיק...
מאזעס האט אים בא ירדן געפאקט:
פרעה איז געזעסין אונד גיק...

---

[1]) פריץ. — [2])די שפיל איז אין דעם שטעטעל פארנעשטעלט געווארען עטליכע יאר דורכאויס. — [3]) ? — איבערזאל: ■. —

וואס פיר איין גאָט איז דאס, וואס איך זאָל זיין שטימע הערין
די יודין ווערדין ניכט גישיקט ווערין.

משה: דאס איז דער גאָט פאָן אברהם אבינו'ס זינען.
ער ווינטשטע, דאס די יודין אים דריי טעג לאסין דינען.

פרעה: מאָזעס אונד אהרון, וואס טיין זי די יודינס ארבעט שטערין!
פאָן דיזער זאכע ווערדעט ניכטס ווערין. —
אצינד, דינערשאפט, ריפין זי צוזאמען אלי הערין:
דאס דיזע ווינטש זאָל זיך ניכט פערמערין, —
דערום בעקאָמען פאָן הויטע די יודין קיינע שטראָ מער,
אונד ציגליין מי' זי מאכין ווי פריער;
דערפאר וויל זי ווינטשין אירין גאָט צו לאָבין, —
מיזין זי שטראָ קלאָבין.

---

ריינער: זדין, הערין זי אָס דיזין גיבאָט:
וויל זי ווינטשין צו גיין לאָבין גאָט, —
ווערדין זי פאָן הויטע קיינע שטראָ בעקאָמען,
אונד פאָן די צאל ציגליין ווערדעט עס ניכט אבגינאָמען.
וויל זי האבין גיווינטשין גאָט צו לאָבין,
מיזין זי גיין שטראָ קלאָבין.

---

שוטרים: ווער זינדין גיקאָמען דעם קיניג פרעה פראגין,
ווארום האט ער זאָ איין גיבאָטין גיגעבין,
דאס ווער ווערדין קיינע שטראָ האבין.
ווי קאָנען ווער זאָ פילע ציגליין מאכין!
איבער דיזע גיבאָט, וואס דער קיניג פרעה האט גיטאן זאגין,
טעט מאן אינז, יודין, שלאגין.





פרעה: דערום, וויל זי האבין אירין גאָט לאָבין גיוואָלט,
מיזין זי דיזע גיבאָט האבין האָלט.

---

משה: קיניג פרעה, קיניג פרעה, טאן זי ניכט טראכטין,
אז הויטע ווערדעט עס זיין, ווי נאכטין.
ווערדין זי די יודין ניכט שיקין מיט גיטין,
זאָ ווערד' איך פאָן אלע וואסערן מאכין בליטין.
דאס גאנצע וואסער וועט ניכט זיין גיט,
וויל אלע וואסערן וועלין ווערען בליט.
קיין וואסער ווערדעט ניכט זיין צו טרינקען,
וויל אלי וואסערן וועלין שטינקען.

(גיט א קלאפּ מיט'ן שטעקין)

---

פרעה: מאָזעס, מאָזעס, וואס האס' דו גימאכט!
האס' דאָך מיך פאר דורשט אימגיבראכט!

---

משה: קיניג פרעה, קיניג פרעה!
ווערדעסט דו דאס פאָלק פין מצרים ניכט שיקין,
זאָ ווערד' איך אף דיר פילע דזאבעס [1]) אנשיקין.
דאס ווערדע זיין פיר דיר א גראָסע קרענק: —
די דזאבעס ווערדין ארימקריכין אָף טיש אונד אָף בענק.
זאָ ווי איך ווערדע מיט מיין שטעקין אָף די וואסערן נייגין,
זאָ ווערדין די דזאבעס דאס גאנצע לאנד פערלייגין.

(נעמט דעם שטעקין, גיט א קלאפּ).

---

[1]) סלאוויש: жаба (רוס.), żaba (פויל.) —

40



פרעה: מאָזעס, מאָזעס, טאַ צי גאָט בעטן,
די פינסטערע דזשאַבעס זאָלן פון מיר אַבטרעטן.
איך ווערדע שוין אויף ניכטס קוקן,
אונד ווערדע די יודן שלאַכטן אָפּער שיקן.

משה: איך ווערדע הויטע פיר'ן האַר גאָט בעטן,
די פינסטערע דזשאַבעס זאָלן פון דיין האָז אַבטרעטן.
איך ווערדע די דזשאַבעס פון לאַנד פערטרייבן;
זי ווערדן נאָר אין וואַסער אונד טייכן פערבלייבן.
דערום זאָל דער קיניג וויסן דאַס גיבאָט,
אַ ס'איז ניכט פאַראַן אַ גאָט, ווי אונזער גאָט.
(גיט א קלאפּ מיט'ן שטעקן)
אצינד האַב' איך שוין די דזשאַבעס פערטריבן, —
דערום לאַס דער קיניג פרעה אין זיינע וואָרטן טראַכטן;
אונד די יודן שיקן אין דער וויסטע אָפּער שאַכטן.

פרעה: אויף מיינע וואָרטן ווערד' איך ניכט קוקן,
אונד דאַס פאָלק אָפּער שאַכטן ווערד' איך ניכט שיקן.

---

משה: קיניג פרעה, קיניג פרעה!
ווערדעס' דו דאַס פאָלק פון מצרים ניכט שיקן,
זאָ ווערד' איך אויף דיר פילע לייזע אַנשיקן.
זי וועלן דיך בייסן, זי וועלן דיך עסן,
ווערדעסט שוין אַן אַלעס פערגעסן.
(גיט א קלאפּ מיט'ן שטעקן)

---

פרעה: מאָזעס, מאָזעס, וואַס האַס' דו גימאַכט!
וואַס האַס' דו גיהייסן!
די לייזע טוען מיין פלייש בייסן! —





טאַ פון מיר אַב די פיין, —
איך ווערדע שוין נימאַלס ניכט נאַרן מיין.

משה (גיט א קלאפּ מיט'ן שטעקן):
אצינד האַב' איך שוין די לייזע פערטריבן,
דערום לאַס דער קיניג פרעה אין זיינע וואָרטן טראַכטן,
אונד די יודן שיקן אין דער וויסטע אָפּער שאַכטן.

פרעה: אויף מיינע וואָרטן ווערד' איך ניכט קוקן,
אונד דאַס פאָלק אָפּער שאַכטן ווערד' איך ניכט שיקן.

---

משה: קיניג פרעה, קיניג פרעה!
ווערדעס' דו דאַס פאָלק פון מצרים ניכט שיקן,
זאָ ווערד' איך אויף דיין הויזע אונד קנעכט אַ פערמישונג שיקן.
דיין הויזע אונד לאַנד ווערדעט פיל מיט פערמישונג ווערן,
וואָ דו ווערזעס' דיך ווענדן, און וואָ דו ווערדעס'
דיך קערן.
אונד דאַס לאַנד גשן ווערד' איך פון פערמישונג אויסשליסן,
מיין פאָלק ישראל זאָל פון דיזן פערמישונג ניכט גינליסן.
(גיט א קלאפּ מיט'ן שטעקן).

---

פרעה: מאָזעס, מאָזעס, טו צי גאָט בעטן,
דיזע פערמישונג זאָל פון מיר אַבטרעטן.
נאָך וואַס, מאָזעס, דאַרפס' דו וועגן דער וויסטע טראַכטן,
אַז דו קאַנסט היר, אין לאַנד, אָפּער שאַכטן!

משה: אין לאַנד מצרים קאָן דיזעס נימאַלס גישעען.
די מצרים ווערדן דאַס ניכט קאָנען זעען
דיזע זאַך מי' זאָ זיין:
דריי טעג אין דער וויסטע מיסן מיר גיין.

פרעה: צי שאכטין אָפּער אין די וויסטע, וואָר איך קאָן גרייס,
נאָר זי זאָלין ניכט אַוועגיין ווייט.

משה (נים אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקין):
אַציינד האָב' איך שאָן דיזע פערמישונג פערטריבין, —
דערום לאָז דער קיניג פרעה אין זיינע וואָרטין טראַכטין,
אונד די יודין שיקין אין דער וויסטע אָפּער שאַכטין.

פרעה: אָף מיינע וואָרטין ווערד' איך ניכט קוקין,
אונד דאָס פאָלק אָפּער שאַכטין ווערד' איך ניכט שיקין.

---

משה: קיניג פרעה, קיניג פרעה!
ווערדעס' דו דאָס פאָלק פאָן מצרים ניכט שיקין,
זאָ ווערד' איך אָף דעם לאַנד אַ פינסטערע מאָרד שיקין.
זאָ איין מאָרד, ווי דאָס ווערדעט גישעין,
איז נאָך אין גאַנצין לאַנד ניכט גיוועין:
אַלע טירע אונד פיה פאָן האָז אונד פאָן פעלד
ווערדין פגר'ן אין דיין גיצעלט.
עס ווערדעט פיר דיר זיין אַ גראָסע שאַנד,
וויל שטינקין פאָן דיזין ווערדעט דאָס גאַנצע לאַנד.

---

פרעה: מאָזעס, מאָזעס, טאַ צי גאָט בעטין,
דיזין מאָרד זאָל פאָן מיר אַבטרעטין.
איך ווערדע שאָן אָף ניכטס קוקין,
אונד ווערדע אָפּער שאַכטין די יודין שיקין.

משה: איך ווערדע הויטע פיר'ן האַר גאָט בעטין,
דיזער מאָרד זאָל פאָן דיין האָז אַבטרעטין.
פרעה, פרעה, מיין ניכט, אַז עס איזט נאַכטין, —





אונד שיקע די יודין אין די וויסטע אָפּער שאַכטין.
(נים אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקין)
אַציינד האָב' איך קאָן דעם מאָרד פערטריבין.
דערום לאָז דער קיניג פרעה אין זיינע וואָרטין טראַכטין,
אונד די יודין שיקין אין דער וויסטע אָפּער שאַכטין.

פרעה: אָף מיינע וואָרטין ווערד' איך ניכט קוקין,
אונד דאָס פאָלק אָפּער שאַכטין ווערד' איך ניכט שיקין.

---

משה: קיניג פרעה, קיניג פרעה!
ווערדעס' דו דאָס פאָלק פאָן מצרים ניכט שיקין,
זאָ ווערד' איך אָפ'ן גאַנצין לאַנד איין פּאַרעך שיקין,
אָף דיר אונד דיינע טירע אונד אַקסין[1]
ווערדין בייזע בלאָטערן וואַקסין.
דער פּאַרעך ווערדעט פערשפרייטין דאָס גאַנצע לאַנד
אונד ווערדעט אַלעס מאַכין צי שפּאָט אונד צי שאַנד.
(נים אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקין)

---

פרעה: מאָזעס, מאָזעס, טאַ צי גאָט בעטין,
דיזער פּאַרעך זאָל פאָן מיר אַבטרעטין.
איך ווערדע שאָן אָף ניכטס קוקין,
אונד אָפּער שאַכטין די יודין שיקין.

משה: איך ווערדע הויטע פיר'ן האַר גאָט בעטין,
דיזער פּאַרעך זאָל פאָן גאַנצין לאַנד אַבטרעטין.
פרעה, פרעה, מיין ניכט, אַז עס איזט נאַכטין, —
אונד שיקע די יודין אין די וויסטע אָפּער שאַכטין.
(נים אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקין)

---

[1]) עקסען (עקסין — פאלקסטימליכע „פארדייטשונג").

— —

42



אַצינד האָב׳ איך שוין דעם פֿאַרעך פֿערטריבּין, —
דערום לאָס דער קיניג פּרעה אין זײַנע װאָרטין טראַכטין,
אונד שיקין די יודין אָפּער שאַכטין.

פּרעה: אָף מײַנע װאָרטין װערד׳ איך ניכט קוקין,
אונד דאָס פֿאָלק אָפּער שאַכטין װערד׳ איך ניכט שיקין.

---

משה: קיניג פּרעה, קיניג פּרעה!
װערדעס׳ דו דאָס פֿאָלק פֿון מצרים ניכט שיקין,
אַ װינד אונד אַ האָגעל װערד׳ איך אױף׳ן לאַנד מצרים שיקין.
דיזער האָגעל װעט פֿערטיליגין אַלעס אױף׳ן פֿעלד.
דערום זאָל יעדער ברענגין זײַנע פֿיה אין זײַן געצעלט.
(נימ א קלאַפּ מיט׳ן שטעקין).

---

פּרעה: מאָזעס, מאָזעס, טאַ צי גאָט בעטין,
דיזער בײַזער האָגעל זאָל פֿון לאַנד אַבּטרעטין.
איך װאַר זינדיק ענטקעגין ישׂראַל, —
אונד שיקע די יודין אָפּער געבּין דיזעס מאַל.

משה: איך װערדע הױטע פֿיר׳ן האַר גאָט בעטין,
דיזער האָגעל זאָל פֿון גאַנצין לאַנד אַבּטרעטין.
פּרעה, פּרעה, מײַן ניכט, אַז עס איזט נאַכטין, —
אונד שיקע די יודין אין װיסטע אָפּער שאַכטין.
(נימ א קלאַפּ מיט׳ן שטעקין)
אַצינד האָב׳ איך שוין דעם האָגעל פֿערטריבּין.
דערום זאָל דער קיניג פּרעה אין זײַנע װאָרטין טראַכטין,
אונד שיקין די יודין אָפּער שאַכטין.

פּרעה: אָף מײַנע װאָרטין װערד׳ איך ניכט קוקין,
אונד דאָס פֿאָלק אָפּער שאַכטין װערד׳ איך ניכט שיקין.





משה: קיניג פּרעה, קיניג פּרעה!
װערדעס׳ דו דאָס פֿאָלק פֿון מצרים ניכט שיקין,
װערד׳ איך מאָרגין אױף מצרים אַ בײַזין הײַשיריק שיקין.
דיזער הײַשיריק װעט זיך אױסשפּרײַטין איבּער׳ן גאַנצין לאַנד
אונד װערדעט אַלעס מאַכין צו שפּאָט אונד צו שאַנד.
(נימ א קלאַפּ מיט׳ן שטעקין).

---

פּרעה: מאָזעס, מאָזעס, טאַ צי גאָט בעטין,
דיזער הײַשיריק זאָל פֿון לאַנד אַבּטרעטין.
איך װערדע שוין אָף ניכטס קוקין
אונד װערדע אָפּער שאַכטין די יודין שיקין.

משה: איך װערדע הױטע פֿיר׳ן האַר גאָט בעטין,
דיזער הײַשיריק זאָל פֿון לאַנד מצרים אַבּטרעטין.
פּרעה, פּרעה, מײַן ניכט, אַז עס איזט נאַכטין, —
אונד שיקע די יודין אין דער װיסטע אָפּער שאַכטין.
(נימ א קלאַפּ מיט׳ן שטעקין).
אַצינד האָב׳ איך שוין דעם הײַשיריק פֿערטריבּין.
דערום לאָס דער קיניג פּרעה אין זײַנע װאָרטין טראַכטין,
אונד שיקין די יודין אָפּער שאַכטין.

פּרעה: אָף מײַנע װאָרטין װערד׳ איך ניכט קוקין,
אונד דאָס פֿאָלק אָפּער שאַכטין װערד׳ איך ניכט שיקין.

---

משה: קיניג פּרעה, קיניג פּרעה!
װערדעס׳ דו דאָס פֿאָלק פֿון מצרים ניכט שיקין,
זאָ װערדעט װערין פֿינסטער,
דאָס אײן מענש װערדעט דעם צװײַטין ניכט אַנקוקין.

ווײַל דו האָסט זיך פּילע מאָל פון האַר גאָט געלאַכט,
ווערדעס אין גאַנצן לאַנד מצרים ווערן פינסטער,
ווי ביי נאַכט.

(גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן שטעקן).

---

פרעה: מאָוס, מאָוס, טאַ צי גאָט בעטן,
דיזע פינסטערניש זאָל פון לאַנד אַבטרעטן.
איך ווערדע שוין אויף ניכטס קוקן
אונד אָפּער שאַכטן די יודן שיקן.

משה: איך ווערדע הויטע פיר דעם האַר גאָט בעטן,
דיזע פינסטערניש זאָל אַבטרעטן.
פרעה, פרעה, מיין ניכט, אַז עס איז נאַכטן —
אונד שיקע די יודן אין די וויסטע אָפּער שאַכטן.

(גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן שטעקן).

אַצינד האַב׳ איך שוין דיזע פינסטערניש פערטריבן.
דערום לאָס דער קיניג פרעה אין זיינע ווערטן טראַכטן,
אונד שיקן די יודן אין דער וויסטע אָפּער שאַכטן.

פרעה: אַלע ווערדן גיין שאַכטן,
אונד היר ווערדן בלייבן די שאַפע אונד די רינדער.
זי קאַנען אַך [1]) נעמען די קליינע קינדער.

משה: די שאַפע אונד רינדער מיזן מיט אונז גיין,
ווייל זיך פירן האַר גאָט שטעלן אָהנע אָפּער איז
ניכט שיין.

---

[1]) אויך (איך). —





פרעה: מאָוס, מאָוס!
היר קאָמען זאָס׳ דו ניכט מערן,
דען דו ווערדעסט גיטאָטעט ווערן.

משה: זאָ ווי דו גישפּראָכן האַסט, זאָ ווערדעט עס זיין:
איך קאָמע צו דיר ניכט מיין.

---

משה: קיניג פרעה, קיניג פרעה!..
דאַס לעצטע מאַל קאָם׳ איך דיר זאַגן,
דאַס איך ווערד׳ אַלי עלטסטגיבוירינע פון גאַנצן
לאַנד מצרים אָפּשלאַגן; —
פון דיין ערשטגיבאָרינעם זאָן ביז די פיה אין פעלד,
אויף אַלי ווערדע׳ די קללה ווערן גישטעלט;
קיין ערשטגיבאָרינער ווערדעט אין לאַנד ניכט בלייבן, —
דו ווערדעס׳ דעמאַלס דאַס פאָלק אַליין אַרויסטרייבן.
(גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן שטעקן, פרעה׳ס ווערט פאַלט טויט).

פרעה: ווי איז מיר, מיין זאָן! —

---

ערשטער מצרי: הער קיניג! לאַס דער קיניג די יודן
אַרויסטרייבן,
דען עס ווערדעט פון אונזערע הייזער קיינער ניכט בלייבן.
אונזער עלטסטגיבאָרינער זאָן איז טאַט. [1])

צווייטער מצרי: הער קיניג [2]) ...

דריטער מצרי: הער קיניג [2]) ...

פערדער מצרי: הער קיניג [2]) ...

---

[1]) טויט. — [2]) חזרן־איבער דאָס איינענע, וואָס דער ערשטער מצרי (ס״ס 250—252). —

פרעה: מאָזעס, מאָזעס, שטײ־אױף שנעל,
נעם די יודין אונד גײ װעג דיר גיפעלט.
נעם די יודין אונד גײען זי אַרױס פון לאַנד,
דען דער טאַט איז אינזער שאַנד.

265

---

משה: יודין, יודין, די זעקלעך גינומען!
פון גלות מצרים זײַנדין װיר אַרױסגיקומען!

ר:ג:ן (פּלאָצק. גוב.)

אברהם־א:צעלין[1].

---

[1]) פראָפעסיאָנעלישער פּורים־שפּילער. —





№ 10.

# אָגג־שפּיל.

---

פּאַיאַן: פּאַרוף צי זײַן,[1])
דיזי הערין גימײַן.
דיזי נאַכט
װערט קיניג שאול אַהערגיבראַכט.
קיניג שאול מי' צאַני קאָמירוטײַן.[2])
ער עט צי באַשטירײַן[3]) זאַני סולדוטײַן,[4])
װאַל שמואל הנביא האָט גיבאָטײַן[5])
אַלי מלײַקים[6]) אױסצירױטײַן.
דיזי מלײַקים האָבין גיטײַן דאַהערײַן,[7])
אָ' די יודײַן טײַן זאָך אין די װיסטי פּאַמערײַן, —
זאָ האַט ער גישיקט זאַני עלסטי סולדוטײַן, קאָמירוטײַן,
יענעראַלײַן.
כדי די יודײַן זאָל עס שלים באַשטײַן.

---

[1]) אומפארשטענדליכער זאַץ. — [2]) קאַמראַטען. — ז איבעראַל — ע (לאָמ.). —
װענען דעם ײַן אנשטאט ען — זײ אָנמערקונג צום 9־טען פערז אין נ' 7 („עקרת יצחק",
3־טער װאַר). — [3]) באַשטירען — פּאָלקסעטימאָלאָגיש אױס מוּשטירען. —
איך אין װאָלין געבראַוכט מען דאָס צײטװאָרט באַשטירען. — [4]) סאָלדאַטען. —
[5]) געבאָטען. — [6]) עמלקים. — [7]) דערהערען. —

45'



זוֹ ווי משה הוֹט גיטיילין זאַני הענט צים הימיל וֹפּהייבין,
זוֹ הוֹבין די יידישי סולדוטין צוריסין דיזי מלייקים
ווי די לייבין.
האַנט הוֹ׳ דער האַר גוֹט גיבוֹטין,
דיזי אַלי מלייקים וֹסצירוֹטין.
דינער-קוֹמירוטין, עפינטץ וֹף די טירין:
פּאָטער-קיניג שאול ברענגט מע אַראַ׳ציפירין.
אַלי דינער-קוֹמירוטין, גיהוֹכזאַם צי זיין:
פּאָטער קיניג שאול [1]) קימ׳ דאָ ארין.
אַרין, אַרין, אַרין,
פּאָטער-קיניג שאול, דו מיין!

---

שאול: גיטין מוֹרגין, מאַני אַלי קוֹמירוטין!
אייני גרויסי בערוֹט הוֹב איך האַנט צי בערוֹטין.
דיזי בערוֹט גייט מער נישט וֹס דען זין:
דיזער עמלק ליגט וֹף מיר ווי אַ שפּין, —
דערום מיז איך האַנט איין בערוֹט קליגיין,
צי כ׳זוֹל מיט דיזין עמלק גיין קריגיין. —

פּאַיאַין: פּאָטער-קיניג שאול אין אַלי קוֹמירוטין!
מיט דרך ארץ צי באַשטיין:
שמואל-הנביא קימט אַראַ׳ציגיין.
וֹף זאַן קוֹפּ טראָגט ער אייני גוֹלדיני מיצי,
דיזי מיצי הוֹט פיער שפּיצי.
וֹף זאַן לאַב טראָגט ער אַ וואַסיס העמדליין.
אַרין, אַרין, אַרין,
שמואל-הנביא דו מיין!

---

[1]) אויסגעשפּראָכען: שויל — Szuył (מיט פּוילישער טראַנסקריפּציע).





שמואל הנביא: קיניג שאול, קיניג שאול,
הער מיך צי דוֹסדוֹזיקי מאָיל. [1])
טי דוֹך האַנט גידענקען,
וואָס עמלק הוֹט אינץ אין די מדבר גיטיין,
ווען גוֹט הוֹט גיטיילין די יידין פין מצרים אַרוֹסציין. —
דערום טיט גוֹט אין דעם האַנט גידענקען,
דעם רשע עמלק ניש׳ צי שענקען.
דער רשע עמלק הוֹט אינץ גיוווֹלט מאַכין פאַלירין: —
דערים הוֹט גוֹט באַפוילין, זוֹסט האַנט אַלי סולדוטין
באַשטירין.

עמלק׳ס גרויסי זינד אי׳ דוֹך ניש׳ צים פאַטראָגין:
דערים זוֹסטי אַלי מלייקים וֹסשלאָגין.
די זוֹס׳ דעך ניש׳ דערבאַרמען
נישט איבער קאַ וואַב, נישט איבער קאַ קינד, —
וואַל אַלי מלייקים זענען פיל זינד.
דאָס גאַנצי לאַנד זוֹסטי פאַוויסטין: —
אַלי גרויס אין אַלי קינדער,
אַלי שעפּסין אין אַלי רינדער.

---

שאול: איך על טיין, ווי גוֹט הוֹט גיבוֹטין:
דאָס גאַנצי לאַנד עמלק על עך וֹסרוֹטין.
ס׳ע׳ צאַן [2]) צי זיי אַ בייזי מפּלה,
וואַל כ׳על פין זיי נישט איבערלוֹזין קאַ שריד ופליט. [3])

אַצינד, באַדינטער, טי וֹסרופין:

---

[1]) muył (פּויל. טראַנסקר.). — [2]) ס׳וועט זיין. — [3]) אין רעדען: קאַ סוֹרט ריפּולי.

אין *) קיסר'ס אַ שפּאַלי זאָל זיך יעדער אַנטײלין.
כדי כ'זאָל קענען ס'גאַנצי חיל צײלין.

---

באַדינטער: מיט שפּאַלאַך האָב'ך שוין די ייִדין גיצײלט.
צי אײן שפּאַלי האָב'ך יעדין אַנגיטײלט.
ס'אי דאָ פּינקט, נישט ווינציקער ניש' מײן,
ווי צוויי הינדערט טױזנט פּיכאָטי סולדוטײן.
די קענען מאַכין אַ גרױסי מרידה.
חוץ זײ אי' דאָ צײן טױזנט אנשי-יהודה.

---

שאול: אַצינד, סולדוטײן,
שטעלט ענק אַלי גלאַך,
סאַדין אָרים, סאַדין ראַך, —
אַלי אין אײן לענג, —
עס'עך קריגין אַ גיטי קרענק.

---

(ס'קומען אַרײן די כאַלדאַטען).

ערשטער כאַלדאַט: דאָס גאַנצי לאַנד עמלק
האָבין מיר פּאַדרײס,
וואַבער אין קלײני קינדער
האָבין מיר גיטײס.

דאָס גאַנצי לאַנד עמלק
האָבין מיר גימאַכט אימקימען,

---

*) רעם. —







בלויס די שאָף און רינדער
האָבין מיר צוגינימען.

צווייטער כאַלדאַט: אַלי שטעט פון עמלק
האָבין מיר אָנגיצינדין,
דעם קיניג אַגג
האָבין מיר אין שטריק גיבינדין.

---

שאול: גילויבט ביסטי, שמואל הנביא, וואָס די האָס' צו
גיטאָן באַמלין ד
אַזוי ווי די רײד פון גאָט, האָב'ך וויל גיטאָן.
אַלעך האָב גיטאָן, ווי גאָט האָט גיבאָטין:
אין שונא עמלק האָב'ך גיטאָן פאַרטיליקט. —

שמואל: ווער אי' די שאָף און ווער זענען די רינדער,
וואָס טאָן ברימען, אַזוי ווי קלײני קינדער!

שאול: דאָס גאַנצי לאַנד האָבין מיר פאַרטיליקט,
נאָר די שאָף האָבין מיר גינימען אויף אָפּפער צו גאָט.

שמואל: קיניג שאול, קיניג שאול!
די ביסט קיניג איבער אַלי שבטים פון ישראל.
הער אויס, וואָס דער אײבערשטער האָ' צו מיר גיטאָן שפּראַכין:
„קיניג שאול האָט פון מאַן גיבאָט גיטאָן לאַכין:
ער האָט ניש גיטאָן, ווי גאָט האָט גיבאָטין,
אין שונא עמלק האָט ער ניש' גיטאָן פאַרטיליקט". —
קיניג שאול, דאַני זאַכין טאָן ניש' טויגין.
וואַל דיזיס אי' דאָך שלעכט אין גאָטס אויגין.
דערים, קיניג שאול, אי' ווי צו דאַן לעבין:
די מלוכה עט גאָט צו דודן געבין.

שאול: שמואל הנביא, שמואל הנביא, ווי אַ' צי מיר אין וונד,
ווּאָס האָבּ' עך גיטלין אַזאַ גרויסי זינד!
דיזי זינד טלין מאַני יאָרין פאַצערין.
שמואל הנביא, שמואל הנביא, טלמעך אָפּ'ן דרך הישר
צריקערין!
שמואל הנביא, שמואל הנביא! מאַן ביסערניש טי צקיקין:
קים אַהער, עלין מער זאָך צי גאָט טלין ביקין.
(ביקין זיך).

שמואל: קיניג שאול, קיניג שאול! איך טי דעך באַפעלין
אין קיניג אגג זאָסטי פאַ'מער שטעלין.

(ס'ברענגט-ארײַן אגג'ן).

שמואל: קיניג אגג אי' פיל מיט זינדין,
דערים האָט ער פין אינץ גיקריגין אַ לאַב פיל מיט ווינדין.

אגג: שמואל הנביא, שמואל הנביא! פאַר'ן טויט טלי עך
שוין ניש' קאַ ציטער,
וואַל אין די תפיסה אי' דאָך מער אָך גיוועין זייער ביטער.
קיניג שאול האָט מעך גילאָט בינדין אין קייטין.
ס'אָ' דאָך מיך גישטאָכין אין גיברענט אי' מאַני זייטין.
דערים טלעך שוין פאַלאַנגען דעם טויט,
אײַדער צי לאַדין אַזאַ ביטערי אין פינסטערי נויט.

שמואל: קיניג אגג, קיניג אגג!
האָסט גיוואָלט, די יידינס לעבין זאָל ווערין צוגינימען,
דערים איז האַנט אָף דיער אַזוי פיל צרות גיקימען.
וואַל די האָסט אַלי יידין גיוואָלט טייטין,
איבער דעם מיסטי האַנט טראָגין אַזיני קייטין.





וואַל די האָסט קעגין יידין גיטלין גרויסי זינרין,
איז האַנט אָף דיער גיקיכען גיהאַקטי ווינדין.
וואַל די האָסט פין יידישין גאָט גיטלין לאַכין,
דערים האָט גאָט פין דאַן מדינה אַ וויסטעניש גיטלין מאַכין.
וואַל די האָסט אייביג כלאַבּטס אָף די יידין גיטלין קלערין,—
דערים טלט מען דיעך האַנט טייטין,
כדי דאַני קינדער זאָלין זאָך אָף דר'ערד ניש' פאַמערין.
(שמואל הרג'ט אגג'ן).

עזריאל אַמשטשענאָווסקי.

# שלמה־המלך'ס משפט.

(צווייטער וואַריאַנט פון „חכמת־שלמה").

ס' קימט-ארײַ' פאַיאַץ-קאַצפּער [1]), אָנגיטין אַ רויטי בלוזקי, רויטי הויזן, אַ היטל היט טיט אַ שפּיץ, אָפ'ן שפּיץ גלעקלאַך.

באַיאַץ-קאַצפּער (זינגט):
איך בין פאַיאַץ-קאַצפּער לייַנס [2]),
אַזוי — אַ דיק, אַזוי אַ ברייט,
באַטראַכטס נאָר מיר כאַני מיצע.
פין הינטן ברייט, אונד אויוון ספיצע [3]).
טראַ-ראַ-ראַ-רי-ראַ-ראַם. [4])

פין הינטן ברייט, אונד אויוון אַ שפיצע.
באַטראַכטס נאָר מיך נאָך איין מאַל:
פין הינטן ברייט, אונד אויוון שמאַל.
טאַ-ראַ-רי-ראַ-ראַ-ראַם [4]).

[1]) זייער ברייט, דיק. אָף איין העלפט קאָפּ—העלע האָר, אָף דער אַנדערער—שוואַרצע. — [2]) אַלמאָנם (אַליין). — [3]) די גאַנצע סטראָפע 3 מאָל. — [4]) דער צווייטער מאָל —

דער משמש [1]: מאַכטס-אָף, מאַכטס-אָף אַלי די וואַכן!
טירן, טוירן אָפּצימאַכן!
אַלי וואַכן, אַלי וואַכן זאָלן ווערן צישיידט!
מאַכטס אַ וואַרי: דאַ' רבי גייט!

נשים אין די זאַט [2]: דאַ' רבי ראַט [3] אָף דעם קאָושעל [4].

דאַ' רבי אין דאַ' [5] שמש בטוען זאַך.

עס קומט-אַראָ' דאַ' קיניג שלמה מי' די סוויטע. זי צישטעלן זאַך.

אַלי: אַ שיינעם גיטן נאָווינט,
מאַני ליבי לייטעך!
גאָט זאָל אַך העלפן
אין אַ קאָרצי צייטעך!
מיט פיל שמחה, מיט פיל פרייד
זענעך' מער דאָ אַראַגיקימעך'.
פאַר אַ קיניג, פאַר אַ מלך
האָט מען עים אָפּגינימעך' [6].
גיבענטשט זאָל זאַן
שוועסטער אין ברידער,
הער אין אַמעך',
אַלי באַנאַזאַמעך',
יידן אין קינדער.
פאָן אַלי לענדער.
איינס, צוויי, דראַ:
דאַ' קיניג שלמה אי' דאַ.

[1] אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד; אַ הויך כאַמעטן היטל, אַ קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל, אַ רויטע פאַטשיילע הינטן. — [2] זייט. — [3] רעט. — [4] kozioł (פּויליש) — צאַפּ. — [5] דער. — [6] דער צוויי־פאַרז — ב״ס. —



49'



פּאַיאַץ — (שטעלט זאַך אָפּ מיט אַ שווערד אין די האַנט, זינגט):
איך בין פּאַיאַץ-קאַצפּער פון די גאַנצי וועלט.
איך קאָן מאַני הערן, דאַמעך' פאָגישטעלט —
איך-קאָן דאָ צייגן מאַני היבשי זאַכן,
דעם קיניג שלמה באַקאַני צי מאַכן;
דעם קיניג שלמה צי גיפעלן,
דעם קיניג שלמה פאָצישטעלן,
יעדערן ער זאָל גיפעלן.
דעם קיניג שלמה קימ' צי זעצן אָף גאָטס טראָן,
דעם קיניג שלמה קימ' צי זעצן אויוון-אָן.
פון טראָמייטן, פון שאַלן
דעם קיניג שלמה אָפּצישפּילן.

שלמה'ן באַזעצט מען אויוון-אָן, נעגערעלער פון ביידע זאַטן. הינטער זי סאָלדאַטן מי' די שווערדן אין די הענט.

שלמה: אַזוי ווי איך גיי,
אַזוי ווי איך שטיי,
טי איך מעך אָף די קיניגליכי שטיל אַנידערזעצן,
אין די, גאָט, זאָסט אָן מיר ניש' פאַרגעסן.

מוטער: דאָ האָס' די אַ כּאָדאַניע [1] פי' מאַן אייגיני האַנט.
די ביזט דאַ' גרעסטער איבער דעם גאַנצן לאַנד.
די ביזט דאַ' גרעסטער ... איטליכן באַזינדער —
כרחם אָב על בנים, — ווי אַ טאַטי מיט קלייני קינדער...
קים איך צי דיר, שלמה המלך, מיט גרויס כונה.
שלמה המלך, זאָסט מיר לעיבן מאה ועשרים שנה.

[1] פּויליש: podanie (ביטע, געבעטבריוו). —

קים איך, שלמה המלך, צו דיר מיט גרויס רחמים.
כרחם בשר ודם...
גינגדיקער קיניג, גינגדיקער קיניג, פאַנעם שוין מאַן גיוויין.
מיט מאַן ציבראָכן האַרץ טו איך דאָ פאַ׳ דיר שטיין.
העלף שוין מיר, העלף שוין מיר, מיט מאַן ציבראָכן האַרץ,
אי׳ מיט מאַן פיל נויט אי׳ מיט פיל שמאַרץ.
בלוט האָט גיטאָן פו׳ מאַן בויך רינען,
אײדער איך האָ׳ באַ גאָט אַ קלײן קינד גיווינען;
פיל בלוט האָט גיטאָן פו׳ מאַן בויך גיסן,
אײדער איך האָ׳ גיטאָן אַ קלײן קינד גיניסן.
גינגדיקער קיניג, גינגדיקער קיניג, משפט די זאַך;
שיק שוין נאָך איר נאָך אין דעם בליק.

---

ס׳ קומט־אַרא׳ די פאַלשי מוטער פו׳ דעם קינד.

מוטער: צו דיר, גאָט, טו איך זינגען:
אַלוס וואָרהאַפטיקײט טוס׳ די מאַכן קלינגען.
שווערן שווער איך דיר, אַזוי ווי מאַן גאַנץ לעבן,—
דערום זאָס׳ דו, גאָט, זי ניש׳ אָפּגעבן.

צו דיר, גאָט, טו איך לויבן:
אַלוס וואָרהאַפטיקײט טוס׳ די מאַכן דערהויבן.
שווערן שווער איך דיר באַ מאַן גאַנץ לעבן, —
דערום זאָס׳ דו, גאָט, זי ניש׳ אָפּגעבן.

גינגדיקער קיניג, פאַנעם שוין מאַן גיוויין.
מיט מאַן ציבראָכן האַרץ טו איך פאַר אַך דאָ שטיין.
בעטן בעט איך דיך מיט מאַן ציבראָכן האַרץ:
שיק שוין רחמנות אָף מאַן שמאַרץ.





באַדינאַכט אונד נאָוועגד
אי׳ די אַלטי שכנטי צו מיר אַראַגיקומען.
זי האָט מיך גיבעטן, אַזוי אַ לעבידיק קינד צו גיווינען
האַנט האָ׳ צו מיך גילײגט מי׳ דעם פנים צו די וואַנט,
כדי ס׳אָל מיר ניש׳ זאַ׳ נאָך מאַן קינד באַנג [1]).

די פאַלשע מוטער: נײן־נײן־נײן!
דאָס קינד אי׳ מײן!
ווי פאַלש אי׳ דאַן גיוויין!
פאַלש זענען דאַני טרערן!
גינגדיקער קיניג! בעט, ניש׳ אָפּציהערן!
גינגדיקער קיניג! שנאַד. שנאַד!
אײן פאַלשי מוטער ניש׳ צו זאַן!
ניש׳ פאַר מיר — ניש׳ פאַר דיר!
אַ העלפט מיר -- אַ העלפט דיר! —

דער קיניג: שנאַט דאָס קינד!
ניש׳ פאַר דיר —
ניש׳ פאַר איר!

די זעלנער נעמען דאָס קינד צו שנאַדן.

די מוטער: אַך גאָט, גאָט!
מאַן גאָט, מאַן גאָט!
גיב אַ קוק:
מ׳פאַגיסט מאַן קינדס בלוט.
איך וויל ליבער האָבן, דאָס קינד זאָל לעבן, —
מען זאָל דאָס קינד אַ צווײטי מוטער געבן.

---

[1]) די שטעלע זאַרדאָרבען. —

דער קיניג: הער נאר, די מערדער, די רױבער פון דעם קינד:
די ביז' דאך ערגער װי פון א הינט.
דערים, װאס די װיסט גאט בלױז פאגלױסן,
קומט דיך דא גלאך צי שיסן.

דער װעלגער, װאס שטײט אונטער די יענערעלער, נעמט אפער, שיסט זי — זי פאלט. מען נעמט-אפ דאס קינד די מוטער. — מען שיקט נאך א דאקטער.

---

**II.**

עס קומט-ארײַ' א דאקטער, טראָקט באנקעס.

דער דאקטער: עס אי' זײער שלאכט: מען דארף צי גײן נאך דעם הער ראבינער.

דער ראבינער מיט דעם שמש גײען-צי. — דער דאקטער באהארכט עים [1].

דאקטער (פרעגט דעם ראבינער): װי לאנג ליגט ער?

ראבינער: אזױ לאנג, װי די שטיב.

דאקטער: ארױסגײן גײט ער?

ראבינער: די טירן פאמאכט.

דאקטער: היץ האט ער?

ראבינער: עס ברענ' צעך אױף דעם קוימע' — עס אי' ניש' דא, װאס צי־צישטעלן.

דאקטער: ס'עט ניש' בעסער װערין, עט ערגער װערין.

ראבינער: טאמער האט דער דאקטער עפיס א רפואה?

[1] דעם קראנקן. —





דאקטער: יא! — מען זאל נעמע' לאזן מאכן גאל פון א בײן, מיסט פון א הין און דאס אלץ צוזאמעמישן, און אלי האלבע שעה אנגעבן א מיתה-משונה-לעפאלי. — אַ' ס'עט עים ניש' פון דעם בעסער װערין, — עס עים ערגער װערין.

ראבינער: טאמער האט דער הער דאקטער נאך א רפואה?

דאקטער: יא! — מען זאל גײן תמיד אין דער גרעסטע פראסט נעמע' א שטיקל אזן [1], צישטױסן אין א מערשל, און אלי האלבע שעה געט מען אן.

ראבינער: אַ' ס'עט ניש' בעסער װערין...

דאקטער: עט ערגער װערין.

ראבינער: טאמער װײסט'ער נאך עפעס א רפואה?

דאקטער: מען זאל נעמע' אײן אלטע זעמל פון זעקס װאכן, — און דעם רבי אנהעיגגע' פון אײן זאט פײע [2], דעם קראנקן — פון די אנדרי זאט פײע דעם רבי. — דער רבי זאל אזױ לאנג קוקן, ביז ד'אױגן עלן עים ארױס.

ראבינער: אַ' ס'עט ניש' בעסער װערין...

דאקטער: עט ערגער װערין.

ראבינער: זאל דער דאקטער שטעלן אכט און זאכציק באנקיס אױף דעם שפיץ אפל.

דער דאקטער שטעלט באנקעס דעם קראנקן. — דער קראנקער הײבט זיך אױף און גײט-אװעק אין א זאט.

[1] אמן. — [2] פאה. —

52



III. דער רבי[1] (זינ.כ): אלי זיצן ארום דעם טיש, קומט דער רבי ציגיין[2], —
פאקייצלס ער פאַ׳ גרויסי נוי[3].
כיז איין האנט קראַזולט ער זעך די פייע,
כיי די אנדרי האנט — די באָערד די גראָע. —
ער קוקט אין הימל: „איך האָ׳ גילערנט מי׳ די קינדערלעך
„כדי זיי זאָלן האָבן מורא.
„איך האָ׳ באַוויזן גאָטס ווינדער,
„וואָס שטייט אין די הייליקי תורה.
„ווייל דער גאָט, — אַ, אַ, —
„ווייל ער מיך איבערגיללטן, —
„פיר מיר אי׳ ווייניק דער גאַנייידן;
„דראַ הינדערט אין זיבן וועלטן.
„סאַראַ-ראַ-רי-ראַ-לאַ-לאַ״. —[4])

קימי דער חזן ציגיין,
האַלט ער אַ פינגער באַם גאָרגל.
ער שראַט, ר׳איז אַ חזן גיוועזין,
זאַן קול איז עים גיגאַנגע׳ ווי איין אָרגל:
„איך האָ׳ גידאַוונט, שלום-אלי-האַ,
„אין אלי הייליקי שילן״.
זאַן קול איז עים גיגאַנגע׳,
אַזוי־וויי! די שענסטי פידל.
„ווייל דער גאָט, אַ, אַ, — מיט מער ריידן.

[1]) דער רבי — דאָסזעלביקע, וואָס דער ראַבינער, — אַ „פורים-רבי״. —
[2]) פונדאַנעט אַן גייען פראַגמענטען פון דעם באַקאַנטען סאַטירישען געריכט: „דאָס ליד
פון נאָכט באַנקראָט אָדער דרייהונדערט און צעהן וועלטען״ (פון וואָלף עהרענקראַנץ
זבאַראַזער) [איבערגעדרוקט אין אַ קאָפּיקעביכעל פון פראַנצישקאַנער
נאַכ. — וואַרשע, 1904]. — [3]) הנאה. — [4]) די פאַרדאָרבענע צוויימע סטראָפע פון
זבאַראַזערס געריכט (ווי די אָנמערקונגען נאָכ׳ן טעקסט). —





„ווייל ער מיך איבערגיללטן, —
„פאַ׳ מיר אי׳ ווייניק די גאַנייידעם,
„דראַ הינדערט אין זיבן וועלטן.
„סאַראַ-ראַ-רי-ראַ-לאַ-לאַ״[1]). —

קימי דער שוחט ציגיין —
פאַשטעקט ער אַ האַלבן קאַפּטען:
ער שראַט; ער איז אַ שוחט גיוועזין
פין אלי בריות שאַכטן.
אַרימגילאָפן אין די יאַסקיס,
די מילך אַראָגינימע׳;
אַרימגילאָפן אין די יאַסקיס
די סרכה אַראָגינימע׳.
„ווייל דער גאָט, אָ-אָט, ... מער ריידן
„ווייל ער מיך איבערגיללטן, —
„פאַ׳ מיר אי׳ ווייניק דער גינייידעם,
„דראַ הינדערט אין צען וועלטן״[2]). —

IV. דער רבי באַכט קידוש[3]). אלי שטיין.

דער רבי: סברות[4]) מרנן ורבנן ורבותי[5]). הדליקו נרות את הנסים ...
מן הצד[7]). ומכן יבא ישמעאלים[8]). אך, רעבוניו, כבני אנשים
טובים. וסעודת פורים כהלכת פורים. —
איינס, צוויי, דראַ. —

[1]) די פאַרדאָרבענע דריטע סטראָפע פון דעמזעלביקען ליד (ווי נאָכ׳ן טעקסט). —
[2]) l. c., 5-טע סטראָפע. — [3]) זאָגן דעם „פורים-קידוש״ ווי ווייטער. נאָך אלע פו-
רים-שפילען. — [4]) סברי. — [5]) פון קרוש לשלש רגלים. — [6]) פון ברכת הדלקת נר
חנוכה: ... „הנרות הללו אנחנו מדליקים על הנסים״. — [7]) l. c. „מעוז צור ישועתי״. —
[8]) פאַרדאָרבען: „ונמכרנו לישמעאלים״ ... (בראשית, ל״ז, כ״ז). —

וַיְהִי עֶרֶב, וַיְהִי בֹקֶר — יוֹם הַשִּׁשִּׁי [1]. — הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹדוֹ [2]. —
כְּבוֹדוֹ מָלֵא עוֹלָם; מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים זֶה לָזֶה: „אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ? [3] —
וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, הַמֶּלֶךְ עַד כּוּשׁ [4]. — דָּם, צְפַרְדֵּעַ, כִּנִּים, און
רַב [5], אַרְבֶּה, מַכּוֹת [6] בְּכוֹרוֹת. רַב יְהוּדָן [7]. — תִּכַּנְתָּ שַׁבָּת, רָצִיתָ
קָרְבְּנוֹתֶיהָ, צִוִּיתָ פֵּרוּשֶׁיהָ עִם סִדּוּרֵי נְסָכֶיהָ כִּימֵע לְעוֹלָם הָאָב [8]. —
אינזערע אבות
האָבן קאַטאָוויס...
טרינקע' בראָנפען — באַצאָלן אין שבת.
אַזעלכע צרות האָבן אינץ ניש' געוויסט..
דאָס גלעזיל אין בוזעם גיקישט [9].

# אָנמערקונגען.

די נ"נ 11 און 12 זענען באַגרינדעט אף מלכים א (ג' ט"ז - כ"ז) —
די שפּיל אליין וואלט געווען צו קורץ אף צו פאַרשפּילן; דאָס פּראָגראַם פון א
גאַנצער פאָרשטעלונג, האָט די פאָלקספאַנטאַזיע צוזאַמענגעשטעלט פון 4 „נומערן": 1) די שפּיל
„מלכה הסלכם משפּט"; 2) די קאָמישע סצענע מיט'ן דאָקטער (חזרט זיך איבער אויך
אין אַנדערע פורים-שפּילען); 3) פראַגמענטן פון וועלוועל זבאַראַזשערס פּאָעזיע; 4)
דער „פורים-קידוש". —

צו I.

דער סעיף 2: — זיי ס' 2 אין נומער 1 פון דער זאַמלונג (מיינע „זאַמלביכער".
באַנד I, ז' 88). —

[1]) „יום הששי" (בראשית א', ל"א) [זיי פרימיטיוו-קבלה-פורים קידוש]. —
[2]) „השמים מספרים כבוד אל"... — פון שבתדיקן דאַווענען (תהלים, י"ט ב') — [3]) פון
דער מוספדיקער קדושה. — [4]) מגלת אסתר (א', א). — [5]) ערוב. — [6]) מכת. —
[7]) רבי יהודה. (די גאַנצע שטעלע — פון דער הגדה). — [8]) די לעצטע דריי ווערטער
פאַרדאַרבן פון: „מענגיה לעולם כבוד"... (די גאַנצע שטעלע אויס דעם שבתדיקן
מוסף). — [9]) פאַרשריבן הינטער וואַרשע.





№ 14.

# שלמה־אשמדי־שפּיל.

פּאָיאַץ: גוטן [1]) נאָווינד, יאַ!
גוטן נאַווינד, יאַ!
היר קאָמי' [2]) אַראַ'
פרינץ פּאָיאַץ פּאָראַ (?).
דיזי' [3]) לעינגי' [4]) שטאַ' [5]),
קאָמי' דאָ אַראַ'.
קאָמי' היר ציגיין,
דיזי פרינץ גיפיין [6]).
דאַס איזט פין היי'.
דיזי פּאַרטאַי, —
אינץ וואַרן היר פּאַשטעלט,
אינץ קימי' פּאַדיני' געלט.

[1]) ז — אין דער שפּיל איבעראַל דאָס לאַטייניש ע u. — [2]) קאָמען (מענגען
שלום.י — זיי די אָנמערקונגען אונטער'ן טעקסט אף זייט 80). — [3]) דיזער (וועגען
שלום.י — זיי די פריערדיקע אָנמערקונג). — [4]) לענגער. — [5]) שטיין (אין דעם
פּערז פיילט, קענטיק, עפּעס, ער וואָלט, וואַרשיינליך, געדאַרפט אויסדריקן דאָס, וואָס
אין ביישפּיל, דער סעיף 20 אין נומער 9 (זייט 85). — זיי אויך ווייטער, סעיף 83. —
[6]) פּיינער. —

דיזיס שפילי צי זינגן [1],
ווי די אשמדי האט קיניג שלמה פארשפיגן.
קיניג שלמה וואר א גראסי וואזי [2],
צים סוף איז'י [3]) גיגאני אין די האזי [4]).
קיניג שלמהס חכמה העיעט מין וויס.
צים סוף אט'י זעך גילאפט כאפן פין אשמדי אף די קיס.
בא זאני היניגשי פיס אט'מאך עים דאקענט, אלי מענטשן,
אלי לייט.

כא, כא, כא, דאס איזט די פרייד.
דיזיס שפיל פא' דיזי לייט.
דיזיס שפיל איזט ביקאנט
אין יעידן שטאנד, אין יעידן לאנד.
האנט איזט פורים, א גרויסי פרייד,
אין אלי לענדי', בא די יידישי-לייט.
אימיטים איזט אלץ באצאלעט,
אין יעידי' שטיב וועיעט א טיש גיפועט.
פורים איזט א מנהג איבי' די וועלט,
אז ארימי לייטי גיין פאשטעלט, —
עלן אינק דא דיזי גישיכטי פאשטעלן.
יעך שווערי', דאס דיזי גישיכטי עט אינין וואויל גיפעלן.
היר קימי'-ארא' דיזי יאצים [5]).
דיזי יאצים זעני' קיניג שלמהס גיזעלן.
דיזי לייטי עלן אינין זייערי [6]) שיין גיפעלן.
שנעלי' [7]) שנעלי', לאסן זיי אין דראסן נישט שטיין;
אף דיזי סטאנציאן לאסן זיי קימי'-ציגיין:

[1] זינגען (די נארויסגעלאזט, ס'זאל אויסקומען צום גראם מיט „פארשפיגן").— [2] חכמה (חכם). — [3] איז ער (דער גראם אף „אינ"). — [4] היזער. — [5] יועצים. — [6] זייער. — [7] שנעלער. —





פא' דיזי לייט איזט ני' שיין,
זיי זאלן אין דראסן לעינגי' שטיין:
שנעלי' ארין! ארין! ארין!
יאצים עך מיין!

---

יועצים: אינק 'עני' די יאצים פין קיניג שלמהס טראן.
דיזי' קיניג שלמה איזט איין גראסי' מאן:
דיזי' קיניג שלמה האט עס אפגיקלעיעט [1]),
אז אלים אף די וועלט איזט גאנישט' וועיעט;
אלים אף די וועלט איזט נאריש בלויס;
דיזי גאנצי וועלט איזט איין פעדיהויז [2]):
דאס וואסי' פליסט אין ים — די' [3]) ים וועיעט נישט פיל.
די' מענטש—עיע האט פיל ראכקייט, אי' מיינט, א' ס'איז
נישט פיל.
די' מענטש — א' קלעיעט זא פיל, אין קען גאנישט' פאשטיין,
ביז'י' טיט צי ד'עיעט גליאך צרי' [4]) גיין [1]).

פאיאץ: זאטק שטיל, יאצים, יאצים עך מיין!
די' גראס קיניג שלמה קימט ארא'ציגיין.
מאכטק-אף, מאכטק-אף אלי טירן, אלי טירן,
דים קיניג שלמה ברעינגטק ארא'ציפירן!
ארין, ארין,
אין ביטע שטילי' זיין.
ארין, ארין,
קיניג שלמה דו מיין!

---

[1]) א רמז אף קהלת. — [2]) פעדערהויז. — [3]) דער. — [4]) צוריק. —

יועצים: אינך ’ענו’ [1] די יאַצים פון קיניג שלמהס ראַכטו האַנט.
אינך פרידן צינעם קיניג שלמה, צים הערשו’ פון גאַנצן
לאַנד.

שלמה: יעך בין קיניג שלמה,
יעך קיניג איבו’ די וועלט.
עך ’ענט מאַנו יאַצים,
עך ’ענט פאַ’ [2] מיץ’ גישטעלט!
יעך זעך מעך אָף די שטיל,
קיניג’עך איבו’ די וועלט.
עך ’ענט מאַנו יצצים,
עך ’ענט פאַ’מיץ’ גישטעלט! [3]

---

באַדינטער: דראָסן שטייט אַ מאַן, הויעך וו’אַ רין,
מיט אַ פאָו’ [4] היניגשו פיס.
און אַ אַזונו קייפ
גייס’ו’ [5] אָנגיקלייט [6].
דיזו’ מאַן שטייט באַם פאָטו’-קיניגס טיץ’ [7],
צים פאָטו’-קיניג וויל’ו’ מאַכן אַ באַשטיץ’ [8].
איינים זאַך וויל’ו’ בעיטן:
צים פאָטו’-קיניג צי מאַכן טרעיטן.

שלמה: מאַך עים טרעיטן דאָ היץ’,
מאַך עים אָף די טיץ’.

פּאָיאָן: דאָ קימט פאָו’ [9] דיזו’ מאָן.

---

[1] זענען. — [2] פאר. — [3] פארגלייך מיט די פערזען 43—46 און נומער 3 (וואַטעלביכער, I, ד 114). — [4] פאָר. — [5] גייט ער. — [6] אָנגעקליידט. — [7] מיר. — [8] באַשטיר — [9] fur (פאָר). —





אַשמדי אי’ זאַ’ נאָמו’.
פאַ’ די הערן לייטו
טיט’ו’ באַלד פאָ’קימו’.
ביטו אַריין!
און דראָסו’ ניש’ לעיגו’ צי שטיין,
אַשמדי דו מיין!

---

אַשמדי: קיניג שלמה, קיניג שלמה!
איינ’ליי [1] זאַך על’עך דעך טיין פרעיגן:
זאָג, דו, גראָסו’ קיניג, און וואָס אי’ דאַן כח,
וואָס דו האָסט אַזאַ פעיידיקן [2] מח! —

שלמה: אַ פינגירו [3] טראָג’עך אָף מאַן האַנט, —
מי’ דיין פינגירו טי’עך הערשן איבו’ דים גאַנצן לאַנד.
די’ שם המפורש איז אָף דים פינגירו אָפגישריבן,
דער’ם בין יעך, קיניג שלמה, איבו’ דים גאַנצן לאַנד
קיניג גיבליבן.
יעצינד, אַשמדי, זאָסטו מיץ’ [4] זאָגן:
נאָך וואָס טיסטו אָף דאַנו פלייצים אַזאַ אַזונו קייט טראָגן?
פינוואַנו’ טיט אַזאַ גבורה צי דיץ’ קימו’?
פינוואַנו’ קימט אַזאַ כח צי דאַן טרפ’נו טומאה?

אַשמדי: דיין סוד, קיניג שלמה, אָב’עך פאַ’ קאַ’ מענטש ניש’ דאַציילט,
נאָ’ דיץ’ על’עך זאָגן: — דיזו’ כח שטעקט אי’ מאַן קייט.
און דיזו קייט ליק’ טו’ [5] כח פון די גאַנצו טומאה,
אָף דיזו קייט וועירן אַלו מענטשן צי מיץ’ צוגינימו’.

---

[1] אייניגערליי. — [2] פייערדיקע. — [3] פינגערל (ליפשיץ, l. c., ז’ 159). — אויסגעשפּראָכען: fingyrhu. — [4] מיר. — [5] ליגט דער. —

שלמה: אַשמדי, גע׳מע׳ [1]) דאַן קײַט,
אי׳ מאַן פינגירו נאָ די׳ [2]) צו, —
עס מי׳ זעיען, ווע׳יע׳ ס׳זאַן שטאַרקי׳:
צי יעך, צי די!

אַשמדי: נאַ די׳ די קײַט, און גע׳ דאַן פינגירו אהעיע׳ [3]).

(שלמה נעמט צום דאָס פינגערל. די אשמדי לאָזט שלמהנ׳ען אָף די קײַט און שראַט-אָם)

די ביסט קאַ׳ שלמה, קאַ׳ קיניג ניש׳ מעיע׳ [4])!
די האָסט גיזאָגט, ביסט אַזוי קליג,
אַסוף האָסטי דעך באַנאַרישט, וו׳אַ קינד אין די וויג.
יעצינד ביסטי, וו׳אַ הינט, אָף די קײַט,
עסט פאַשפיגן ווערן אָף גאַנץ וויַט.

שלמה: פין אַזויפיל האָב, פין אַזויפיל גיטס,
על׳עך מיזן גיין נע-ונד איבי׳ די וועלט ציפיס.
יעך בין גיוועין אין די וועלט אַזאַ גרויסי׳ וואַזי׳, —
על יעצינד מיזן גיין בעיטלין אין די האַזי׳.

אַשמדי: ס׳ע׳סי׳ שוי׳ ניש׳ העלפן קאַ׳ טרעירן און קאַ׳ גיוויין:
עסט יעצינד מיזן אין די האַזי׳ אַרימגיין.

(וואַרפט עים אַרויס).

(אַשמדי מי׳ זעך אָן קיניג שלמהס קלײַדי׳ און זעצי׳ זעך אָפ׳ן קיניגס שטיל).

אַשמדי: יעך בין קיניג שלמה,
און קײַני׳ אַנדערי׳ [5]) מי׳ע׳.

[1]) גיב מיר. — [2]) נאָ דיר. — [3]) אהער. — [4]) מער. — [5]) אויסער.





יעך טו׳ מע׳ אָן די קרוין
אָף דיזי קוואַטי׳ע׳.
קימטע אַהעיע׳, מאַני יאַצים,
די שטיל מי׳ע׳ צוגישטעלט.
יעך זעץ מעך אָף די שטיל,
קיניג׳עך איבי׳ די וועלט.
יעך בין קיניג שלמה,
יעך קיניג איבי׳ די וועלט.
עך ׳ענט מאַני יאַצים,
עך ׳ענט פאַ׳ מי׳ע׳ גישטעלט.

יועצים: אינע ׳עני׳ די יאַצים פין קיניג שלמהס ראַלטי האַנט.
אינע פרידן צים קיניג שלמה, צים הערשי׳ פין גאַנצן לאַנד.

באַדינטער: אין דראָסן שטייט אַ מאַן,
אין צוריסיני קלײַדי׳ איזי׳ אָנגיטאָן, —
אַ׳ שרײַט: „אני שלמה מלך ירושלים!“ —

אשמדי: לאָז עים ניש׳ דאָ אַראַ׳!

באַדינער: ר׳י׳ [1]) שוין אַראַגיקימי׳.

שלמה (ווי׳א בעיטלי׳): פיל יאָרן בין׳עך אָף די כסא-מלכותא גיזעסן,
און יעצינד האָט עך מי׳עך שוין אַלי גאָע׳ פאַגעסן:
אני, אני שלמה. מלך בירושלים!

אַלע: אַראָס פינדאַני׳, די, בעיטלי׳,
די זאָס׳ טאָ מיי׳ ני׳ [2]) שטיין!

[1]) ער איז. — [2]) נישט. —

די בּיסט אַ דומי' בּעֶיטלי'!
שנעֶלי' ז8סטי גיין!

שלמה: עֶך, וואַבּי', 8ט גיטלין מיעֶך קלשן אין לאַבּן, —
יעֶצינד טלט עֶך מיעֶך פינדאַני' אַוועֶקטראַבן.

אלעֶ: אַר8ס פינדאַני', די, בּעֶיטלי'!
די ז8ס'טאָ מיי' ני' שטיין!
די בּיסט אַ דומי' בּעֶיטלי',
שנעֶלי' ז8סטי גיין!

שלמה: אני, אני שלמה!
יעֶך בּין שלמה, קיניג איבּי' די וועֶלט.
בּריליאַנטיני פּאַלאַצן 8ב'עֶך מיעֶ' 8פגישטעֶלט.
טייעֶרי וואַני'[1]) 8ב יעֶך גיטלין טרינקי'.
הבל-הבלים: ס'אי' נאַריש,
וואַל נאָכ'ן טויט טלט פין מעֶנטש שטינקי'.
וואָעֶס 8' די' מעֶנטש גאָעֶ' דאַפין,
וואָס עֶס בּרעֶנט עֶים אָפ די הייסי זין!
יעֶך בּין גיוועֶין קהלת, — קיניג איבּין גאַנצן לאַנד,
אַלי פר8ין אין אַליס ראַכקייט אי' גיוועֶין אינטי' מאַני האַנט.
אני, אני שלמה!

ווי זינדיק אי' די' מעֶנטש 8ף דיזי וועֶלט!
ג8לדיני שטילן 8ט מי' מיעֶ' ציגישטעֶלט.
יעֶצינד טי'עֶך גיין צי לייד אין צי שאַנד,
אַלי טלין פי' מיעֶ' לאַכן, מעֶ מאַכ'טעֶך מיך צי שאַנד.
אני, אני שלמה!

[1]) וויינען. —





יעֶך, קיניג שלמה, 8' דאָס אָגיקלעֶיעֶט[1]),
אַז אַליס 8ף די וועֶלט 8ט ניש' קייני וועֶיעֶט[2]).
אַליס 8ף די וועֶלט אי' דעֶך נאַריש בּלויס.
וואַל פין פיל ראַכקייט קימט קאַ' גיטך ניש' אַרויס.
אני, אני, שלמה!

ווען 8ב יעֶך, קיניג שלמה, גיוויסט פין אַ נויט!
יעֶצינד גיי'עֶך אין די דאַזי' אין בּעֶיטל אַ שט.קו[3]) בּרויט.
אני, אני, שלמה!

יעֶך, קיניג שלמה, 8' דאָס 8פגיטלין,
אַ' די' מעֶנטש 8ט גאָניש' פין אַלים, וואָס'י' טי'צעֶך בּאַמלין.
יעֶך בּין גיוועֶין ראַך אי' ניש' גיוויסט פי' קאַ' נויט, —
יעֶצינד גיי'עֶך אין די האַזי' אין בּעֶיטל אַ שטיקו בּרויט.
אני, אני, שלמה!

אשמדי: אני. אני שלמה!
יעֶך קיניג איבּי' די וועֶלט,
קימטך אַהעֶיעֶ', מאַני יאַצים, —
די שטיל מיעֶ' ציגישטעֶלט!
וואַרפטך-אַר8ס דים בּעֶיטלי' אין ל8סטך עֶים ניש' אַראַ'!
בּאַ מאַן טיעֶ' ל8סטך עֶים מעֶיעֶ' ני' שטאַ'[4]).
אַני, אני, שלמה!

יועצים (צו שלמה'נען): גיי-אַוועֶק פינדאַני',
די, בּעֶיטלי', די גימייני'!
די בּיס'טעֶך נאָעֶ' אַ בּעֶיטלי',
אין עֶס קעֶן דעֶך ניש' קייני'!

[1]) אפגעקלערט. — [2]) ווערט. — [3]) schtykhu. — [4]) שטאן — שטיין. —

פ־ֿכ־קעניג שלמה
דצם אף זאן טראָן.
בני־אַייצק, דו, בעטלר,
זאָסטאָ מיי' ני' שטאָין!

(וועצים וואַרפן עים אַראָם).

---

שלמה: גלייבסך ניש' דים שד:
אַ' י) כאַכ'טעך דאָס גישפּעס.
כאַן פינגירו פין די האַנט
אָסיר מיר' אָנגיקריגן.
דאָצם אי' די' אַשמדי:
ר'אָ'כעך מיעך פאַשפיגן.
אני, אני שלמה!

אשמדי: אני, אני שלמה!
יעך בין שלמה!
דאָס פינגירו אָף מאַני האַנט.
יעך בין די' קעניג איבירן גאַנצן לאַנד.

שלמה: געֿנאָ' ²) מיר' אַהעיע' דאָס פינגירו פין דאַני האַנט, —
עט'כי' ³) זעיין, צי דו ביסט אַ קעניג איבירן גאַנצן לאַנד.
אני, אני שלמה!

אשמדי: יעך בין קעניג שלמה,
יעך קעניג איבי' די וועלט,
עך 'צנט מאַני יאַצים,
עך 'צנט פאַ' מיר' גישטעלט!

---

¹) ער. — ²) גיב נאָר. — ³) וועט מען. —





שלמה: ר'י' דעך נאָ' אַ שד.
אַ' מאַכ'טעך דאָס גישפּעס.
ר'אָ'טעך מעך פאַשפיגן,
אָף די קייט מעך אָנגיקריגן.
טיטך נאָ' אַ קיק הינטי' די פיס אַהין:
ר'אָ'כעך אַזיני פיס, פינקט ווי אַ הין.
ר'י' דעך נאָ' אַ שד,
אַ' מאַכ'טעך דאָס גישפּעס.

אשמדי: יעך בין קעניג שלמה!
וו'עך דאָ דאַשראָקן!
יעך טו פי' מאַני פיס
נישט אָעס מאַני זאָקן.

שלמה: ר'אי' דעך נאָ' אַ שד.
אַ' מאַכ'טעך דאָס גישפּעס.
ר'אָ'טעך מעך פאַשפיגן,
אָף די קייט מעך אָנגיקריגן.
נעמטך עים אַראָפ דאָס פינגירו פין די האַנט,
עט עך זעיין, צי ר'יז אַ קעניג איבירן גאַנצן לאַנד.
ר'י' דעך נאָ' אַ שד,
אַ' מאַכ'טעך דאָס גישפּעס.

אשמדי: יעך בין קעניג שלמה,
יעך קעניג איבירן לאַנד.
יעך טו נישט אָעס דאָס פינגירו
פי' מאַני האַנט.

שלמה: ציטך עים אַראָפ די זאָקן פין די פיס.
ר'י' דעך נאָ' אַ שד,
אַ' מאַכ'טעך דאָס גישפּעס.

ר'פֿ' טעך מעך פֿאַשפּיגן,
פֿף די קיס מעך אָנגיקריגן.

אלע (באַקיקן דים אשמדי די פֿיס):
יפֿ, דאָס איז'דעך וואָצ' [1]:
ר'פֿ' טינינ [2]) פֿיסלאַך, ווי אַ האָצ'. [3])
ר'י' דעך נפֿ' אַ שד.
אַ' מאַכ'טעך דאָס גישפּעס.
(מ' מיט דים אשמדי אָס די קיסרליכע קלמדי' אי' מ'בינט עים צוריק אָף די קעמט).

אשמדי: אַ ברפֿך אי' שוין צי מיצ':
מ'פֿ'טעך מיעך גיפּאַקט!
יעכ'ל דעך יעצינד קריגן
אין... אַראַ' גיקלאַפּט.
ווי קען יעך גיין,
ווי קען יעך שטיין,
אַז יעך בין גיפֿאַלן
אין זיירע העֶנט אַריין
ס'ע'טעך יעצינד זאַן
אַ ברפֿך צי מאַני יאָצ':
אַלי עלן דעך זעיין,
וועיע' יעך בין גאָצ'.
(מ'טים דעם אשמדי אָס די קעניגליכע קלמדי).

---

פֿאָיאַץ: אשמדי, זאָג ודוי. — אַליף! [4])

---

[1]) האָר. — [2]) ער האָט רינגע. — [3]) האָר. — [4]) אַלף. —





אשמדי: אָשמנו.
בין יעך מע גיוועין אַנ'אימשילדיקי' מעין. —
על'עך יעצינד תשובה טאָן.

פֿאָיאַן: בייס [1])!

אשמדי: בגדנו.
טאַטי-מאַמי עלן דעך מע' נאָכזאָגן אַזאַ גיטי זאָג:
כ'פֿ' דעך זיי גיקאַלט [2]) ס'לעידי' זיבן מאָיל אין טאָג.

פֿאָיאַן: גימל.

אשמדי: גאַנוויני' פֿב'עך גאָניש' גיקענט:
נפֿ' אַ' כ'בין גיגאַני' קויפן אַ ברייטו [3]) פֿאַ' די מאַמי,
פֿב'עך גיברעינקט ס'ברייטו מיט'ן געלט צינ:זאַמי'...

פֿאָיאַן: דאַליס. [4])

אשמדי: דאַוויני' פֿב'עך קיימאָל ניש' פֿאַגעסן,
כ'פֿ' נפֿ' איביק צימ'עיעשט אַ שטיקאַלי חזיר פֿפגיגעסן.

פֿאָיאַן: היי [5]).

אשמדי: אַלי הירן זעני' גיוועין מאַני וואַבי'.
אין אין מאַלטשיץ [6]) בינ'עך גיוועין אַ חזירים-טראַבי'.

פֿאָיאַן: וואָוו [7]). —

אשמדי: וואַבי' אין די מקוה פֿב'עך פֿסגיטיילט גיברענטע צרות.

---

[1]) בית. — [2]) נעקעלט. — [3]) ברייטל. — [4]) דלת. — [5]) הא. — [6])
דערף הינטער זשיטאָמיר. — [7]) וו. —

אין ערב-יום-כפיר האָב'עך גיגאַנווית כפרות. ...

פּאַיאַן: זין.

אשמדי: יוכלין האָט גיקאָכט מיט מאַני מעשים טובים,
יואַל כ'האָ' דעך שטאַרק גיהאַלטן שבתים אין יום-טובים:
פסח האָב'עך גיגעסן כשר ברויט,
אין יום-כפור האָט'מי' מעך אַראָגישלעפּט פין בוידים
מיט אַ מויד.

פּאַיאַן: חעס[1].

אשמדי: חעלימער נאַראָנים,
לוויוויטשער קבצנים[2],
טשאָכיטשאָווער[3] בדחנים, —
פין די אַלי דראַ
האָב'עך גימאַכט ס'גרעסטי גיבראַ.

פּאַיאַן: טעס[4].

אשמדי: טויטי אין לעבידיקי האָב'עך אָגיצויגן די בגדים,
אין אַלי דינסטן האָבן דאַציילט מאַני חסדים.

פּאַיאַן: יוד[5].

אשמדי: יום-כפור[6] האָב'עך גיגעסן חזיר האָפ'ן ניכטירן מאָגן.
אין האָף אַ ש.... האָב'עך גיטאָן נעילה זאָגן.

פּאַיאַן: כאָף[7].

אשמדי: כשרע הינדלאַך האָב'עך גיגעסן, גיפרעגלט מי' טרפה'ני פיטער.

---

[1] היית. — [2] וואַרש. ג. — [3] סאָכאַטשאָווער (וואַרש. ג.) — [4] טית. — [5] יוד. — [6] יונקיפּר. — [7] כף. —





יעצינד אי' דעך מי'ע' זיי' שלאָגט אינד זיי' ביטי'.

פּאַיאַן: לאַמיד[1].

אשמדי: אַ למדן בינ'עך גיוועין פינקט ווי מאַן טאַטי,
אין האָף אַ פּאָע' שיך האָב'עך גיקענט לייגן אַ לאַטי.

פּאַיאַן: מעם[2].

אשמדי: אַ מאַטשאָרניק בינ'עך גיוועין, אין די בראָדעלן מיט
אַלי ויבּרן באַנאַנד,
אי' מאַן משפחה האָב'עך גימאַכט צי שאַנד.

פּאַיאַן: נין[3].

אשמדי: ניסל'ען דים מלמד האָב'עך אָסגיריסן די באָרד מי' טי פייס.
אין באַ משה הערשן[4] האָב'עך גיגאַנווית אין די מייס[5].

פּאַיאַן: סאַמאַך[6].

אשמדי: סאַניקער[7] מיידן האָבן גאַט צי דאַציילן מאַני ווינדרי,
אין גאַנץ קערנאָזשי[8] אי' גיוועין פיל מיט מאַני קינדרי.

פּאַיאַן: עין. —

אשמדי: עסטירו[9] מאַן וואַבו אי' גיוועין אַנ'ערליכי צניעה,
אין אַ' די' גיגאַני' אי' מאַריק אַראַ',
האָ' צי מי'ע' אַהיינגיבריינקט אַ מציאה.

---

[1] למד. — [2] מם. — [3] נון. — [4] אַ פירמע אין ושיבלין. — [5] פאות — באות. — [6] סמך. — [7] סאַניק, אַ שטעטיל הינטער וישיצלין. — [8] Kiernozia, אַ שטעטיל אין וואַרש. ג. — [9] אסתר. —

פאַיאַץ: פּי.

אשמדי: פּרים בינ׳עך געווען אַזוי ווי מאַן מיטר׳:
כ׳אָ׳ גימענציס [1]) הינדלאַך אין גיפרעגלט אין פּיטר׳.

פאַיאַץ: צדיק.

אשמדי: צדקה אָב׳עך דעך אייביק גיטלין געיבן:
כ׳אָ׳ גיזעין אַנ׳אָרימאַן, אָב׳עך נאָ׳ צוגינימי׳ ס׳געלט
אין עים גילאָט לעיבן.

פאַיאַץ: קוף [2]).

אשמדי: קינדי׳ אין די ווגן אָבן דאַצילט מאַני ווינדי׳,
אי׳ מיידן אָבן פי׳ מיר אַהיינגיטראָגן אין די שאַרצן קינדי׳.

פאַיאַץ: רייש [3]).

אשמדי: ראש-השנה בינ׳עך דעך געווען בעל-תקיעה.
אין באַ ביינישן אין בראָדעל אָב׳עך גאַט אַ גרויסי דעה.

פאַיאַץ: שין.

אשמדי: שבת אָב׳עך גיטיילט טשאָלענטס באַם בעקי׳,
אין אָף אַלי חתונות בינ׳עך געווען אַ טעלי׳לעקי׳.

פאַיאַץ: תאָף [4]).

אשמדי: אַ בן-תורה בינ׳עך געווען איינ׳ אין זשיכלין:
כ׳אָ׳ גיקאָנט בראַכן ביינ׳, אין מעסטן בקיס אָף די אַרשין...

[1]) פויליש: mączyć (מיילך מאַכן, אָנטונקען אין מיל). — [2]) קוף. — [3]) ריש. — [4]) תו. —





אַלע: יעצינד, בעל-הבית,
געט אינץ אינזי׳ שכר, —
עס אַך גאָט געיבן אַ גליקלין יאָר׳
אין אַלדיס גיץ דאַפאַ׳ [1]).

זשיכלין (וואַרש. ג., קוטנער א.) אַ גרופּע פּורים-שפּילער.

[1]) דיראַנטקע פּורים-שפּיל איז געשטיצט אָף די לעגענדעס וועגן אַשמדי. — זע „יעווריעיסקאיא ענציקלאָפּעדיא", III, 297 (זע אויך י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק, — „די יידישע אַגדות", I, 133). —

№ 3

# מלך-שאול-שפיל.

(דריטער װאַריאַנט פון „גלית הפלישתי״).

---

ערשטער פּאָעט [1]: איך בין פּאָעט, פּאָעט איך אַלײן.
איך װעל אײַך גיבין אַלעס צי פאַרשטײַן.
מיר בעטין דעם פּאַבליק, זײַ זאָלין זײַן שטיל,
אין זײַ זאָלין אויסהערין מיט אײַן גיטין גיפיל.
מיר בעטין דעם פּאַבליק, זײַ זאָלין זיצין אָף זײַערע ערטער,
אין זײַ זאָלין אויסהערין מײַנע טײַערע װערטער [2].
מיר בעטין דעם פּאַבליק, זײַ זאָלין זײַן שטיל,
אין זײַ זאָלין אויסהערין מלך-שאול-שפיל.

איך בין דער באַדינער פון דעם הויז פון מײַנעם הער.
פון פּאָסט בין איך גישיקט גיװאָרין צי פאַרנעמען מײַן
געװער [3].
אָך, דו, ליובע, דו, ליובע מײַן!
גיט מיר נאָר אַהער דעם גיטען אונגערװײַן [4]!
אָ דאָ, אין דערױעלבער פלאַשע האָב איך גישיקט נאָך
בײַריש װײַן,
אָך, דו, ליובע, דו, ליובע מײַן!
אָ דאָ, אין דערױעלבער פלאַשע האָב איך גישיקט נאָך
בײַריש װײַן,
יעצט מאַכע איך מיט די פלאַשע שלינגען, שלאַנגען.
איך שלינגע אין מאָל [5] אַרײַן.

---

[1] דאָס װאָרט „פּאָעט“ איז פון גאָר פרישער אָפשטאַמונג. — עלטער איז דער „פּאַיאַץ“ (זעה № 1 פון אויבען, 88 טע ז׳.) —
[2] מאָפּעלטער גראַם: זײַערע—טײַערע, ערטער—װערטער.
[3] דער צװײַפערז — ב.ס. — [4] די צװײ פערזען — צװײ מאָל. — [5] מויל. —





אײַן גיט-פורים אײַך צי װינשין אַלי דאַיר! [1]
איך באַװינשע אײַך גיסט צי דעם נײַעם קװאַרטיר! [1]
איך באַדאַנקע אײַך פאַר אײַער צימליכין גישפּראַך! [1]
אײַן גיט-פורים, אײַן גוט-פורים צי אַלע מײַנע ליבע הערין,
צים זינגען אין צים שפּילין אין נישט צי פאַרשטערין!
הערין קאַװעלערין, מיט אײַן ביסעלע שטילין,
װעט איר דאָ באַלד אויסהערין [2] מלך-שאול-שפּילין!
די גישיכטע פון שאול-המלך איז דאָך זײַער שײַן אויסציהערין [2].
נאָר אָהן גילאַרעם אין אָהן גישרײַ אין ניט צי פאַרשטערין!

דער קיניג שאול — דער איז אײַן בראַװער מאַן,
זאָ גלײַך װי איך שטעל אים דאָ פאָער, זאָ גלײַך
קימט ער אַרײַן.

(ענדע ערשטער פּאָעט).

צװײטער פּאָעט: שמעו נא, רבותי, חביבים ויקרים,
והטו נא אזניכם לאלה הדברים [3].
תדעמו נא, רבותי, בנפשותיכם,
כי הרשע-גלית נהרג לפניכם.
אַ צײלין פון מיר אָף אײַערע קינדער,
אַז דער ליבער גאָט זאָל טאָן מיט אײַך גרויסי װינדער! [4]

שטיל, שטיל, שטיל!
רוישט ניט, װי אין אַ מיל!
ערט [5] אויס אַלי מיט אײַן גיטין גיפיל! [6]

ציט-אויס, ציט-אויס, איר אַלי די װאַכין,
טירין, טוירין אָפצימאַכין!
די װאַלין, די װאַכין זאָלין װערין פאַרשפּרײַט!
שפּילט אַ מאַרש: דער קיניג שאול גײַט!

(ענדע צװײטער פּאָעט).

---

[1] בים. — [2] אויסהערען. — [3] דער צװײפערז — ב.ס. — [4] דער צװײפערז — בים. — [5] הערט — [6] דער כאָר ביכזרט דעם דרײַפערז.

מאַרש: פריִטץ [1]) אַן איַך, הערין אין פערשטין!
פריִטץ פאַן קיניג שאול!

---

שאול (קימט-אַריין): איך בין דער קיניג שאול. איך שיִץ איבער
דער וועלט.
דאָס זענען דאָך מייני יועצים, וואָס זיי זענען פאַר מיר
גישטעלט.
איר זענט מייני יועצים, איר זענט פאַר מיר גישטעלט.
איך זעץ מיך אָף דער שטיל, קיניג איך איבער דער וועלט!

---

שמואל (קימט-אַריין): אַך די, שאול, צי גאָט זאָלסטי ערין, [2])
כדי די מלוכה זאָל זיך פאָן [3]) ניט אָפּקערין.

אַך די, שאול, צי גאָט זאָלסטי רײַדין,
כדי די מלוכה זאָל זיך פאָן דיר ניט אָפּשײַדין. [4])
שאול: יאָ, צי גאָט וועל איך ערין
כדי די מלוכה זאָל זיך פאָן מיר ניט אָפּקערין!
יאָ, צי גאָט וועל איך רײַדין,
כדי די מלוכה זאָל זיך פאָן מיר ניט אָפּשײַדין!

---

אגג: ליבסטער קיניג, זיסער קיניג, לאָז מיך לעבין.
דערפאַר וועל איך אַ שבח והודיה צים יידישין גאָט
אָפּגעבין [5]).

שאול: לאָזט אים לעבין,
צים טויט זאָלט איר אים ניט געבין.
שמואל: אַך, די, שאול, צי אָב איך דיך ניט גיוואָרינט,
אַז אין גאָטס רייד זאָלסטי זײַן גילערינט!

---

[1]) זאָל דאָס זײַן: „פרייד" (שלום)? — [2]) הערין. — [3]) דאַרף צו זײַן: „פאָן דיר". — [4]) דער צווייטער — בים. — [5]) דער צווייטער — 2 מאָל —



63



וואָס אָסטי גיטאָן אגג'ן אַ זכות גינימין,
אין דײַן מלוכה וועט זיך פאָן דיר אָפּשליסין?
ער [1]), שאול, וואָס איך וועל דיר זאָגין,
אַז עס וועט קאָמען אַ רשע גלית — אין וועט דיך שלאָגין.
אגג: יעצט ווייס איך קלאָר באַ זיך, אַז איך גיי שוין צים
גיווייסין טויט,
וואָרים אַז שמואל איז דאָ דערבײַ, קען שוין אַנדערש
ניט זײַן גימאַכט.

---

ערשטער פלשתי: צי דער קיניגליכע שטיל טי איך קניען אין ביקין!
איך בעט דעם קיניג שאול, ער זאָל דאָס ברייוועלע
איבערקיקין, —
וועט ער שוין דאַרטין זײַן,
וואָס פאַרע צרות די יידין וועט גישײַן.
שאול: איך וועל אײַך דערציילין אײַן היסטאָ־ריע,
אַז דער רשע גלית וויל מאַכין מיט מיר אײַן איזבאָריע (?).
ווי איך אָב דאָס דאַערט [2]),
בין איך אין צאָרין גיוואָרין,
אָב איך גילאָפּט דאָס פערד
אין אַוועקגיפאָרין.
בין איך גיקאָמען אין אַ ווײַטי לאַנד,
אָבע איך גיזײַן שטײַן אײַן אײַזערנע וואַנט.
בין איך גיבליבין שטײַן אָף דעם פעלד אלײַן,
אָבע איך תפלה גיטאָן צים באַשעפער מיט יאָמער אין
מיט גיוויין.

---

דאָ קימט אַרײַן דער גלית, דער העלד, [3])
וואָס פאַר אים טיט ציטערין די גאַנצי וועלט.

---

[1]) הער. — [2]) דערהערט. — [3]) ס'איז ניט קלאָר, ווער זאָגט דאָס: שאול צי אַ פורים-שפּילער? — גיכער פון אַלין זאָגט דאָס אַ פורים-שפּילער.

וויסט איר, ווער ער איז, גלית הפלשתי!
גלית איז זיין נאָמען;
פון גאַט טיט ער קאָמען;[1]
די גאַנצי וועלט טיט ציטערין פאַר זיין שרייען אין בראָמען;[2]
הויך, ווי איין מאָער;[3]
שטאַרק, ווי איין פאָער;[4]
אַ פלייצע מיט אַ קאַרעק,[5]
אַזוי ווי דער העכסטער באַרעג![6]
גלית: יידין, דייטשין[7], קריסטע[7] לייטע,
הייטע, הייטע
מאַכע איך מיט אלי שטרייטע.
הייטע, הייטיגע טאָגעס, אַבע[8] איך אָנגיטאָן איין פאַנציר פון קיפּער און פון אייזין.
איך בין גיקאָמען מייני גבורות באַווייזין.
קלאָבט[9] אויס פון אייך דעם גרעסטין העלד,
זאָל ער נאָר גיין מיט מיר אָף דעם פעלד.
קלאָבט אויס פון אייך דעם גרעסטין גראָף,
זאָל ער נאָר גיין מיט מיר אָף דעם שטראָף.
שאול: אוי ווי, אוי ווי, אוי ווי איז צו מיר,
אַז יעטווערער יִנט[10] וויל שטרייטין מיט מיר!
צייט איך אָב מיין קרוין באַקאָמען,
קען איך קיין נאַכט ניט דראָמען![11]
אוי ווי, אוי ווי איז דאָך צו מיר,
אַז דער רשע גלית וויל שטרייטין מיט מיר!
להם השם בער עמך;
עת לעשות תפאר חורבנך.

---

[1] kumen. — [2] brumen. — [3] טויער. — [4] פויער. — [5] קאַרק.
[6] באַרג. — [7] אַנאַכראָניזמען. — [8] האָבע. — [9] קלויבט. — [10] הונט.
[11] די צוויי שורות — בּ. ס. — זאָל „דראָמען" זיין פון „дремать" — ?





דריטער פּאָעט: ווער עס וועט גיין גלית'ן שלאָגין,
דער וועט קריגין עשירות כהגון;
ווער עס וועט גיין גלית'ן רייסין זיין לייב,
דער וועט קריגין שאול'ס טאָכטער פאַר אַ ווייב.
דוד: וואָס אָט מען אויסגירופען?
דריטער פּאָעט: ווער עס וועט גיין גלית'ן שלאָגין צים טויט,
דער וועט עסין שאול'ס ברויט!
דוד: אדוני־קיניג־לעבין, אדוני־קיניג־לעבין,
איך בין גיקאָמען[1] דיין כבוד אָפּגעבין,
די זאָלסט מיר פאַזוואָלען[2]
דעם רשע־גלית דעם קאָפּ אַראָפּנעמען.
שאול: אַך די, דוד, די ביסט דאָך אַזוי קליין און שוואַך!
וויאַזוי נעמסט זיך אינטער אַזאַ גראָסע זאַך!
דוד: אדוני־קיניג־לעבין, אדוני־קיניג־לעבין,
איך בין גיקאָמען דיין כבוד אָפּגעבין,
די זאָלסט מיר פאַזוואָלען
דעם רשע־גלית דעם קאָפּ אַראָפּנעמען.
שאול: אַך די, דוד, די ביסט דאָך אַזאַ קליין קינד,
וויאַזוי נעמסט זיך אינטער צו גיין אָף אַזאַ גרויסען הינט?
בפרט דער רשע־גלית איז דאָך אַזאַ בייזי שטיק,
אַז די גאַנצי וועלט טיט ציטערין פאַר זיין אויגינבליק!
דוד: אדוני־קיניג, איך וועל אייך דאַציילין איין היסטאָריע.
שאול: דאַצייל!
דוד: באַ מיין פאָטער אָב איך די שאָף גיפיטערט,
אָבין אַלי ווילדי חיות פאַר מיר גיציטערט.
אַמאָל באַנאַכט בין איך גישמאַק גישלאָפין,
איז אַ לייב מיט איין בער אין סטאַדע[3] אַריינגילאָפין,
אָב איך מיך אָפּגיכאַפּט פין מיין שלאָף,
און איך[4] אָנגיכאַפּט דעם לייב פאַר די באָרד,
אָט ער גיוואָלט די שאָף בייסין,
אָב איך[5] גיטאָן אָף צווייען צירייסין.

---

[1] gykumen. — [2] סלאַווישער שורש: דערלויבען. — [3] סלאַוויש: משערעדע. — [4] פעלט אַ וואָרט: „האָב". — [5] פעלט אַ וואָרט: „אים". —

איז דען דער רשע-גלית שטאַרקער, ווי אַ לייב ?
איך וועל אים צורייבן אינטער מייני שטויב !

**שאול:** (צום באַדינער): ריף אַריין שמואל.

---

**שמואל:** צי קענסט די עפּעס לערנען ?
**דוד:** בעסער, ווי אַ טויטער !
**שמואל:** וואָס לערינסטו ?
**דוד:** אלף-בית !
**שמואל:** (בענטשט דוד'ן): האל הגדול, הגבור והנורא,
בזכות של העוסקים בתורה,
אין גיי, גיי, מיין קינד, אָהן פּחד אין אָהן מורא,
אין זאָלסט זיך פאַרלאָזן אָף דעם איליגן[1] בורא.
אין גיי, גיי, מיין קינד, די זאָלסט זיך פאַר אים
נישט שעמען,
זאָלסט נעמען דאָס קליינע שטיינדעלע, אין זאָלסט
אים אין קאָפּ אַריין פלעמען.
אין גיי, גיי, מיין קינד, אין אָב פאַר אים קיין מורא,
וואָרים ער איז אַ גוי, אין די ביסט אַ בן-תורה:
אין גיי, גיי, מיין קינד, דיין זכות זאָל דיר גינינסן,
אַז דער רשע גלית זאָל פאַלן צו דייני פיסן.
גיי, טו תפלה !

**דוד:** אַלמעכטיגער באַשעפער, וואָס אָב איך גיטאָן, וואָספאַרע זינד,
אַז איך זאָל דאַרפן אַריינפאַלן צווישן אַזעלכע גרויסי ינט ?

אַלמעכטיגער באַשעפער, די זאָלסט זיך פאָן מיר ניט
אָפּקערן,
אין צו מיין בקשה זאָלסטו ציערן[2].

אַלמעכטיגער באַשעפער, די זאָלסט זיך פאָן מיר ניט
אָפּקערן.

[1] הייליקן. — [2] צוהערן. —



65



אין פאָן מיין געבעט זאָלסטו ניט אָפּטרעטן.

צו זאָל איך ניט גיין אין מלחמה אַריין ? איז דאָך פאַר
דיר, גאָט, עבירה !
צו זאָל איך יאָ גיין מלחמה האַלטן ?
איז דאָך פאַר'ן טויט אַ מורא !
יינט[1] ענטפער מיר, באַשעפער, וואָס איך זאָל טאָן ?
וואָרים פאַר כלל-ישראל נעם איך זיך דאָך אָן !

דערום טו איך דיך בעטין, זאָלסט זיך פאָן מיר ניט
אָפּקערן,
וואָרים צו דיר, גאָט, טו איך דאָך ציערין !

**שאול:** (זאָגט): קים אַער[2], דוד, איך וועל דיך בענשן.
**דוד:** (גייט צו).
**שאול:** גיי, גיי, דוד, אין אָב פאַר אים קיין מורא,
וואָרים ער איז אַ גוי, אין די ביסט אַ בן-תורה.
אין גיי, גיי, דוד, דיין זכות זאָל דיר גיניסן,
אַז דער רשע גלית זאָל פאַלן צו דייני פיסן.
אין גיי, גיי, דוד, די זאָלסט זיך פאַר אים ניט שעמין:
זאָלסט נעמען דאָס קליינע שטיינדעלע אין זאָלסט אים
אין קאָפּ אַריין פלעמין.

---

**גלית:** איך בין דער גלית, דער גרויסער העלד.
פאַר מיר טיט ציטערין די גאַנצי וועלט.
מיט מייני קריטשין[3] מיט די ציין טו איך מענשן צוריסין.
איך וועל אייך דאָ טאָן אָף צוויין צוריסין.
ווער בין איך, אין ווער זענט איר ?
איר זענט דאָך אַלי אין די ענט[4] בא מיר.
ווער עס וועט גיין שטרייטין מיט מיר,
דעם וועל איך צוריסין אַזוי ווי אַ שטיקל פּאַפּיר.

[1] היינט. — [2] אהער. — [3] קריצן. — [4] הענט.

דוד: אַזוי ווי אַ שטיקיל פּאַפּיר וועל איך דיך טאָן צוריַיסין,
אין די פייגעל פון וואַלד וועלין דיַין פליַיש בייַסין.
גלית: אוי וויַ, אוי ויַי איז גישיֶין,
אַז אַ זשידקאַ אָב איך דאָ דאַזיֶין,
אַז אַזאַ קנאַפּעס, אַזאַ קליַין קינד
זאָל גיֶין פון דער וועלט אַזוי גיך אין גישווינט!
אַך די, זשידקאַ, די, זשידקאַ, די אַך!
דוד: דיַיני גבירות איז אויך דאָ בּאַ מיר!
אין דיַיני עשירות — ווער פרעגט נאָך דיר?
איך פרעג נאָך דיר, אַזוי ווי נאָך דעם ינט;
איך, קליַין דוד, אַזאַ יינגער יינג,
איך וועל דיר בּאַצאָלין אָהן אַ שום דינג.
גלית: אַך, וויַאַזוי?
דרייַסיג-פערציג פאָר אָקסין,
ווי איֶין שיסעלע לאָקשין;
דרייַסיג-פערציג לעבלין ברויט
אין אין (?) קליינע נויט;
דרייַסיג-פערציג פעסלעך סטינקעס [1],
ווי אַיֶין שאַכטיל סערעדינקעס [2];
דרייַסיג-פערציג פאָר טאָבין [3],
ווי אַיֶין לאָקש אָפּציקלאָבין, —
אין די, קליינער ינט, די גייַסט מיט מיר שטרייַטין טאָן!!
דוד: דרייַסיג פאָר אָקסין אָסט די גיטאָן ציבּיַיסין;
אין דריַי לייַבּין אָב איך גיטאָן צוריַיסין,
די אָסט גיטאָן ציפּיַיסין דרייַסיג לעבלין ברויט,
אין איך וועל דיר מאַכין דיַין ביטערין טויט:
איך וועל נעמען דאָס קליַיני שטיינדעלע אין די לינקי אַנט
אין די פינף זינגלין [4]) אין די רעכטי אַנט,
אין איך וועל זיך שטעלין אין מזרח-וואַנט.
אין איך [5] אָנטאָן חרפּות אין שאַנד.

[1] אַזעלכע קליינע פישלעך. — [2] כּאַרדינעַן. — [3] טויבען. —
[4] אין № 1: „זכות-אָבות"; אין № 2: „סעגאַלען". — [5] פעלט: „וועל דיר".





גלית: ווער זענען די פינף זינגלין?
דוד: דער ערשטער זינגיל וואַר אַבראַם.
אַבראַם איז גיוועזין איֶין פראָם אין איֶין בראַווער מאַן:
ער אָט זייַן זין צים אַלטין טאָג מל גיטאַן;
זייַן גיטסקייַט אין זייַן פרימקייַט זאָל מיר, קליַין דוד, טאָן גינוסין,
אַז איך זאָל דיר אין קאָפּ אַרייַן שיסין,
אין די זאָלסט פאַלין צי מייני פיסין.
גלית: אַך, די קליינער דוד, די טיסט מיר דעם זכות פון אַבראַם'ן זאָגין:
אַבראַם אָט גיטאָן אַ זאָן ישמעאל אָבין.
אַז די וועסט מיר נאָך איֶין מאָל פון אים אָגין,
וועל איך דיר דעם קאָפּ אָף צווייַן שלאָגין,
אין דער ערד באַגראָבין.
דוד: אַך, לעבעדיקער גאָט, לעבעדיקער גאָט, וואָס טיט מיר דער רשע גלית מייני אבות שענדין!
דערום בעט איך דיך, גאָט, די זאָלסט אים די אויגין פאַרבלענדין,
ער זאָל זיך ניט וויסין, וואו צי קערין אין וואו צי ווענדין.
גלית: דער צווייַטער זינגיל ווער איז גיוועֶן!
דוד: דער צווייַטער זינגיל וואַר יצחק.
יצחק איז גיוועֶן איֶין פרים אין איֶין בראַווער מאַן:
ער אָט זייַן האַלז צי דער עקידה שטרעקין גיטאַן;
זייַן גיטסקייַט אין זייַן פרימקייַט זאָל מיר, קליַין דוד, כאָן גינוסין,
אַז איך זאָל דיר אין קאָפּ אַרייַן שיסין,
אין די זאָלסט פאַלין צי מייני פיסין.
גלית: אַך די, קלייַנער דוד, די טיסט מיר דעם זכות פון יִצְחָק זאָגין:
יצחק אָט גיטאָן אַ זאָן עשו אָבין!
אז די וועסט מיר נאָך איֶין מאָל פון אים זאָגין,
וועל איך דיר דעם קאָפּ אָף צווייַן שלאָגין,
אין דער ערד באַגראָבין.
דוד: אַך, לעבעדיקער גאָט, לעבעדיקער גאָט, וואָס טיט

מיר דער רשע גלית מײַני אבות שענדרין ?
דערום בעט איך דיך, גאָט, די זאָלסט אים די אויגין
פאַרבלענדין,
ער זאָל זיך ניט וויסין, וואו צי קערין און וואו צי ווענדין.
גלית: דער דריטער זיגיל ווער איז גיווען ?
דוד: דער דריטער זיגיל וואר יעקב.
יעקב איז גיוועזן אײַן פרים און איין בראַווער מאַן:
ער אָט די תורה בא שם ועבר לערינען גיטאַן;
זײַן גיטסקײַט און זײַן פרימקײַט זאָל מיר, קלײַן דוד,
טאָן גיניסין,
אז איך זאָל דיר אין קאָפּ ארײַן שיסין,
און די זאָלסט פאַלין צי מײַני פיסין.
גלית: אַך די, קלײַנער דוד, די טיסט מיר דעם זכות פאָן
יעקב זאָגין:
יעקב אָט גיטאָן צוויי שוועסטערס פאַר ווײַבער אָבין!
ווערסט מיר נאָך איין מאָל פאָן אים זאָגין,
וועל איך דיר דײַן קאָפּ אין צווײַין שלאָגין,
און דער ערד באַגראָבין!
דוד: אַך, לעבעדיקער גאָט, לעבעדיקער גאָט, וואָס טיט
מיר דער רשע גלית מײַני אבות שענדין!
דערום בעט איך דיך, גאָט, די זאָלסט אים די אויגין
פאַרבלענדין,
ער זאָל זיך ניט וויסין, וואו צי קערין און ווי צי ווענדין!
גלית: דער פערדער זיגיל ווער איז גיווען ?
דוד: דער פערדער זיגיל וואַר אהרון.
אהרון איז גיוועזן אײַן פרים און איין בראַווער מאַן:
ער אָט די קטורת אפ'ן מזבח דעמפין גיטאַן;
זיין גיטסקײַט און זיין פרימקײַט זאָל מיר, קלײַן דוד,
טאָן גיניסין,
אז איך זאָל דיר אין קאָפּ ארײַן שיסין,
און די זאָלסט פאַלין צי מײַני פיסין!
גלית: אַך די, קלײַנער דוד, די טיסט מיר דעם זכות פאָן
אהרון דערמאָנען:
אהרון אָט גיטאָן דעם עגל מאַכין.





אז די ווערסט מיר נאָכאַמאָל פאָן אים זאָגין,
וועל איך דיר דעם קאָפּ אין צווײַין שלאָגין,
און דער ערד באַגראָבין.
דוד: אַך, לעבעדיקעד גאָט, לעבעדיקער גאָט, וואָס טיט
מיר דער רשע גלית מײַני אבות שענדין!
דערום בעט איך דיך, גאָט, די זאָלסט אים די אויגין
פאַרבלענדין,
ער זאָל זיך ניט וויסין, וואו צי קערין און ווי צי ווענדין!
גלית: דער פיפטער זיגיל ווער איז גיווען ?
דוד: דער פיפטער זיגיל וואַר משה.
משה איז גיוועזן אײַן פרים און איין בראַווער מאַן:
ער אָט די תורה די יידין לערינען גיטאָן;
זײַן גיטסקײַט און זײַן פרימקײַט זאָל מיר, קלײַן דוד,
טאָן גיניסין.
אז איך זאָל דיר אין קאָפּ אַרײַן שיסין,
און אז די זאָלסט פאַלין צי מײַני פיסין!
גלית: אַך די, דוד, די טיסט מיר דעם זכות פאָן משה זאָגין:
משה אָט גיטאָן אַ מְדִינָה פאַר אַ ווײַב אָבין!
אַז די ווערסט מיר נאָכאַמאָל פאָן אים זאָגין, —
וועל איך דיר דעם קאָפּ אין צווײַין שלאָגין,
און דער ערד באַגראָבין!
דוד: לעבעדיקער גאָט, לעבעדיקער גאָט, וואָס טיט מיר
דער רשע-גלית מײַני אבות שענדין!
דערום בעט איך דיך, גאָט די זאָלסט אים די אויגין
פאַרבלענדין,
ער זאָל זיך ניט וויסין, וואו צי קערין און וואו צי ווענדין!
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

# חנה מיט פּנינהן.

I. — לינטשיצער[1] נוסח[2]

פֿאַרשריבן 1910 דורך שמואל לעהמאַן (וואַרשע).

פּאַיאַץ: צרין, צרין, צרין, מײַנע בעסטע געזעלן!
ווען אונדזערע ווירטסלײַט זענען היר, טוען מיר קוועלן.
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט מוזן מיר פּנינהס קינדער דערציִען, —
הײַנט איז די צײַט, דאָס מיר זאָלן אויסרוען.
די פֿרוי אונדזערע ווירטן חנה, טוט טרויריק אַרומגײן.
גאָט זאָל צוהערן איר געוויין!

עלי הכהן: מכל שבטי העדה ישראל האָב איך די מערכה
להקריב קרבנות על המזבח[3]
און עוסק צו זײַן אין די הײליקע מלאכה,

---

1) Łęczyca, קאַליסער געגנט. —

2) געדרוקט דאָ מיט ליטעראַרישער טראַנסקריפּציע. —

3) שמואל א. ב׳ כ״ח: „ובחר אותו מכל שבטי ישראל לי לכהן לעלות על מזבחי להקטיר קטורת"...—



שתהיה ראויה לריח ניחוח.
אתה אחד ושמך אחד —
זאָ אײנציק ווי אונדזער גאָט איז קײנער,
ווײַל אַף דער גאַנצער וועלט איז ער נאָר אײנער.

(חנה און פּנינה זעצן זיך פּנים אל פּנים).

פּנינה: צו וואָס טויגסטו אַף דיזער וועלט?
דו ביזט דאָך געגליכן צו אַ דאַרעס פֿעלד, —
אַף אַ דאַרעס פֿעלד וואַקסן קײנע פּירות, —
ווײַל דו, חנה, ביזט פֿול מיט עבֿירות.
איך טו אײביק קינדער האָבן,
און דו, חנה, טוסט קײן קינד פֿאַרמאָגן.

חנה: וואָס טוסטו דיך, פֿרייען?

פּנינה: כאַ-כאַ-כאַ-כאַ!

חנה: דער גאָט, וואָס טוט מיט די גלגלים דרײען,
קאָן מאַכען וואַקסן אַף אַזאָלכע פֿעלדער, וואָס מ׳טוט
אַף זײ נישט זײען.

פּנינה: ווען מײַן מאַן טוט זיך צו מיר בײגן,
טו איך גראַדע דאָס קינד אָנזײגן.
אָבער נײן, נײן, נײן,
נישט אַזאָ מײן.
דאָס זאָלסטו נישט טראַכטן,
מײַן מאַן וועט מיך אויך נישט פֿאַראַכטן!

חנה: פֿאַרנעם מײַן פּײַן, אַך גאָט,
און זע, ווי פּנינה מאַכט פֿון מיר אַ געשפּאָט.
פֿאַרנעם, אַך גאָט, מײַנע טרערן
און טו מיך אויך צוהערן!
אָבער נײן, נײן, נײן —
נישט אַזאָ מײן.
דאָס זאָלסטו נישט טראַכטן,
מײַן מאַן וועט מיך אויך נישט פֿאַראַכטן!

אלקנה: וואָס איז דאָ פֿאַר אַ געשרײ און אַ גערודער?
איך הער שוין ווידער געזאַנג און קלאָגלידער.
בין איך דאָ, זאָל איך עס נישט הערן,
איך וועל עס שטערן!

**חנה:** איך בין דאָך אין זאַ איין גרויסע נויט:
זי מאַכט דאָך מיר דעם טויט!
זי פאַרביטערט מיר מיין לעבן,
ווייל גאָט וויל מיר קיין קינד נישט געבן.
זי האָט אָן מיר אַ נקמה.
אַך גאָט, נעם צו פון מיר מיין נשמה!

**אלקנה:** חנהשי, חנה־קרוין,
טרויריק זע איך דיך שוין.
וויש אָפּ דיינע טרערן,
בעט צו גאָט, וועט ער דיך צוהערן.
איך וועל דיר איין ראַט געבן: צום משכן זאָלסטו טרעטן,
צום הייליקן גאַ: זאָלסטו בעטן.
געוויס וועט גאָט דיך צוהערן
און וועט דיר אַ זון באַשערן.

---

**חנה** (באַם משכן בעט קניענדיק):

אני חנה, איך טו פאַר דיר טרעטן
און טו דיך זייער בעטן:
אַך גאָט, באַווייז דיינע ווינדער
און גיב צו איין עקרה קינדער!
ואם אין — ווען דו, גאָט, ווילסט מיר קיין קינדער נישט געבן, —
בין איך גלייך צו איינע, וואָס טוט נישט לעבן.
שדים הללו — דידאָזיקע בריסטן, וואָס דו האָסט מיר באַשאַפט —
למה לי — צו זאָגן, חלילה, דו, גאָט, ביזט אומגערעכט.

**עלי־הכהן:** אַך, וואָס דער מענטש מוז אַלעס אויסשטיין!
קומט זאַ איין נאַרישע פרוי אַריינצוגיין,
זי טוט פאַרטרעטן
און מאַכט זיך הייליק בעטן.
עד מתי תשתכרין[1] — ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו זיין שכור?
איך וועל דיר זאָגן דעם עיקר:
הסירי את יינך מעליך[1] — טו אָפּ פון דיר דעם מעד און ווײַן,
אַזאַלכע שכורים קומען נישט אַריין!

---

1) שמואל א. א׳ י״ד.—



**חנה:** אָבער ניין, ניין, ניין, ניין!
נישט פון שכרות איז מיין געוויין!
לא אדוני[1] — נישט זאָ מיין הער —
אשה קשת רוח אנכי[1] — מיין געמיט איז דאָך זייער שווער.
איך האָב נישט געטרונקען קיין מעד און קיין ווײַן —
אַ פינצטערע עקרה טו איך דאָך זיין.
מיין פיינדן פנינה מאַכט פון מיר אַ געשפּאָט,
דאַרום בין איך געקומען בעטן צום אַלמעכטיקן גאָט.

**עלי־הכהן:** אדושם יתן שאלתך[2] — גאָט זאָל דיר האָבן
דיין געבעט דערהער
און ווען דו וועסט האָבן אַ זון, זאָלסטו אים האַלטן הייליק.

**אלקנה:** נו, ווען וועל איך שוין פון דיר פרייד הערן?
איך זע שוין ווידער אין דיינע אויגן טרערן!

**חנה:** קום, מיין ליבער מאַן, לאָזן מיר זיך גיכט שפּירן!
קום, מיין ליבער מאַן, לאָזן מיר זיך אַ היים פירן!

**אלקנה:** הערטס נאָר צו, מיינע ליבע לייט, וואָס איך וועל
אייך זאָגן
איך גיב אַ לויב צו גאָט, דאָס מיין ווייב חנה איז
געוואָרן טראָגן

**פּאַיאַץ:** זינג, דו עקרה, זינג דו עקרה,
אַז גאָט האָט דיר געהאָלפן פון זאָ איין צרה.

---

(חנה קרעכצט באַם געבוירן ס׳קינד)

**הייוון:** מיינע ליבע רבותים, ריקט אייך אַ ביסל אין דער זייט,
איך בין דאָך טאַקע געקומען צו דער ריכטיקער צייט.
מיינע ליבע רבותים, טוטס נאָר דאָס שערל שאַרפן
און גרייטס אָן לעקאַ: און כאַקעס אַ שטאַרקן טרונק בראָנפן!
מיינע ליבע רבותים, מאַכטס קיין געשפּאָט,
גייטס ליבערש בעטן צום אַלמעכטיקן גאָט!
מיינע ליבע רבותים, מאַכטס קיין געשריי,
איך בין דאָך טאַקע געקומען צו דער ריכטיקער ווײַ.

---

1) דאָרט א׳ ט״ו.— 2) דאָרט (א׳ י״ז) אַביסל אַנדערש.—

ס'זאָל דאָך טאַקעס הייסן די ריכטיקע ווײַ,
זי זאָל גרינג געהאָלפן ווערן, ווי אַ הון לײַגט דאָס איי.

פּאַיאַץ (צו אלקנהן): וואָס טוסטו זאָ לאַנג שטיין?

אלקנה: ווי קומסטו דאָ אַהער?

פּאַיאַץ: וואָס טוסטו נישט אַהיים גיין?

אלקנה: וואָס איז דען דער מער?

פּאַיאַץ: וואָס טוסטו נישט אַהיים גיין גיך און געשווינד?

אלקנה: וואָס טוט דען מײַן ווײַב חנה מאַכן?

פּאַיאַץ: דײַן ווײַב חנה גייט צום קינד.

אלקנה: וועט זי דאָך אויס פנינהן לאַכן!

(אלקנה בעט צו גאָט)

למנצח מזמור לדוד יענך אדושם ביום צרה![1]—
זאָ ווי דו, גאָט, האָסט געהאָלפן מײַן ווײַב חנהן, ווען
זי איז געווען אַן עקרה,
ישׂגבך אַדושם אֱלֹקי יַעֲקֹב — דו, גאָט, זאָלסט איר
האַרץ שטאַרק מאַכן,
דאָס איר פײַנדן פנינה זאָל אויס איר נישט שפּאָטן און לאַכן.
שיק אַף מיר, אַך גאָט, אירע ווײַטיק!

(חנה געבוירט דאָס קינד)

הייוון: כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!
די ווײַטיק נעמט שוין אַ סוף!
כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!
אַדוני אלקנה, מזל-טוב, מזל-טוב, מזל-טוב!

אלקנה: געלויבט ביזטו, גאָט פון הימל און ערד.
איך בין דאָך גאָר דעם חסד נישט ווערט!
געלויבט ביזטו, גאָט פון אַלע זאַכן,
וואָס דו האָסט געטון פון אַן עקרה מאַכן.
דעריבער איז דאָך דאָס אַ הײליקער זאָמען
שמואל זאָל הייסן זײַן נאָמען!

[1] תהלים כ׳.—ווען אַ פרוי גייט שווער צום קינד, זאָגט דער מאַן דאָס קאַפּיטל תהלים.—



(חנה מיט איר זון שמואל פאַר עלי-הכהן.)

חנה: אני האשה הנצבת[1] — וואָס איך האָב געטון פאַר דיר שטיין,
מיט פרייד און געזאַנג בין איך געקומען צו דיר צוגיין.
על המקום הזה האָב איך געטון טרעטן,
און האָב מיר געטון דעם הייליקן זון אויסבעטן.
דאָס קינד איז שוין מער נישט מײַן,
גאָטס משרת זאָל עס זײַן!

(עלי-הכהן נעמט אַן שמואלן בײַ דער האַנט).

עלי-הכהן: קום אַהער, מײַן קינד, וואָס האָסטו געזען
אין דיזער נאַכט?

שמואל: דיזע נאַכט בין איך געוואָרן אויפגעוואַכט —
האָב איך געזען זאָ ווי אין חלום,
ווי איין אַלטער מאַן האָט מיר געגעבן שלום.

עלי-הכהן: פריי דיך, חנה, פריי דיך, אלקנה,
אַז גאָט האָט אײַך געגעבן זאָ איין מתנה.
דער ליבער גאָט זאָל אײַך געבן ככוכבי השמים וכחול הים —
איר זאָלט זײַן זאָ, ווי די שטערן אין הימל און זאָ
ווי דאָס זאַמד פון ים.

חנה: עָלַץ לִבִּי[2] — ס'טוט זיך פרייען מײַן האַרץ הײַנט,
רחב פּי על אויבי[2] — יעצט קען איך שוין רעדן אַף
פנינה מײַן פײַנט
אין קדוש כאדושם[3] — הײליקער ווי גאָט איז קיינער,
ווײַל אַף דער גאַנצער וועלט איז ער נאָר איינער.

פנינה (צו אלקנהן): האָסט שוין אַוועקגעטון פון מיר דײַנע אויגן,
חנה טוט שוין פאַר דיר טויגן,
אָבער דעם זון פון איר האָסטו נאָך נישט דערצויגן!

אלקנה: איז ער דיר נישט ליב —
אַרויס פון מײַן שטוב!
קאָנסט אים נישט לײַדן —
וועל איך דיר אַ גט שרײַבן!

[1] שמואל א. א׳ כ״ו.—

[2] ר״ש ב׳ א׳.— [3] ד״ש ב׳ ב׳.—

פּאַיאַץ: אַדיע, אַדיע, אַדיע,
מײַנע ליבע לײַט,
מיר האָבן שוין דאָ
גענוג געווײלט!
לאָזן מיר פאַרלאָזן דיזעס געצעלט,
ווײַל מיר האָבן קײן צײַט לאַנג צו שטײן,
לאָזען מיר נעמען געלט
און ווײַטער גײן. —

---

## II. — סאָבאָטשעווער פראַגמענט.[1]

פאַרשריבן 1910 פון פּ. גרויבאַרד.

אַלקנה: אַרײַן, אַרײַן, אַרײַן,
די בעסטע געזעלן[2]!
די ווערטן חנה
טוט מיר געפעלן.
די ווערטן חנה
טוט טרויריק אַרומגײן, —
גאָט, אַך גאָט,
פאַרנעם איר געוויין!
די ווערטן חנה
טוט תּפילה טון, —
אַך גאָט, אַך גאָט,
קינדער צו דערציִען.
דאָס ליבשאַפט פון חנהלען
טוט ווי אַ קויל היצן,
איך מיט חנהלען טוט מען[3]
אין פרײדן זיצן.
חנה, מײַן קינד,
בלײַב מיר געזונט.
— — — — — —

כהן: מכּשר דבר ישראל...
רבונו דעלמא כּלה...
להקריב קרבנות
לקרבן המזבח...
אַן צו זײַן אַף די הײליקע
מערכה...
להלביש גלילו[4]...
אַך דו גאָט, פאַרנעם די
רײד!
טי — די — די — דײַ,
טרי — ראַ — רי — רײַ!
אַף דעם אַלעם מוז מען
זאָגן:
ונאמר אמן!
אהרן בן אמרם
האָט מקריב געווען קטורת,
דער מלאך המות
איז געווען מורד,
סקנה רב כדמה (?)...
פאַרנעם די רייד מין
הבורא...
אַף דעם אַלעם מוז מען זאָגן:
ונאמר אמן!
אתּה אחד ושמך אחד!
אַך דו, גאָט, דו ביזט אַליינט!
אַף דעם מוז מען זאָגן:
ונאמר אמן!
— — — — — —

אַלקנה: וואָס איז דאָס פאַר
אַ געשרײַ?
חנהלע וועט בײַ מיר די
בעסטע זײַן:
לאָז פנינה שלעפן —
גאָט וועט איר עקן!..
— — — — — —

1) געדרוקט מיט ליטעראַרישער טראַנסקריפּציע.—
2) געזעלין (פּעמ.).—
3) „מוז מען" = מיר טוען (פגל נח פרילוצקי, „מאַמע-לשון" I §§ 54—61).—
4) דאָס גאַנצע ביגמל פראַזע אומפאַרשטענדלעך.—



---

## III. — צווייטער סאָבאָטשעווער פראַגמענט.

פון נח פרילוצקיס זאַמלונגען.

[אַלקנה?] דש שליסל אי דאך ניש בש מיא,
נו בש דיא, גוט!...
— — — —

[עלי הכּהן] פראי דאך, חנה!
פראי דאך, אַלקנה!
גוט אי דא געגעיבם
ש שאינא מתנה!
— — — —

[חנה] רבונו של עולם,
בשוואַז דאַאַנא ווינדא:
געמע [= גיב מיר] קינדא!
שדעסטמא [= צו דו ועסט מיר] קש קינדא ניש געיבם,
מתּה אנכי — וואָס טויג מא מאַא לעיבם?
השדים הללו — דידוזיקא ברוסטן,
וואָ דוסטמא [דו האָסט מיר] גאַמאַכם,
לומא [= לאָז מען] הלילה ניש זאָגן,
ש די, גוט, ביסט אימגאַראַכם!...

---

נאָכבאַמערקונג פון נח פרילוצקי:
„חנה מיט פנינהן" איז אַ פּורים-שפּיל, וואָס ווערט פאַרעפנט-
לעכט צום ערשטן מאָל. — אַ כּורהגאַליציש פאָלקסליד אַף דיזעלביקע

טעמע איז אפגעדרוקט אלס נומער 65 אין ערשטען באנד פון מיינע „יידישע פאלקסלידער“ (ווארשע 1911).

די פורים-שפיל הוט אמאל געמוזט זיין זייער אנגענומען אין פוילען. אין גוסטאוו מאקמאנס „דיא געהיימניססע פון יענער וועלט אדער דער תקיעת-כף“ (ווארשע 1865) ז“ז 29–32 לייענען מיר:

.. אין פורים; ווען בא יודין איז א גערויש א געזים,
אגעלויף אוי דער גאס, עס איז גאר קיין שפאס;
פאר יעדין הויף, וואס פאר א געקויף;
אזוי וויא אויף א מארק, גיס צוקערווארג.

— — — — — —

אין יעדערער יוד, ציילט דיא מעניט;
איבערהויפט בעל מלאכות, יונגע געזעללין,
וואס האבין זיך ליב צו פארשטעללין;
זיצין שוין אין האפין,
עס איז זייא דיא שעה שוין צייא פיהל,
אין וואלטין שוין גערין געלאפין ארים מיט דער שפיל.
אין נאך פאר פערציג יאהר צוריק,
איז דעך פאר א יוד געוועהן א גליק
אז ער האט זיך געקענט מאכין צום נאר,
און טיען א מאשגאר,
אין זעך פערשטעללען; פאר טערקין, פראנצויזין,
מיט א פארשמירט פנים, דאס העמד איבער דיא הויזין,
אין אין אלע שטיבין זינגען,
„איך בין ליסטיג אין לויז,
„קים ארייין צייא שפרינגען,
„מיט מיינע פיסעלעך בלויז,

— — — — — —

.. אזויא, וויא איך וויל ארייין גיין אין דיא טיער;
קימט סאכיעס מיידעל צו מיר,
אין זאגט; דיא ווייסט? — דעריבער כא בינה,
שפילט מען חנה פנינה,
מיט זייער א גרויסע מוזיק;
קים! — ווערסט געבין א קיק?...—



# פורים-שפילן

## 1

### דער חכם מיט דעם נאר

ערשטע שפיל

**חכם:** זייט איך בין געקומען אויף דער וועלט,
האב איך געזען, אז דער עיקר איז נישט דאס געלט.
די הויפטזאך איז נאר דער ריינער פארשטאנד,
דאס איז דאך דא יעדן זייער באקאנט.
א חכם צו זיין איז זייער א גוטע זאך,
ווייל ער רעדט קיינמאל נישט קיין סך.
אבער דער נאר רעדט פאר אלדי שווארצע יאר,
און איין ווארט מיטן צווייטן איז קיינמאל נישט קיין פאר.
אויך די אלע גרויסע נאראנים
דערקענט מען זיי דאס נארישקייט אויף דעם פנים.
דעם נאר איז אין אלע צייטן זייער ענג,
א נאר איז ערגער ווי א קרענק.

**נאר:** אוי, איז דאס היינט א גוט פאך
אז דער מענטש איז זייער רייך!
די חכמה טויג אויף כפרות,
אז מען האט נישט קיין געלט, איז מען אויף גרויסע צרות.
געלט צו האבן איז זייער פיין
און צו זיין געקליידעט איז זייער שיין.
דער עושר האט דאס בעסטע פארגעניגן,
אין אלע זייטן טוט ער כבוד קריגן.
דער עושר ווען ער פארט ארויס אפילו אליין,
נעמט מען אים אויף אומעטום גאנץ פיין.
אלע זיינע זאכן ווערן ערפילט,
וואס טויג מיר די חכמה, אז דאס נארישקייט גילט!

**חכם:** אך, דער נאר מיט זיינע נארישע אויגן,
צו קיין שום זאך טוט ער נישט טויגן.
דאס וואס ער פארמאגט שלעסער מיט הייזער,
איז גלייך ווי נזם זהב באף חזיר.
דעם נאר פאסט אזוי איין זידן קלייד,
אזוי ווי א חזיר א גאלדענע קייט.
ער טוט דאס גאנצע געלט פארניכטן,
ער ווייסט נישט ווי אזוי זיך מיט דעם געלט צו ריכטן.

אויך דער נאַר וואַלגערט זיך אַרום אין אַלע גאַסן,
יעדער טוט אים דעם קאָפּ אָנרייַסן.
דאָס נאַרישקייט דערקאָנט מען אין זייַנע גענג,
אַ נאַר איז ערגער ווי אַ קרענק.

נאַר: דער תּענוג וואָס דער עושר טוט שפּירן,
יעדן טאָג פאָרט ער אין דער לופט שפּאַצירן,
דער אָרעמאַן טוט דעם תּענוג קיינמאָל נישט פילן,
וואָס מען טוט דעם עושר מיט מוזיק שפּילן.
דער עושר האָט זייער אַ סך דינער
און ער עסט יעדן טאָג די בעסטע הינער.
די חכמה איז אין גאַנצן הבל הבלים,
די הויפּטזאַך איז נאָר צו מאַכן גוטע מאַכלים.
דעם אָרעמאַנס בויך איז אַלעמאָל לער,
ער האָט קוים אַ שטיקל ברויט און גאָרניט מער.
אָבער דעם עושרס בויך איז אַלעמאָל פאַרפילט.
וואָס טויג מיר די חכמה, אַז די נאַרישקייט גילט!

חכם: דער נאַר טוט אָן דער גאַנצער וועלט פאַרגעסן,
ער האָט נישט מער אין זינען נאָר דאָס פרעסן.
די נאַראָנים טוען נישט אין דער וועלט אַרייַנקלערן,
נאָר זיי פרעסן זיך אָפּ ווי די בערן.
אַ פעט הינדל איז זייער לעבן,
זיי טוען אויף דעם אַלע יאָרן שטרעבן,
זיי נעמען זיך צו זייער אַ סך דינער,
זיי זאָלן זיי קאָכן גוטע הינער.
זייער לעבן איז זייער עקלהאַפט,
ווייַל זיי האָבן נישט קיין וויסנשאַפט.
זיי שטרעבן, אַז די ברייט זאָל זייַן מערער ווי די לענג,
אַ נאַר איז ערגער ווי אַ קרענק.

נאַר: וואָס האָט מען פון די חכמה, אַז מען האָט נישט קיין געלט?
מען ווערט געשוואָלן און געפרוירן פאַר קעלט.
וואָס איז דען די חכמה מיט אירע הצלחות?
מען לעבט אין אַלע יאָרן מיט יגון ואַנחות,
מען האָט נישט אַפילו וווּ צו שלאָפן.
ער לייַדט זומער יסורים מיט שטראָפן,
ער עסט קיין מאָל נישט צו די זעט,
און בייַנאַכט לייגט ער זיך שלאָפן אויף דעם צעבראָכענעם בעט.
אָבער מיר עשירים אימער,
מיר שלאָפן אין בעסטן צימער,
מיר שלאָפן מיט געדולד.
וואָס טויג די חכמה, אַז די נאַרישקייט גילט!



חכם: מיר חכם מיט מייַן פאַרשטאַנד
איז מיר ווילער ווי דיר מיט דייַן עשירות בייַנאַנד.
מיר מיט מייַן אָרעמקייט איז מיר אויך בעסער
ווי דיר מיט דייַנע הייַזער און מיט דייַנע שלעסער.
אַ חכם קען אומעטום פאָרקומען,
ער האָט אויך אַ טייל פון אַלע זייַנע שטימען.
אָבער דעם נאַר לאָזט מען אַליין,
מע לאָזט אים ליגן ווי אַ שטיין,
ער קען נישט קיין מענטש באַגריסן,
ער קען נישט מיט קיין מענטש קיין צוויי ווערטער שמועסן,
ער האָט נישט מיט קיין מענטש קיין שום אָפּהענג,
אַ נאַר איז ערגער ווי אַ קרענק.

נאַר: וואָס גאָט האָט אים חכמה באַשערט,
אַז ער האָט נישט קיין געלט איז ער גאָרנישט ווערט.
אָבער דער וואָס גאָט טוט אים רייַך מאַכן,
ער טוט זיך אויס דער חכמה אויסלאַכן.
פון דעם עושר איז גאָרנישט קיין שמועס,
זייַן לעבן איז דאָך זייער זיס.
ער האָט אַלעמאָל דאָס גרעסטע פאַרגעניגן.
אים איז אַ סך ווילער ווי דעם קלוגן,
ער לעבט אָן מיט דעם גרעסטן קנאַק,
און ער עסט זיך יעדן טאָג זייער געשמאַק.
אָבער דעם איז דער קאָפּ פאַרדולט —
וואָס טויג די חכמה, אַז די נאַרישקייט גילט!

חכם: בייַ אייַך אַ פעט הינדל איז דאָס גאַנצע גן-עדן
און אויך זיך זייער שיין צו קליידן.
בייַ מיר איז נישט די זעלבע מיינונג,
די חכמה איז דעם מענטשנס באַשיינונג,
די חכמה פון מענטש איז דער גאַנצער גרונד,
אַז מען האָט נישט קיין חכמה איז מען גלייַך ווי אַ הונט.
מיט וואָס איז ער דען מער ווי טירן,
אַז ער האָט נישט קיין חכמה ווי זיך צו פירן?
דעם חכם קומט שוין דאָס רייַכקייט ממילא,
אָבער דער נאַר איז ערגער ווי אַ נבלה.
ווען דער מענטש גיט זיך אַ באַדענק,
זעט ער, אַז אַ נאַר איז ערגער ווי אַ קרענק.

נאַר: יעצט, קלוגער מייַן ליבער פרייַנד,
איך האָב אויך דאָס זעלבע געמיינט.
איך וויל דיר געבן זייער פיל געלט,
און דו זאָלסט מיך לערנען וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט.
ווערדן מיר ביידע זייַן קלוג און רייַך —

74



דאָס איז דאָך דאָס בעסטע פאַך.
ווײַל מײַן פאַרמעגן באַטרעפט,
וועלן מיר ביידע מאַכן אַ געשעפט.
איצט וועלן מיר ביידע זײַן איין פּאָר,
ווײַל דײַנע רייד זײַנען זייער וואָר.
אַז דעם נאַר איז אַלעמאָל זייער ענג,
אַ נאַר איז ערגער ווי אַ קרענק.

אינת׳ ג׳ 4.521 (נמי־סאַנץ)

## 2

## דער חכם מיטן נאַר

### צווייטע שפּיל

### I אַקט

קומט אַרײַן אַ ייד אָפּגעריסן געקליידט און זאָגט:

איך אַלס חכם שפּיל אַ ראָלע,
איך בין אויף אַזאַ שטייגער געקומען:
מ׳האָט מיר גערעדט אַ שידוך מיט צוויי טויזנט דאָלער,
און איך האָב נישט גענומען.
נאָר איך בין אָבער דאָך גערעכט,
איך בין אַ חכם און ער איז אַ נאַר.

פאַלט אַרײַן דער נאַר מיט זײַנע טענות און זאָגט:

אוי געוואַלד, וועמען איך זע דאָ!
טודרוס, דו ביסט דאָס!

חכם: יאָ.

נאַר: וואָס איז מיט דיר געשען, מ׳האָט דאָך דיר גערעדט אַ שידוך מיט אַזוי פיל געלט, און צום סוף ביסטו אויף אַזעלכע צרות!

חכם: זי האָט נישט געפּאַסט צו מיר, זי איז אַ נאַר און איך בין קלוג.

נאַר: קלוג איז ער! כ׳זע וואָס דו האָסט אויפגעטאָן מיט דײַן חכמה, אַז דו ליגסט אַזוי טיף אין דער ערד!

חכם: זי פּאַסט זיך צו אַקוראַט צו דיר—דו ביסט אַ נאַר און זי איז אַ נאַר, איז זי פונקט פאַר דיר.

נאַר: איך בין אַ נאַר און ער איז אַ חכם! איך מיט מײַן נאַר האָב איך געלט און פון אַלעם גוטן, און דו מיט דײַן חכמה ליגסט אין דער ערד פאַרקאָפּעטן!

חכם זינגט: זײַט איך בין געקומען אויף דער וועלט... (אאַז״וו, ווי אין דער ערשטער שפּיל). צום סוף זאָגט דער

נאַר: איך וועל דיר געלט געבן, און מיר וועלן זיך מאַכן אַ געשעפט.

חכם: וואָס פאַר אַ געשעפט?



נאַר: אַ נעוויאָרק־געשעפט, אַ גרויסע אויסלאַגע וואָס מענטשן וועלן קומען קוקן און דאָס וועט זײַן אונדזער געשעפט. נו, גייט עס דיר אָן?

חכם: יאָ, נאָר געב דו אַהער דאָס געלט.

נאַר: יאָ, כ׳על דיר געבן! (ער הייבט אָן טאַפּן אין די קעשענעס, אין איינער און אין דער צווייטער און גיט אַ געשריי:) פאַניע זשאַנדאַזשע, פאַניע זשאַנדאַזשע! (גייט צו צום חכם און זאָגט:) דו האָסט מיך בודק געווען, נאָר איך האָב דאָך נישט קיין זשאַנדאַר! ווען איך האָב אַ זשאַנדאַר, בין איך דיך בודק.

חכם: וואָס האַקסטו מיר אין קאָפּ אַרײַן? איך דאַרף דײַן געלט? און טרעט מיך אָפּ, וועל איך אַוועקגיין פון דיר. איז נישט אויסן געשעפט (נאַר שלעפּט אים און זאָגט צו אים מיט גוטן).

נאַר: איך וועל מיטגיין מיט גוטן. ווייסטו וואָס? דאָס וואָס דו האָסט מיך בודק געווען, איז דאָך פאַרבײַ; נאָר עס איז מיר אײַנגעפאַלן איין אַנדער פּלאַן, און עס וועט גוט זײַן. הער! עס גייט הײַנט אַרום אַ גוט פאַך, ווייסטו וואָס?

חכם: וואָס?

נאַר: אַ רבנות.

חכם: ניע! ניע!

נאַר: וועל איך ווערן רבי, און דו וועסט זײַן גבאי.

חכם: פאַרוואָס דו? וועל איך ליבער זײַן רבי.

נאַר: דו ביסט דאָך אַ גראָבער ייִנג, און איך בין אַ לערנער!

חכם: איך האָב דאָך אַ גרעבערן בויך!

נאַר: נו, זײַ דו און זעץ דיך שוין אַנידער. נאָר הײַנט מוז מען גיין מיט חכמה. אונדז וועלמער פון אַלעם געלט נעמען, פון אַ שאלה, פון אַ דין־תורה, אַזוי ווי די הײַנטיקע וועלט גנבעט, וועלמער אונדז גנבענען.

חכם (ווי אַ רבי): הײַנט גנבעט דער געוועלבער פון די וואָג, דאָס ווײַב גנבעט פון די הויזן בײַנאַכט, און דער שנײַדער גנבעט פון די הויזן בײַטאָג.

נאַר (ווי אַ גבאי): יאָ, יאָ.

רבי (זיצנדיק): מען זעט ניט קיין רויטן פעניק.

גבאי: טודרוס, נאָר מיט בטחון, עס האָט זיך אַ ברירה אַצינדערט צו עפענען די טיר. (פּלוצלונג פאַלט אַרײַן אַ בעל־עגלה מיט אַ שאלה).

גבאי: שלום עליכם! — עליכם שלום! — וואָס זאָגט איר נײַעס?

ייד: איך האָב אַ שאלה.

גבאי: אַ שאלה? גוט! נאָר איר זאָלט וויסן, אַז דאָ בײַ אונדז נעמט מען געלט פון אַ שאלה. באַשטייט איר?

ייד: גוט! גוט! איך וועל מיך פאַרגלײַכן מיט דעם רבין.

גבאי (זאָגט צום רבין): עס איז דאָ אַ ייד מיט אַ שאלה.

רבי (גיט זיך אַ שטעל אויף און גיט אַ געשריי): סערוווס, יאָשעק!

גבאי (גיט אַ שטופּ דעם רבין): מע זאָגט ניט: סערוווס, מע זאָגט: ברוך הבא אַ ייד!

רבי: ברוך הבא אַ ייד! וואָס הערט זיך עפּעס, יאָשעק?

גבאי (גיט אַ געשריי): מע זאָגט ניט יאָשעק, מע זאָגט יוסף. אַפילו דײַנעם אַן אייגענעם חבר זאָגט מען ניט יאָשעק, נאָר יוסף.

רבי: גוט, גוט, כ׳על שוין וויסן! (און הייבט אָן די שאלה צו פּסקענען, זאָגנדיק:) יוסף, וואָס טוט עפּעס דײַן גניאַדאָק?

גבאי (מיט אַ געשריי): רעד נישט אַזוינע טרייפענע דיבורים, עס פּאַסט נישט פאַר אַ רבין!
רבי: צאַלע, איך ווייס נישט, צי דאָס איז טריפה, צי פּאַרעווע, צי מילכיק.
גבאי (צום רבין אין אויער אַריין): דאָס איז טריפה.
רבי (זאָגט נאָך): דאָס איז טריפה.
ייד: אַזוי איז, אַז מען פרעגט אַ שאלה. אַז מען פרעגט אַ שאלה, פּסקענט מען טריפה.
רבי: באַלמיטשע נישט, געב אַהער די פּאָר גראָשן.
ייד (נעמט אַרויס, גיט דעם רבין איין פּאַפּירל און דעם גבאי איין פּאַפּירל).
רבי (גיט זיך אַ שטעל אויף אין כעס): מיר איין פּאַפּירל? אויף דעם דאַרף איך זיין רבי? מיר קומט ווייניקסטנס צוויי פּאַפּירלעך.
גבאי: טודרוס! נעם, נעם!
רבי: איך וויל נישט אַנדערש, נאָר צוויי פּאַפּירלעך, און גיב אַהער.
דער ייד (אויפגערעגט): טודרוס, איך וועל דיר געבן וואָס דו ווילסט, נאָר דאָס וועט דיר נישט גרינג אָנקומען (דער ייד גייט אַרויס).
רבי: צלאל, יאָסעק איז אַ פּיסקאָק, ער וועט מיר דאָ אַריינפּייפן.
גבאי: טודרוס, האָב קיין מורא, לעב מיט בטחון.
רבי: און אַז ער וועט מיך נעמען מיט אַ זשאַנדאַר, וועסטו גיין?
גבאי: יאָ, עך וועל גיין.
רבי: הער נאָר דו! דאַרף מען נישט אויף אַ רבנות אַ פּאַטענט?
גבאי: נו, אַוודאי דאַרף מען.
רבי (גיט אַ געשריי): אַזוי וויל איך נישט זיין רבי, זיי דו רבי!
גבאי: ליג אין דער נכפה, האָב קיין מורא (ס'קומט אַריין דער זשאַנדאַר בייז און שרייט).
זשאַנדאַר: דזשען דאָברי! טוטיי מיעשקאַ ראַבין?
גבאי: רעד ריינע דיבורים, איך פאַרשטיי נישט (דער זשאַנדאַר פרעגט דאָס זעלבע וואָס פריער).
גבאי: עפּעס רעדסטו טערקיש און פּויליש און לשון קודש. טוטיי איז טערקיש, מישקאַ איז פּויליש, ראַבין איז לשון קודש.
זשאַנדאַר (הייבט אָן צו שרייען): ראַבין! ראַבין! ראַבין!
גבאי: דאָ איז קיין רשות הרבים, דאָ איז קוים אַ רשות היחיד.
זשאַנדאַר (שלאָגט מיט אַ קאָלבע און זאָגט): פּאַני! בענדזשע מיוויל טשי ניע?
גבאי: יאַ ניע אומיע פּאָ פּאָלסקו, רעד דייטש.
זשאַנדאַר: דאַהיר וואָנט דער ראַבינער?
גבאי (שרייט): אוי, עס איז נישט גוט, טודרוס, אַנטלויף!
רבי: איך האָב שוין בישט קיין צייט צו אַנטלויפן.
זשאַנדאַר: זי, בלודער קערל, זאַגען יאַ אָדער ניכט?
גבאי: יאַ, ער וואָנט דאַנעבען.
זשאַנדאַר: וואָ איזט ער?
גבאי: דאָ איז ער!
זשאַנדאַר (גייט צו צום רבין): זי זינד דאַס דער הער ראַבינער?
רבי: פאַרדריי מיר נישט קיין קאָפּ, איך האָב נישט קיין צייט צו דיר.
זשאַנדאַר: זי, דוממער קערל! זאַגען זי, צי זינד זי דאַס דער הער ראַבינער?
רבי: יאָ, איך בין דאָס דער ראַבינער, וואָס ווילסטו, אפשר האָסטו אַ שאלה צו פרעגן? וועל איך דיר זאָגן, צי זי איז כשר צי טריפה.

75



זשאַנדאַר: ווען זי זינד דאַס דער ראַבינער, צייגען זי די ראַבינאַטס־פּאַפּירען.
רבי: אוי, איז דאָס אַ בחור מיט לאַפּן, ער האָט שוין דערשפּירט די צוויי פּאַפּירלעך, וואָס איך האָב גענומען פון יאָשעק, און כ'על זיי דיר טאַקע נישט געבן.
זשאַנדאַר: דאָנער וועטער, צייגן זי די ראַבינאַטס־פּאַפּירע אָדער ניכט?
רבי: אַז ער רעגט זיך אויף אַזוי, מוז איך דיר געבן די צוויי פּאַפּירלעך (ער גיט אים זיי).
זשאַנדאַר: זי, דוממער מאַרקיראַנט! וואָס רעכנען זי זיך, זי ווערדען מיך בעשטעכן? איך שליסע זי זאָפּאָרט.
רבי: איך האָב דיך געשטאָכן? אַזאַ יאָר אויף דיר!
זשאַנדאַר (נעמט אַרויס די קייט און ווייזט אים): איך ווערדע זי יעצט שליסן.
רבי: באַהאַלט צוריק די קייט. דו ווילסט אפשר, אַז איך זאָל זי קויפן צום וואָגן? ניין! איך דאַרף נישט קיין קייט. איך בין שוין נישט קיין בעל־עגלה.
זשאַנדאַר: זי, דוממער הונדסקערל, וואָס מיינען זי, זי ווערדן מיט מיר וויצן טרייבן? איך שיסע זי זאָפּאָרט; אין נאַמע דעס געזעצע שטעהען זי אויף!
רבי: איך וויל נישט.
זשאַנדאַר (רוקט זיך צוריק און שיסט. דער רבי פאַלט אַנידער ווי טויט).
גבאי: דו זעסט, וואָס דו האָסט געטאָן?
זשאַנדאַר: וואָס?
גבאי: דו האָסט אים געשאָסן אויף טויט.
זשאַנדאַר: אַבער פאַרדרייען זי ניכט דעם קאָפּ, ער לעבט.
גבאי: אַז ער לעבט, נו זיי אים מחייב [מחייה]. (צום רבין) דו ייֵן.
זשאַנדאַר (פרוּווט אים אויפהייבן): ווער זינד זי?
רבי: איך בין אַ טויטער.
גבאי: ער איז גערעכט, אַז ער איז אַ טויטער.
זשאַנדאַר: איך ווערדע זי יעצט נעמען צוזאַמען מיט דען פאַרפלוכטן קערל.
גבאי: נו גוט.
זשאַנדאַר (כאַפּט דעם רבין ביים קאַרק און שלעפּט, ביז ער שטעלט זיך).
רבי: אוי איז דאָס אַ רוצח, אויס טויט מאַכט ער לעבעדיק.
(זשאַנדאַר שליסט אַלע ביידע, גיט זיי אַ פּאָר קאָלבעס, און זיי גייען אַרויס).

## וו אַקט

רבי (לויפט אַריין): אַזוי שרעקן זיך! אַזאַ מין יאָגט אים!
זשאַנדאַר (קומט אַריין און שרייט): האַלט! שטעהען זי, זי זינד אַרעסטירט.
רבי (פאַלט אונטער דעם טיש און שרייט): געוואַלד, יידן!
זשאַנדאַר: אויף! ערקלערן זי זיך וואַרום זי אונטער דעם טיש ליגן.
רבי: ס'איז ליגנט! איך בין נישט געלעגן אונטערן טיש.
זשאַנדאַר: איך האָב זי דאָך פאָן דאָרט אַרויסגעשלעפּט.
רבי: כ'האָב אַ פינצטערן גבאי, האָט ער מיך אַ שטופּ געטון, בין איך געפאַלן.
זשאַנדאַר: זי שווינדלער, זי זינד זעלבסט געלאָפן.
רבי: עי, כ'בין געלאָפן, ווייל כ'האָב איינגענומען, יאָגט עס מיך.

זשאַנדאַר: האַלטן זי די קושן, זי הונט! זי זינד פאַר מיך אַנטלאָפן.
רבי: יאָ, וויַל איך האָב דיך געזען, האָב איך מיך שטאַרק געשראָקן.
זשאַנדאַר: וואָרום שרעקטן זי דען?
רבי (שטיל): איך בין דאָך טריפה.
זשאַנדאַר: וואָס, ערקלערן זי זיך דיַטלעך.
רבי: עי, גאָרניסט, מיַין שמש איז אַ גרויסער גנב, האָב איך געמיינט, אַז דו גייסט
אים זוכן.
זשאַנדאַר: שווינדלער! וואָס דרעהען זי זאָ פיל?
רבי: כ׳דריי, כ׳על מיט דיר אָנהייבן צו דרייען, שלאָג איך דיר באַלד אַ כפרה.
זשאַנדאַר: אָבער טריַבן זי מיט מיר קיינע וויצע. זאָנדערן ערקלערן זיך ריַטלעכער:
ווי הייסן זי?
רבי: זי? זי הייסט בראָנטשע לאה.
זשאַנדאַר: זי דומער הונט, איך מיינע ווי זי הייסן.
רבי: זי הייסט זיך כסדר געלט געבן.
זשאַנדאַר: איך מיינע ניט אירע פרוי, זאָנדערן ווי זי, זי, זי הייסן.
רבי: יאַך הייס, זאָלסט זיך הערויסטראָגן פון מיַין שטוב.
זשאַנדאַר: צום טיַפל! ווי זינד אירע נאָמען?
רבי (לאַכט): האַ! האַ! האַ! פאַר מיַין זון קען איך נעמען אַפילו טויזנט דאָלער נדן.
זשאַנדאַר: דאָנער וועטער! אירע, אירע, אירע נאָמען?
רבי: וואָס קען יאַך נעמען? מ׳האָט מיר גערעדט אַ שידוך מיט צען דאָלער נדן.
זשאַנדאַר: אָבער צום טיַפל, זינד זי מענש אָדער טיר? ווי רופט מאַן זי?
רבי: מע רופט מעך נישט.
זשאַנדאַר: פערקערן זי דען נישט מיט דער וועלט?
רבי: יאַך? יאַך דאַרף זי צו פערקערן? די היַנטיקע איז שוין ממילא פאַרקערט. כ׳על
דיר דערציילן אַ מעשה, אַז די וועלט איז שוין פאַרקערט.
זשאַנדאַר: גענוג שוין איר פלוידעריַ, איך דולד דאָס ניכט.
רבי: אַזוי? נו טראָג זיך מיר אַרויס פון מיַין שטוב.
זשאַנדאַר: זי דוממער הונט! איך שיסע זי גליַיך נידער. ווי רופט מאַן זי צום געבעט?
רבי: וואָס מיינט מען צום געבעט? אפשר צו אַ יולדת? גיי יאַך נישט, דאָרט גייט מיַין וויַב.
זשאַנדאַר: דאָנער וועטער! וויזאָ רופט מאַן זי מיטצוגעהען?
רבי: מ׳רופט מעך רבי לעבן, קומט נאָר, ממילא פאַרשטיי איך, אַז מע מיינט מעך.
זשאַנדאַר: אונד נאָך מער ווי רופט מאַן זי?
רבי: דו ווילסט נאָך מער, און יאַך האָב נישט אַ פרוטה.
זשאַנדאַר: אָבער געוואַלד, די געדולד פּלאַצט שאָן! ווי רופט מאַן זי צום עסן?
רבי: צום עסן? צום עסן גיי איך אַליין.
זשאַנדאַר: אָבער ווען זי פערשפּעטיקן זיך, ווי רופט מאַן זי?
רבי: רופט מען מיך.
זשאַנדאַר: אָבער ווי, ווי, ווי רופט מען זי?
רבי: צום עסן.
זשאַנדאַר: אָבער ווי זאָ איזט איר נאָמען?
רבי: מיַין נאָמען איזט אַזוי ווי דער זיידע, איך הייס טאַקע נאָכן זיידן.
זשאַנדאַר: אונד וויזאָ איז דער נאָמען אירעס גראָספאַטערס?



רבי: אַ פאָטער מיינט מען דאָך אַ טאַטע? מיַין טאַטע איז געווען קליין, נישט גרויס.
זשאַנדאַר: דאָנער וועטער! אָבער וויזאָ האָט מאַן איר זיידן גערופן?
רבי: אַזוי ווי מיך.
זשאַנדאַר: אונד דיך ווי רופט מאַן?
רבי: רעג דיך נישט אויף, ס׳איז נישט כדאַי די גאַנצע מעשה.
זשאַנדאַר: זי הינדקערל! זאַגען זי אָדער ניכט!
רבי: מיַין ערשטער נאָמען איז געווען נחמי׳.
זשאַנדאַר: און דער צווייטער נאָמען?
רבי: כ׳האָב נישט קיין צוויי נעמען.
זשאַנדאַר: זי מוסען דאָך דעם צווייטן נאַמען האַבען, ווען זי זעלבסט דען ערשטן
געזאַגט האַבען.
רבי: ער כאַפּט מיך שוין אויפן וואָרט. כ׳האָב אָבער דאָך נאָר איין נאָמען.
זשאַנדאַר: אַבער איר ביַינאַמען, ביַינאַמען, ביַינאַמען?
רבי: ביַינאָמען? פריער האָב איך געוווינט דערביַי, אָבער אַצינד וווין איך שוין דאָ.
זשאַנדאַר: וואַן מאַן זי נחמי׳ רופט, ווי נאָך רופט מאַן זי?
רבי: דו ווילסט כסדר נאָך און מער, און איך פאַרמאָג נישט אַ פרוטה.
זשאַנדאַר: אָבער וויזאָ איזט איר דיַטשער נאַמען?
רבי: יאַך קען נישט דיַטש, און אַז דו קענסט נישט באַשטיין, מאַך דערס אַנדערש. (צו
זיך) ער ווערט שוין בעסער!
זשאַנדאַר: אויסגעשלאָסן מיט דעם דומען הונדסקערל צו שפּרעכן, איך ווערדע זי צום
גענעראַל איבערגעבן.
רבי: וואָס מיינט מען דאָס? אפשר אין תפיסה? מעגסטו גיין, אָבער יאַך נישט.
זשאַנדאַר: דאַס איז דער פירער פון מיליטער.
רבי: און וואָס זאָל איך מיט אים שמועסן?
זשאַנדאַר: זי זאָלן זאַגן: הער גענעראַל, מעלדע געהאָרזאַם מיַינע איַנריקונג צום מילי-
טער. נו, זאַגן זי זאָ!
רבי: זאָג נאָך אַמאָל, איך קען נאָך נישט.
זשאַנדאַר: הער גענעראַל, מעלדע געהאָרזאַם מיַנע איַנריקונג צום מיליטער. איך בין
אויס ב שינאַ. נו, זאַגן זי זאָ!
רבי: הער קאַפּראַל! כ׳מעלד פערריקט צו מיתה משונה.
זשאַנדאַר: זי דרייער־קאָפּ! פיר זאָלכעס זאַגן קענטן זי שווער בעשטראַפט ווערדן.
רבי: פאַרוואָס?
זשאַנדאַר: וויַל זי איינען גענעראַל אַלס קאַפּראַל טיטולירן.
רבי: כ׳לאָז דאָך אויס ראַל, אַבי ס׳ראַלט זיך.
זשאַנדאַר: און אויף דעם פראַגט דער גענעראַל: ווי רופט מאַן זי? וויזאָ ווערדן זי זאַגן?
רבי: וועל איך אים זאָגן.
זשאַנדאַר: ווי זאָ ווערדן זי זאַגן?
רבי: כ׳על זאָגן, אַז זי רופט מען באַנקעס שטעלן, און אַז דו ווערסט געשוואָלן, רופט
מען זי פּיאַווקעס שטעלן.
זשאַנדאַר: זי בלעדער קערל! ווי זאָ רופט מאַן דיך?

77



רבי: מיך רופט מאַן אויף אַ חתונה=סעודה, צום מנין, קידוש מאַכן, הבדלה מאַכן, דעם סדר אײַנריכטן.

זשאַנדאַר: אַבער גאָט מײַנער אין הימל! איך האָב שוין בײַ דעם הונט דאָס געזונט פאַרלאָרן. פאָרווערטס! פאָרווערטס! צום גענעראַל (קלאַפּט אים מיט די קאָלבע).

(דער גענעראַל קומט אַרײַן און זעצט זיך צום טיש).

(דער זשאַנדאַר גייט אים נאָך אַלס דינער און לייגט די אַקטן און סאַלוטירט אים).

זשאַנדאַר (ברענגט אַרײַן דעם רבין צום גענעראַל): הער גענעראַל! איך מעלדע געהאָרזאַמסט, היר איזט דער דעזערטער (גייט אָפּ).

רבי: הער קאַפּראַל! איך מעלד, פעררייק, נעם אײַן אַ מיתה משונה.

גענעראַל: אַך זי דומער לאַץ! וואָס רעדן זיי? ערקלערן זי זיך דייטלעכער.

רבי: הער קאַפּראַל! איך—מעלד—פעררייק—נעם אײַן—אַ מיתה=משונה—

גענעראַל: זי שמוציקער הונט! ווייסן זי דען ניכט דאָס איך גענעראַל בין, ניכט קאַפּראַל?

רבי: כ׳האָב געזאָגט און אויסגעלאָזט ראַל, אַבי ס׳ראַלט זיך.

גענעראַל: זי בלעדער קערל!!

רבי: אַז יאַך בין אַ קערל, ביסטו אַ טײַבעלע.

גענעראַל: איך שיסע זי גלײַך נידער (ציט אַרויס דעם זעבל אין כּעס).

רבי (שרעקנדיק): נו, ווי זען זאָגט מען?

גענעראַל: מע זאַגט: הער גענעראַל.

רבי: נו, כ׳על שוין וויסן, לאָמעך שוין גיין.

גענעראַל: אַבער זי דומער מאַרקיראַנט! איך ווערדע זי שאָן געהען לאַסען נאָר אין כּראַנט.

רבי: כ׳בעט דעך, רעג דיך נישט אויף. מיט גוטן ווערסטו אַלעס בײַ מיר פועלן.

גענעראַל: טרײַבן זי מיט מיר קיינע וויצן, זי בלײַבן היר איין טאָטער. בײַ וועמען זינד זי יעצט?

רבי: בײַם גענעראַל.

גענעראַל: אונד פריער וואָ וואַרען זי?

רבי: ווו איך האָב געקענט, האָב איך מען אַ שטופּ אַרײַן געגעבן.

גענעראַל: ווי רופט מאַן זי?

רבי: זי רופט מאַן באַנקעס שטעלן, אַ קינד האָבן, צום וויקלען אַ קינד.

גענעראַל: אַבער אינען ווי רופט מאַן?

רבי: מיך רופט מאַן קידוש מאַכן, טאַנצן בײַם רבין וכדומה.

גענעראַל: אַבער ווי רופט מאַן זי, איר נאָמען?

רבי: מיך רופט מען עסן און שלאָפן, טרינקען.

גענעראַל: אַבער ווי איזט איר נאַמען, נאַמען, נאַמען?

רבי: מײַן נאָמען איז נחמיי.

גענעראַל: נו, גאָט זיי דאַנק! קענען זי שיסען?

רבי (שרעקנדיק): געוואַלד, שיסן!

גענעראַל: נו, פּאַסן זי אויף. דאָס איזט איין ביקס צום בײַשפּיל.

רבי (נעמט אין דער האַנט אַ ביקס און זאָגט): דאָס איז אַ בײַשפּיל.

גענעראַל: אַבער זי, בלעדער קערל, צום בײַשפּיל, צום בײַשפּיל.

רבי: בײַשפּיל.



גענעראַל (אויפגערעגט, גיט אים צוויי פּעטש): זי, שמוציקער הונט! געהען זי צום טײַפל מיט איר פּלוידעריי. (שרײַט) צוגספירער!

זשאַנדאַר (קומט אַרײַן אַלס צוגספירער, סאַלוטירט): אויף בעפעל פאָן הער גענעראַל.

גענעראַל: נעמען זי דען ביליקן הונט און קאָמענדירן זי מיט אים!

זשאַנדאַר: שטעהען! האָב אַכט!

רבי (בייגט זיך אָן און זאָגט): האָב אַכט (לאַכנדיק).

זשאַנדאַר (גיט אים אַ קלאַפּ אין די פּיס): שטעהען זי גראַד אויס!

רבי (בייגט זיך אָן).

זשאַנדאַר (צום פּובליקום): עס איז כּמעט אים ניכט אויסצוהאַלטן. (צום רבין) דאָס איזט איין ביקס צום בײַשפּיל.

רבי: דאָס איזט בײַשפּיל.

זשאַנדאַר: אַבער צום בײַשפּיל, צום בײַשפּיל, און דאָס איזט איין ביקס.

רבי: צום פאָרשפּיל, צום פאָרשפּיל.

גענעראַל (לאַכנדיק): געהען זי שאָן מיט איהם צום רעגימענט.

זשאַנדאַר (קלאַפּט אים מיט דער קאָלבע): פאָרווערטס!

אַלע גייען אַרויס.

(נבֿ-סאַנק) אינוו׳ נ׳ 4.518—4.519

## 3

## רויבער=באַנדע-שפּיל

פּערשוינען, וואָס נעמען אָנטייל אין דער שפּיל:

אָנפירער (אָדער פּאַיאַץ) — האָט רויטע באַקן געפּאַרבטע. ער גייט אָנגעטאָן אַ הויך היטל, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ שפּיץ. אויפן שפּיץ פון היטל הענגען קליינע טרעלדרעלעך מיט אַ גלעקל. דאָס איז אויף דעם, אַז ווען ער וועט גיין, זאָל עס קלינגען. ווײַטער גייט ער אין אַ גרין העמד, רויטע הויזן, געלע זאָקן און געלע האַלב=שיך. אויף דעם העמד טראָגט ער, איבערגעלייגט אויף אַ קרייץ, צוויי לאַמפּאַסן (אַ גאָלדענעם און אַ רויטן). אַחוץ דעם גייט ער אָנגעטאָן אין אַ ספּאָרט=פּאַס מיט אַ רעוואָלווער. אין דער האַנט האַלט ער שטענדיק אַ ווײַסע פאָן מיט רויטע אותיות, אויפגעשריבן: „רנאַלדאַ רנאַלדיני“.

רויבער=הויפּטמאַן — גייט געקליידט: שוואַרצע הויזן מיט אַ רויטן לאַמפּאַס, שוואַרצע שטיוועלעך, אַן עסטרײַכישע אָפיציר=בלוזע, אַן אָפיציר=היטל מיט דרײַ שטערן. אויף דעם קאָלנער פון דער בלוזע זײַנען אויפגענייט דרײַ שטערן. אַ פּאַס מיט אַ שווערד און אַ רעוואָלווער. אויף דעם רעקל זײַנען אויך אויפגענייט טראָלדזן, אויפן פּנים איז ער אַ שטאַרקער מענטש, ער האָט אַ פּאָר גראָבע וואָנצעס מיט שוואַרצע פּאַוואָריטן.

מיקאָלאַי — גייט געקליידט אין אַ פּאָר ווײַסע הויזן אויסגענייט מיט שוואַרצע ביימער, אַ פּאָר שטיוול, אַ יוּנגיש העמד איבער די הויזן, אַזוי

ווי עס גייען די אוקראַינער. דאָס העמד ווערט געמאַכט מיט אַ שטיי-און לייג-קאָלנער, אויף דעם קאָלנער אויסגענייט גאָלדענעביימער, אין שפּיץ קאָלנער — שטערן. אויף די אַקסל-שפּאַנגען זײַנען אויך אויסגענייט שטערן. אַ קאָזאַצקע פוטער-היטל, אַ פּאַס מיט זעקס מעסערס אײַנגעשטעקט און אַ רעוואָלווער. אויף אַ העלפט פּלייצע הענגט אַ קורצע גוניע. האָר אויפן קאָפּ גייט ער ביז די אַקסל.

**פעדין**—גייט געקליידט ווי מיקאָלאַי, נאָר קורצע האָר, פּאַוואָריטן און וואָנצעס. יעדער רויבער, אַחוץ דעם רויבער-הויפּטמאַן, האַלט אַ פּיקע אין דער האַנט. אויף יעדער פּיקע הענגט אַ קליין גלעקעלע.

**פוסטעלניק**—גייט לאַנגע האָר ביז די אַקסל, אַ גרויע באָרד. אויפן קאָפּ אַ שוואַרץ דענטעלע (אַ שטעפּער קאַפּעלוש), אַ קורץ שוואַרץ איבער-צוכל, לאַנגע בלויע הויזן, אויף די פיס אַרומגעדרייט קאַמאַשן פון שטאָף, אָדער ווייכע ריטלעך. אויף די פיס אַ פּאָר שטיוועלעטן. אין דער האַנט האַלט ער אַ שטעקן, וואָס אויף אים איז אַרויפגעקלאַפּט אַ לאַמטערן, אין דער לאַמטערן אַ פּאָר גלעקלעך.

**גראַף רנאַלדאַ** — גייט געקליידט אין שוואַרצע שטרייף-הויזן, שוואַרצע זײַדענע זאָקן מיט האַלבע לאַקערקעס, אַ ווײַסע וועסט און אַ שוואַרצן זשאַקעט, אַ ווײַסן קאָלנער מיט אַ ווײַסן קראַוואַט; קליינע וואָנצעלעך, אונטער דער געמבע אַ פּעפּערל, אַ צוויקער, אויף דעם קאָפּ אַ הויכן פּינטש (צילינדער), אויף די הענט ווײַסע הענטשקעס.

**גרעפין רנאַלדינאַ** — גייט אַ שוואַרצן טול (אַ טרויער-שאַל) איבערן פּנים, אַ שיינעם הוט מיט אַ פעדער, אַ גראַנאַט-קאָסטיום, האַלב-שיך, ווײַסע הענטשקעס און אַ קיישעלע בלומען אויף דער האַנט.

ס'זײַנען אויך דאָ רויבער סטאַטיסטן.

### פאָרשפּיל·

אין דעם גראַפס שטוב. דער גראַף זיצט און עסט. די קעכין קאָכט אין דער זײַט. פּלוצים קומט אַרײַן די גרעפין מיט דער דינסט מיט אַ געוואַלד, אַז מ'האָט זי באַגנבעט. דער גראַף ווערט אויפגערעגט, לויפט באַלד צום טעלעפאָן און טעלעפאָנירט צו דער זשאַנדאַרמעריע נאָך הילף. באַלד קומען עטלעכע זשאַנדאַרן מיט אַ קאָמענדאַנט בראָש, וועלכער נעמט אויף פּראָטאָקאָל און פאַרשרײַבט אַלצדינג. נאָכן פאַרשרײַבן גייען די זשאַנדאַרן זוכן די גנבים, אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומען זיי צוריק, זיי דערציילן, אַז מ'האָט די גנבים נישט געכאַפּט. זיי גייען נאָך אַמאָל זוכן, אָבער אומזיסט. זיי קענען קיינעם פון די רויבער נישט כאַפּן. באַלד ברענגט דער בריוווטרעגער אַ בריוו פון רויבער-הויפּטמאַן. אין בריוו שטייט געשריבן: אויב מ'וועט נישט אויפהערן צו זוכן די רויבער, וועט מען דעם גראַף מיט דער גרעפין אומברענגען פון דער וועלט. דער גראַף ווערט אַזש פאַרציטערט פון כעס, טעלעפאָנירט נאָך אַמאָל צו דער פּאָליציי, די פּאָליציי קומט, ווײַזט ער זיי דעם בריוו. די פּאָליציי באַוואַכט דעם גראַפס הויז. אין דער צײַט זעט מען, ווי די רויבערס



78

גרייטן זיך צו גיין צום גראַף. דער רויבער-הויפּטמאַן ווײַזט זיי אָן ווי צו זיי זאָלן כאַפּן די גרעפין, וואָס אויף איר איז ער צום שטאַרקסטן אין כעס, ווייל זי שיקט יעדער מאָל זשאַנדאַרן צו די רויבער, כדי זיי אומצוברענגען.

**אַנפירער** (פּאַיאַץ): דאָס איז דער ווירט, וואָס וואָנט דאַהיר,
דאָס וועט זײַן פאַר אונדז אַ גוטעס קוואַטיר.
לײַטע אין דער זײַטע, קורצע שריט צו גיין,
ביטע אין דער זײַטע צו שטיין.
ביטע צוויי זעצל — גראַף און פראַו,
די פאָרשטעלונג פון דער רויבער-באַנדע איז דאַ.

(ס'קומט אַרײַן דער גראַף און די גרעפין. זיי זעצן זיך אויף בענקלעך צוזאַמען באַלד קומט אַרײַן מיקאָלאַי מיט פעדינען און הייבן אָן צווישן זיך צו שמועסן).

**מיקאָלאַי:** Tam na stednie czołowicze,
Tam na stednie krew rozlewaty.

**פעדין:** Tam na hory łysy jechały.
Żeby tam było moje taty,
moje mamy, to musymy rabowaty.
Rabowaty znajte chłopy to ne złe.
Budymy pyty krew jak wody.

**מיקאָלאַי:** מיר זענען רויבער: מעסער אונד פּיסטאָלן,
ווען מיר טוען אַנבליקן, מוס אים דער טייפל האָלן.

**פעדין:** מיר זענען רויבער: מעסער און געווער,
ווער שרעקט וואַלד, וואָלף אונד בער.
My szablamy i pistolami jak w dzień tak
w nycz po lisach chodymy.

**אַנפירער:** מיר זענען גראַפן, פירסטנס-קינדער,
רויב איז ביי אונדז קיין וונדער.

**פעדין:** זאָלן וויר צוריק זין, זאָ גלייך אונדזער אַנפירער היניין.
ווען אונדזער אַנפירער קאָמט היניין, וועט שוין עטוואַס נייעס זיין.

(ס'קומט אַרײַן דער רויבער-הויפּטמאַן).

**רויבער-הויפּטמאַן** (זינגט):
אַך ווי גליקלעך איז דער מענטש, וואָס ער האָט איין געוויסן.
זײַן ווערק בלײַבט ני לער, ס'זאָל יעמאַנטן פאַרדריסן.
אַך, בין איך אַמאָל גליקלעך געווען ביי מיינע יונגע יאָר,
פון רויב און מאָרד האָב איך אימער געלעבט, דאָס קען מען מיר גלויבן וואָר.

בײַ מיינע יונגע יאָר האָט דאָס בלוט אין מיר געשפּראָצט,
אין ווילדן וואַלד בין איך אַרומגעלאָפן.
צו דער רויבער-באַנדע האָב איך אימער געצילט, יעצט האָב איך זיי אָנגעטראָפן.

פון אָרנטלעכע לײַט בין איך אין דער זײַט,
געהער נאָר צו די רױבערס לײַט.

(ס'הערט זיך אַ רעש: זש—זש—זש— דער רױבער־הױפּטמאַן הערט אױף צו זינגען) װער איז דאָרט?

(ס'קומט אַרײַן מיקאָלאַי).

מיקאָלאַי: איך מעלדע געהאָרכזאַם, איך בין מיך מיקאָלאַי ריכטיק דאָ (װײַזט דורכן פענצטער אױף אַ פעלד). שױט מאַל אַן, אױף די װיזע גײט אַן אַלטער מאַן.

רױבער־הױפּטמאַן: האַלט! װער ביסטו אַלטער?

פּוסטעלניק: איך בין דער אַלטער פאָן פּוסטעלניק.

רױבער־הױפּטמאַן: פאָן װאָ גײסטו?

פּוסטעלניק: איך גײ פאָן אײנע קלײנע שטאָט, איך האָב מיר אײנע לאָמפּע געקאױפט; װײַל דער װינט האָט מיר דאָס ליכט פאַרלאָשן, בין איך געקומען צום הערן פאַטער ביטן.

רױבער־הױפּטאַן: ביטע זײער.

פּוסטעלניק: אַ דאַנק.

רױבער־הױפּטמאַן: גײ אין נאָטעס נאָמען.

אַנפירער: אַלזױ מײַנע ליבע לײַטע, ס'גײט אײן אַלטער מאַן אונדז אַנשױען, װי מיר זענען. האַלט! װער ביסטו, אַלטער?

פּוסטעלניק: איך בין דער אַלטער פאָן פּוסטעלניק.

אַנפירער: קאָנסטו אונדז?

פּוסטעלניק: פאָן װאָ זאָל איך אײך קענען?

אַנפירער: שרעקסטו פאַר אונדז?

פּוסטעלניק: װאָרום זאָל איך פאַר ענק שרעקן? פאַר אָרנטלעכע, בראַװע לײַטע באַדאַרף אַן אומשולדיקער נישט צו ־רעקן.

אַנפירער: גיב געלט!

פּוסטעלניק: איך האָב נישט קײן געלט.

אַנפירער: גיב געלט!

פּוסטעלניק: איך האָב די לעצטע צװײ גראָשן, נעמען זי זיך.

אַנפירער: אַלזאָ מײַנע ליבע לײַטע, דער מאַן האָט די לעצטע צװײ גראָשן, שלאָגן װיר טאָט (צװײ רױבער שפּרינגען צו צום פּוסטעלניק מיט מעסערס און װילן אים קטעכן, דערװײַל קומט אָן דער רױבער־הױפּטמאַן).

רױבער־הױפּטמאַן: האַלט, רױבער־באַנדע! האָבן זי נישט געלײענט דעם פּאַרעגראַף פון רױבער־הױפּטמאַן? אַ שאַנדע פאַר אונדז, רױבערס־לײַט! אַלזאָ מײַנע ליבע לײַטע, זענען זי אַלע דאָ?

רױבער: מיר זענען אַלע דאָ.

רױבער־הױפּטמאַן: אַלזאָ מײַנע ליבע לײַטע, הײַנט גײען מיר אױפן באַרג קאַלבאַקינאַ! הײַטע, ס'זאָל אונדז געלינגען.

אַלע רױבער: װיװאַט! װיװאַט! מאָרגן אַבענד צוריק צו קאָמען!

(דאָ רוט מען זיך אַ ביסל אָפּ).

---



(אױף דער ערד זעט מען, װי ס'ליגן בלומען, און די גרעפין קלײַבט אױף, דערבײַ זינגט זי).

גרעפין (זינגט): :|Przy dolinie, po topinie, siedzi przy nim kruk|:

Tam paniura kwiaty zbiera,
Zbiera kwiaty róż.
Tam paniura czarna pióra, siedzi na nim kruk.

(זי האָט דערהערט דעם רױבער־הױפּטמאַן)

Słyszę głos, co to za głos? Co za podziwienie?

רױבער־הױפּטמאַן (קומט אַרײַן): Cyjaś ty dziewczyno?

גרעפין: Ja dz'ewczyna starego mura

רױבער־הױפּטמאַן: Słuchajno ty dziewczyno, kochasz ty kogo?

גרעפין: Kocham!

רױבער־הױפּטמאַן: Jak się twój kochanek nazywa?

גרעפין: Staśka Rnalda

רױבער־הױפּטמאַן: Ach, żeby ja to był Staśka Rnalda, kochałabyś mnie?

גרעפין: Kochałabym całem sercem

(זינגט)
לײַדן גרױסע שמערצן שװערע,
פון מײַנע אױגן טוט דאָס װאַסער רינען.
די שרעקלעכע רױבער האָבן זיך איבער מיר גענאָמען,
יעצט האָבן זײ מיך שױן בעקאָמען.

רױבער־הױטמאַן (זינגט):
מײַן געליבסטע און געשעצטע, קום, פאָר מיט מיר אַװעק.
בעזעגן דיך שױן מיט דײַן פאָטערס פּאַלאַץ, װאָס ער שטײט קעגן דיר.
דו פאָרסט פאָן עם אַװעק און ער װעט פון דיר מער נישט װיסן.

גרעפין (זינגט):
איך בין געגאַנגען אין דעם גאָרטן װוּ די שטערנע האָבן געטון לױכטן.
אױף דיזע װיזע װוּ די בלומען שמעקן.
אָבער דאָס שרעקן פאָן מײַנען הערצן האָט גאָר קײן ענד.
כ'װאָלט ליבערשט דיזע װיזע נישט דערקענט.

מיקאָלאַי (שרײַט)
Kapitanie! kapitanie! Czy wy do nas przysięgali?
czy macie z białą głową do czynenia? chodźcie z namy!

רױבער־הױפּטמאַן (געזעגנט זיך מיט דער גרעפין. זינגט):

Bywaj mi zdrowa, lubeczka moja.
Żegnam ci żegnam, lubeczka moja,
Pójdziemy tu często w tym ogrodzie,
Będziemy rabować wszystkie panowie.
Bywaj my zdrowa או״אַז
Będziemy rabować wszystkie panowie,
Będziemy rabować wszystkie bankowie.
Bywaj או״זאַ

(אַלע רױבער קומען זיך צונױף).

דער רויבער־הויפּטמאַן (זאָגט צו זיי):

Dalej, chłopcy, dalej wraz,
Hura zaśpiewamy!
Niech pan Jurasz[1] żegnam piegnam [?] póki mamy czas.
Dalej, chłopcy, dalej wraz,
Wystrzelajmy wszyscy na raz.

(אַלע נעמען אַרויס די רעוואָלווערס און שיסן אויס מיט אַמאָל)

(פּויזע)

ביים גראַף אין שטוב. די גרעפין ליגט אין בעט, דער גראַף לייענט אַ צייטונג, דערביי דערציילט ער מעשיות פון באַנדיטן, רייכערט אויך אַ ציגאַר און טרינקט קאַווע. ער דערציילט אַזוי לאַנג מעשיות, ביז די גרעפין ווערט אַנטשלאָפן. אַז מ׳שפּילט אויף אַ שטיקל סצענע, ווערט די סצענע געטיילט מיט אַ ווענטל. אין דער צווייטער זייט זעט מען, ווי די רויבערס צעהאַקן טעלעפאָנען, גנבענען זיך צום גראַפס פּאַלאַץ. אַלע האַלטן די פּיקעס מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. זיי באַשיסן דעם גראַפס הויז. מיקאָלאַי גיט אַ זעץ אין טיר אַריין, רייסט אויף די טיר, און אַלע רויבערס פאַלן אַריין צום גראַף. דער גראַף לויפט צו זיין טישל כאַפּן זיין רעוואָלווער. ער ווערט באַלד אין אָנמאַכט און בלייבט שטיין. די רויבערס לויפן צו צו אים, דער גראַף שטעלט זיך ביי דער גרעפינס בעט און זינגט:

גראַף:
איך גראַף רנאַלדאַ, איך בין אומשולדיק דערין.
מיינע פראַו, לאַזט זי לעבן,
מיינע פראַו שענקט איר דאַס לעבן.
איך גראַף אאַז״וו.
איר צאַפּט איר דאַס בלוט ווי די בעסטע וויין.
איך גראַף רנאַלדאַ, ס׳האָט מיר שוין אַמאָל פּאַסירט אַזאַ.
ס׳גייט מיר נישט וועגן מיר, נאָר פאַר מיין געליבטע פראַו.
איך גראַף אאַז״וו.

(דער גראַף הייבט אָן צו וועקן די גרעפין, דערביי זינגט ער:)

פראַו, פראַו, פראַו,
צום שלאָפן איז שוין מער קיינע צייט,
וואַך דיך אויף פאַן דיינעם שלאַפן.
איך גראַף אאַז״וו.
טוי אַן, אַזוי פיל רייבערס לייט האָבן דיך געטון באַוואַכן.

גרעפין (כאַפּט זיך אויף): אַך גאָט, מיין גאָט, וואָס איז דאַהירן? (צום גראַף:)
כאָ׳ דיר אימער געזאָגט, אַז מיין הערץ שרעקט אין מיר.

גראַף (גלעט דער גרעפין דעם קאָפּ): שרעק נישט, פרוי, שלאָף ווייטער.

(די רויבערס ווינקען איינער צום אַנדערן און לאַכן שטיל אויס דעם גראַף).

גראַף (וועקט ווייטער די פרוי און זינגט):
פרוי, פרוי, פרוי,
צום שלאָפן איז מער קיין צייט.

---

[1] דער גראַף.



צים שלאָפן איז שוין מער קיינע קונסט.
איך גראַף רנאַלדאָ אאַז״וו
טו דעם הער הויפּטמאַן בעטן,
פיליכט וועט ער דיר דיין יונגעס לעבן רעטן.
איך גראַף אאַז״וו.

(דער רויבער־הויפּטמאַן נעמט אַרויס זיין שווערד, אַלע רויבער נעמען אַרויס די רעוואָלווערס און גייען צו צום גראַף שיסן. די גרעפין גייט אַראָפּ פון בעט, גייט צו צום רויבער־הויפּטמאַן, שטעלט זיך קניען פאַר אים, לייגט צוזאַמעןביידע הענט ווי צום פאַטשערעס־זאָגן און זינגט)

גרעפין (זינגט):
Nieszczęśliwa moja biedna godzina,
Co ja się taka biedna wrodziła.
Tego co ja kochała, tego już niema;
Niema go i już nie będzie.
Zostaję ja biedną sierotą,
Ale raz wesela będzie.

רויבער־הויפּטמאַן (שלעפּט אַרויס די שווערד און שרייט צו דער גרעפין):
לוקס! האַלט דאָס מויל, דו קאַנאַלישע פרוי,
דער טייוול זאָל דיך האָלן!
מיך האָסטו געטון פליכטן,
די רויבער־באַנדע האָסטו געטון צו גרונדע ריכטן.

גרעפין (זינגט ווייטער):
Dałabym ci dałam wszystkie majątki,
Dałabym ci dała wszystko co mam na sobie.

רויבער־הויפּטמאַן: לוקס! האַלט דאָס מויל, דו קאַנאַלישע פרוי,
דער טייוול זאָל דיך האָלן!
מיך האָסטו געטון פליכטן,
מיינע רויבער־באַנדע האָסטו געטון פאַרניכטן.
שנעל אַפּרעכטן דאָס דריטע געבעט!

גרעפין (זינגט ווייטער):
Bądz pan tak łaskaw,
Podarujcie nam nasze biednie życie.
Dałabym ci אאַז״וו

רויבער־הויפּטמאַן: אייערע זינד קען איך אייך נישט פאַרגעבן,
זי מוזן דאַהיר פאַרלירן דאָס לעבן.
ענטפעדער דורך די מעסער, אָדער דורך די פּיסטאָלעטן.

גרעפין:
איידער דורך די מעסער,
איז דורך די פּיסטאָלעטן פיל בעטער.

רויבער־הויפּטמאַן: איז מיקאָלאַי דאַ? זאָל ער זיך ריכטיק מעלדן.

מיקאָלאַי: איך מעלדע געהאָרכזאַם, איך בין ריכטיק דאָ.

רויבער־הויפּטמאַן: גיב דעם באַפעל די אַלע רויבערס לייט, אַז זיי זאָלן נעמען די רעוואָלווערן אין די הענט און זאָלן דעם הורא אויסשיסן (וויזט אויף דעם גראַף מיט דער גרעפין) אין זיי אַריין.

(די רויבער שיסן אויס, דער גראַף מיט דער גרעפין פאַלן טויט).

פּויזע

**רבי:** אַ שיינעם גוט נאָוונט ווינטש איך אײַך,
איר זאָלט זײַן תמיד לוסטיק און רײַך,
איך בין אײַך געקומען דערציילן,
ווי איינע צווייטע פרוי האָט מיך געטון קוועלן,
דאָס בין איך דער באַקאַנטער רבינו גרשום,
וואָס כ׳האָב געטון אין גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּאָל הערשן.

**מנחם:** שאַטס, שאַטס, איך בין אויך דאָ, גרײַצערס לייזן געקומען.
(זינגט) קויפּטס, קויפּטס, קונים!
קונים, קומטס אַהער!
איך האָב אַ מאַרק אַווינעם,
וואָס איז צו קריגן שווער:
גלעקעלעך, שפּילעכלעך,
בײַטעך, שטעקעלעך,
פּיסנזעקעלעך.
אַלעס, וואָס אײַך גלוסט,
בײַ מיר איז האַלב אומזיסט!
קויפּטס, אויב איר זענט מבינים,
עסן און טרינקען פון אַלע מינים,
קויפּטס, וואָס אײַך גלוסט,
בײַ מיר איז האַלב אומזיסט!

**ייִנגעלע:** זאָגטס מיר נאָר, מנחם, וואָס האָט איר צו פאַרקויפן?
**מנחם:** כ׳האָב אַלעס.
**ייִנגעלע:** כ׳האָב אַ רײַניש.
**מנחם:** וואָס זשע ווילסטו פאַרן רײַניש?
**ייִנגעלע:** כ׳וויל לײַוונט, נאָדלען, פינגערהוטן און אַ הייס מאַנדעבורטשיניקל.
**מנחם:** נאַ דיר לײַוונט, נאָדלען, פינגערהוטן און אַ הייס מאַנדעבורטשיניקל.
(ס׳ייִנגעלע אָפּ)

**מנחם:** איצט זעט איר, ווי איך קען נעמען גרײַצערס. איצט ווען איך טרעף דאָרט דעם רבין, וואָלט איך אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. כ׳וואָלט אַרויסגעפּטרט אַ פּרעסער פון מײַן קאָפּ. (צום רבין) אַ גוט מאָרגן אײַך, רבי! וואָס טוט זיך עפּעס? איר ווייסט וואָס? איך וויל מקבל קנין זײַן.

**רבי:** וואָס הייסט מקבל קנין זײַן?

**מנחם:** הערטס אויס, רבי! איך בין געווען אין שולכל, האָב איך געהערט זאָגן, אַז איר האָט אַ ווײַב אַן אַלטע; האָב איך פאַר אײַך אַ מיידעלע אַ טשאַטשקעלע, אַזוינס און אַזעלעכס.

**רבי:** הערטס אויס, איך וועל אַהיים גיין צו מײַן אַלטיטשקער, כ׳וועל מיך מיט איר באַראָטן און מאָרגן וועל איך אײַך זאָגן יאָ, צי ניין. נו, דבורה, דו באַשטייסט?

**דבורה:** אַז דו באַשטייסט, באַשטיי איך אויך.
**רבי:** מײַן דבורהלע איז באַשטאַנען.
**מנחם:** נו, ווען זשע וועלן מיר שטעלן אַ חופּה?
**רבי:** וואַרטס אויס, לאָזט מיך זי קודם אָנקוקן, וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט.



**אַלע רויבער זינגען:**

Czujte chłopy rabuszniki,
Co nasz kapitan rozkazał nas.
Wystrzelajmy wszyscy na raz.
Czujte chłopy rabuszniki,
Budemy tu mały pete wik.
Nas gospodar żinku, dity.
Doczekaly rik za rik.

**רויבער־הויפּטמאַן** (זינגט אַליין):

Haman był wełykyj pan,
Win chodił do króla na wizytan.
Naj nas, naj nas,
Nas gospodar hryłko das.

(סאָניק) אינוו׳ נ׳ 45.638

## 10
## רבינו־גרשום־שפּיל

**פּערזאָנען:**

קיסר פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל — רבינו גרשום — מעליטאַ — די צווייטע פרוי
מיניסטער ראָמאַן — דבורה די רביצין
ראָטנעבער — מנחם דער טענדלער

I

**כאָר:** געבענטשט אַצינד זענען מיר פון גאָט,
איעדער אין זײַנער מיט,
פון דעם רוח־הקודש זענען מיר פון ווײַט,
דער וואָס לערנען מוז.
יאָ, תורה לערנען איז אַ שכר,
עולם־הבא וועט איר האָבן דערפאַר.
תלמידים, לערנט נאָר די תורה כסדר,
וועט זײַן גוט, אוי גוט!
און פאַר גאָט זאָלט איר האָבן מורא,
וועט אײַך זײַן גוט צו איעדער מינוט.
מלאָכים טראָגן פאַר אונדז אַ זכות,
איעדער ייִד, וואָס לערנען מוז.
גאָט זיצט און קוועלט,
און דערפאַר...

**מנחם** (צו דער טאָכטער): מילקע! מילקע! הער אױס. איך גײ דאָ דיך פֿאַרפֿירן פֿאַר אַ רבי, פֿאַר אַ ײד מיט אַ לאַנגער באָרד, און דו האָסט דאָך אַ מױל אױף שרײַפֿן — זאָלסט דיר געבן אַ ביס אין דער צונג און צומאַכן די ליפּן. (צום רבין) קוקט אָן, רבי, איר זעט? דאָס איז מײַן טעכטערל. נו, געפֿעלט אײַך?

**רבי**: װאָס האָט מיר יאָ צו געפֿעלן אָדער נישט צו געפֿעלן? איך בין אַן עלטערער מענטש; די הױפּט-זאַך איז, אַז זי איז אַ שטילע און אַ װױלע.

**מנחם**: װען זשע װעלן מיר אַ חופּה אױפֿשטעלן?

**רבי**: אַפֿילו שױן! איך װעל אַהײם גײן, מײַנע שבתדיקע מלבושים אָנטאָן און איר אײַערע און מיר װעלן אַ חופּה אַװעקשטעלן.

**מנחם** (זינגט): לעי אודיר אל האַקאָיל עס האַכוסן װײעס האַקאַלי. זעיס טימירוסי זע עיריך לימיסי, זע האַטאַרניגאָילים. בוריך אַטו קעיקל מעילעך קיבודים שאַהאַקאָיל בוריך ליקיבאָידים. — איר, רבי, קענט דאָך אַװדאי דריבניטשקע, זאָגטס: הרי אַת — מ'זאָל אײַך פֿירן צו דער שמד, ביקידעישאָס לי — װאָס זי האָט אײַך צו זאָגן אין קאָלאָמעי אָדער אין סטרי, זאָל אײַך זײַן הי. בײַד משה וישראל — ס'זאָל אײַך זײַן פֿאַר כּל ישראל. איר װילט דאָך אַװדאי הערן װאָס איך גיב איר נדן? המגיד מראשית קװירטאָיע מאָלה דיבר התנאים, החתן בן ציקצאַק. אַ כּלה יענטע סכרודל פֿײַװל בת מנחם ברב יונה בױגן מיטן קאָפּ פֿאַרבױגן. אַ קאָפּ אַהין, אַ קאָפּ אַהער, ביסט באַװאַקסן װי אַ בער, און װאָס אַמאָל ער עסט, װיל ער מער. און לײען װײַטער. נדן גיב איך זײ 25 פֿונט ריבאַלבאָירים, 33 פֿונט צעינעס אױף אַ גאַנצע װאָך, אַ ניף לכּבוד שבת, אַ פֿלאַץ אױפֿן װאַסער, אַן אָרט אױפֿן בית-הקבֿרות. צװײ צײַגן: ניקאָלײַ פּעטרי סעמעניוק און א רעסט דער קוביס עק.

## II

בײַם קײַזער אין שטוב, עס זיצן: קײַזער, מיניסטער ראָמאַן און ראַטגעבער.

**קײַזער**: האָך געערטער מיניסטער ראָמאַן און ראַטגעבער. האַבן זײ אױך פֿילײַכט געהערט אונד געלעזן װי עס װאַר אײַן קעניג סאַלאָמאָן. ער װאַר רײַך, ער האָט געהאַבט אײַן שטול פֿאָן זיבציק שטיגן. װײסן זי ניכט אָב בײַ אונז אין לאַנד גיבט זאָ אײַן מענטש, װאָס ער קאַן מיר זאָ אײַנע שטולע מאַכן?

**ראָמאַן**: יאָ, זײַנע מאַיעסטעט! בײַ אונז אין לאַנד גיבט אײַן גראָסער ראַבינער, ער איז אײַן גאָטעסמאַן, ער װירד זאָ אײַנע שטולע מאַכן. אַבער זי קאָנען זיך אױך ראַטן מיט אײַער ראַטגעבער, ער איז אױך אײַן יוד, פֿילײַכט װײס ער װאָ ער בעפֿינדעט זיך.

**קײַזער**: זאָג מיר נאָר, ראַטגעבער, קאָנסטו אױך דען ראַבינער?

**ראַטגעבער**: יאָ, זײַנער מאַיעסטעט! איך קאָן אים גאַנץ גוט. ער איזט יאָ אונזער ראַבינער, ער װירד אינען די שטולע באַשטימט מאַכן.

**קײַזער**: אַלזאָ ראַטגעבער! איך זיגל דיר אײַנע קאַרטע מיט מײַנע זיגלרינג, קאָנסט אים מיט ערע ברענגען.

**ראָמאַן**: נײַן, זײַנע מאַיעסטעט! עס פּאַסט ניכט, דאַס דער ראַטגעבער זאָל זעלבסט גײן אום זאָ אײַן גראָסראַבינער. איך װערדע אױך מיטגײן.

**קײַזער**: קאַנסט אױך מיטשפּאַצירן.

(יעצט גײען זײ אױך אַװעק צום ראַבינער)



**מיניסטער**: גוטן אָװנט, דער קײַזער האָט זי רופֿן לאַסן!

**רבי** (צום ראַטגעבער): זאָג מיר נאָר, װאָס װיל ער?

**ראַטגעבער**: דער קײַזער האָט אײַך געשיקט רופֿן, איר זאָלט תּיכף קומען.

**רבי** (צו זיך אַלײן): װאָס קען ער מיך דאַרפֿן האָבן? אָבער אַז ער שיקט מיך רופֿן, װעל איך גײן. (צום ראַטגעבער) זאָג אים, איך װעל שפּעטער קומען.

(זײ גײען צום קײַזער)

**רבי**: גוטן אָװנט!

**קײַזער**: װער זינט זי?

**רבי**: שטעל מיך אינען פֿאָר מיט מײַן נאָמען: ראַבאָן גערשאָן.

**קײַזער**: גוט איזט, װען זי זינט דער ראַבינער. האַבן זי אױך פֿילײַכט געהערט אונד געלעזן: עס װאַר אײַן קעניג סאַלאָמאָן, ער װאַר רײַך, ער האָט געהאַבט אײַן שטול פֿאָן זיבציק שטיגן. קאָנען זי מיר פֿילײַכט זאָ אײַנע שטולע מאַכן?

**רבי**: יאָ, זײַנע מאַיעסטעט! איך קאָן אינען זאָ אײַנע שטולע מאַכן, אַבער זי מוזן מיר איבערגעבן דעם שליסל פֿון דער שאַצקאַמער אָנע װאַגע — זאָ װערדע איך אינען זאָ אײַנע שטולע מאַכן.

**קײַזער**: ראָמאַן, גיב אים דעם שליסל פֿון דער שאַצקאַמער. ער איזט אײַן בראַװער מענטש; איך גלאַובע, ער װירד בײַ מיר גאַרניקס פֿערלאַנגען און ער װירד זײַן גרעסער פֿון דיר (רבי אָפּ).

**מיניסטער** (צו זיך אַלײן): נו, יעצט האָט מיך זאָ אײַן שמוציקער יוד נידערגעשלאַגן. ער װירד זײַן גרעסער פֿאָן מיר. נײַן, איך װערדע דאָס ניכט דערלאָסן. איך װערדע מיר שױן אײַנע ראַטשאַפֿט געבן.

(דער מיניסטער טרעפֿט זיך מיט דעם רבינס צװײטער פֿרױ)

**מיניסטער** (צו דער פֿרױ): גוט נאַװנט. (זי מאַכט זיך נישט הערנדיק) גוט נאַװנט! ענטשולדיקן זי, זינד זי פֿילײַכט די יונגע פֿרױ פֿון ראַבינער גערסון?

**מעליטאַ**: יאָ, דאָס בין איך די יונגע פֿרױ פֿאָן ראַבינער. װעגן װאָס פֿיר אײַן אינטערעס פֿראַגן זי?

**מיניסטער**: יאַ, איך װאָלטע אינען ליבע אַנטשפּרעכן.

**מעליטאַ**: יאָ, װעגן װאָס פֿיר אַבן אינטערעס װאָלן זי מיר ליבע אַנטשפּרעכן?

**מיניסטער**: יאַ, איך װירדע אינען דאָס שאָן זאַגן, װען זי מיר נור דאָס מאַכן װירדן. יעצט איז שפּעט, איך מוז צו זײַנע מאַיעסטעט גײן. אױף מאָרגן טרעפֿן מיר זיך, ערלעדיקן װיר דאָס װײטערדיקע. גוטע נאַכט!

**מעליטאַ**: גוטע נאַכט!

**מיניסטער** (צום קײַזער): זײַנע מאַיעכטעט, עס איזט שאָן זאָ אײַנע לאַנגע צײַט, אונד מאַן הערט קײן נײַעס פֿאָן דער שטולע.

**קײַזער**: ראַט עבער (לױפֿער)! לױף געשװינד צום ראַבינער, פֿראַג אים, װאָס הערט זיך מיט דער שטולע.

**ראַטגעבער** (צום רבין): גוטן נאָװנט אײַך, רבי, דער קײזער האָט געשיקט פֿרעגן, װאָס עס הערט זיך מיט דער שטול.

**רבי**: קוק, מײַן קינד! זעסט, די שטול איז פֿאַרטיק. נאָר זאָג דעם קײזער, אַז מען מוז דאָס לערנען.

**ראַטגעבער** (צום קײזער): זײַנע מאַיעסטעט! די שטול איז פֿערטיק, אַבער מאַן מוז דאָס לערנען.

קייזער: ראַמאַן! נון גייען וויר אַנשאַוען ווי די שטולע זעט אַוס.
(צום רבין) גוטן אָוונט!

רבי: גוטן אָוונט, זײַנע מאַיעסטעט. ווי זי זעען זײַנע שטולע. פֿאָן דיזער זײַטע גייט מען אַרויף, פֿאָן דיזער זײַטע הערונטער. און ווען מאַן שטעלט דעם לינקן פוס אויף דער רעכטער זײַטע, קאָן געשען אײַן זונגליק, מאַן מוז אויפפּאַסן.

קייזער: איך ווערדע די שטול שאָן לאַסן נעמען אונד ווערדע דיך שאָן בעלאָנען בײַ מיר צו האַוס.

קייזער (צום ראַטגעבער): לאַוף געשווינד צום ראַבינער, זאַג אים, ער זאָל הערקאָמען, איך האָלטע אים בעלאָנען.

ראַטגעבער (צום רבין): גוטן נאָוונט אײַך, רבי! דער קייזער האָט אײַך געשיקט רופן ער וויל אײַך בעלאָנען.

רבי (צום קייזער): גוטן אָוונט!

קייזער: יאַ, ראַבינער, איך וואָלט אײַך יעצט בעלאָנען, איך געב אינען מײַן זיגלרינג אונד זי קאַנען הערשן איבער גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּל.

רבי: דאַנקע שיין! גוטע נאַכט!

מיניסטער: יאַ, זײַנע מאַיעסטעט! לויט מײַנע אויסזיכטן פעלט פיל גאָלד, זילבער, קופּער אונד זאָ ווײַטערע מעטאַל-זאַכן.

קייזער: נו וואַס איזט צו מאַכן, מיניסטער? ווען ער האַט אײַנע שטולע געמאַכט, זאָל ער אײַנע וואַגע מאַכן אונד אַלעס מיט רעכנונג איבערגעבן. (צום לויפער) לויפער, לויף געשווינד צום ראַבינער! זאַג אים, ער זאָל שנעל הערקאָמען.

ראַטגעבער (צום רבין): גוט נאָוונט אײַך, רבי! דער קייזער האָט אײַך געשיקט רופן, איר זאָלט שוין קומען.

רבי: וואָס איז עפּעס נײַעס געשען?

ראַטגעבער: איך ווייס ניש'. קומטס שוין!

רבי: איך קום זאָפאָרט. (צום קייזער) גוטן אָוונט, זײַנע מאַיעסטעט, וואָס איז נײַעס געשען?

קייזער: יאַ, לויט מײַן געערטער מיניסטער זאַגט מיר, פעלט פיל גאָלד, זילבער, קופּער אונד זאָ ווײַטערע מעטאַל-זאַכן.

רבי: האַב איך מיט רעכנונג איבערנאָמען?

קייזער: דו האַסט אײַנע שטולע געמאַכט, זאָלסטו אײַנע וואַגע מאַכן אונד אַלעס מיט רעכנונג איבערגעבן.

רבי: האַב איך מיט וואַגע איבערנאָמען?

קייזער: נו, ראָמאַן! הערסטו, וואַס ער זאַגט?

מיניסטער: יאַ, איך ווערדע דאַס שאָן מאַכן.

קייזער: וויזאָווירסטו דאַס מאַכן?

מיניסטער: איך ווערדע דאַס אַם וואַסער מאַכן.

קייזער (צום רבין): קאַנסט שאָן גיין.

רבי: גוטע נאַכט!

קייזער: זאַג מיר נור, ראָמאַן! וואָ האַסטו זאָ אײַנע פּראַקטע ערלערנט, ווי אַזאָ מאַן קאָן די שטולע וועגן?

מיניסטער: נו יאַ, איך וואַר זאָ פיל יאָרע אויף דער וועלט, האָב איך דאַס אַלעס ערלערנט.

ראָמאַן (צו מעליטאַ): גוט נאָוונט!



מעליטאַ: גוט נאָוונט. וואַס בראַוכע איך דיר מאַכן?

ראָמאַן: דו ווייסט, דאַס זײַנע מאַיעסטעט דײַנעם מאַן דעם זיגלרינג געגעבן, און ווען דו אים וועקשטאָלן ווירסט אונד מיר אים ברענגען...

מעליטאַ: אונד וואַס ווירד זײַן דאַפאָן?

ראָמאַן: נו יאַ, דאַן ווערדע איך דיך ליבן. איך ווערדע דיך הײַראַטן, ווערסט בײַ מיר אײַנע קעניגין ווערדן.

מעליטאַ: נו יאַ, ווי קאַן דאַס דען זײַן? ווען איך בין דאָך אײַנע יידין אונד דו ביסט אײַן קריסט.

ראָמאַן: אַבער עס מאַכט ניכטס. איך ווערדע דיך טויפן לאַסן אונד דו ווירסט אײַנע קריסטין ווערדן.

מעליטאַ: אויף מאָרגן ווערדע איך דאַס מאַכן, אַבער פּאַס אַוף, דאַס דו זאָלסט מיך ניכט פערראַטן, דען מײַן מאַן איזט שאָן פערראַטן.

ראָמאַן: נײַן, נײַן! פירכט דיך ניכט. דיך ווערדע איך ניכט פערראַטן, אַבער דײַן מאַן ווערדע איך אין טורמע זעצן אונד ער ווירד דאָרט קרעפּירן, ווי אײַן הונט. יעצט איז שפּעט, איך מוז גיין. גוטע נאַכט! אויף מאָרגן טרעפן וויר זיך ווידער.

מעליטאַ: גוטע נאַכט!

---

קייזער: האָך געערטער מיניסטער ראָמאַן און ראַטגעבער! ווי זי וויסן, איזט מײַנע טאָכטער שווער קראַנק.

ראָמאַן: וואַס האַט אינען מײַן לײַבאַרצט דאָקטאָר געזאַגט?

קייזער: מײַן לײַבאַרצט-דאָקטאָר זאָגט מיר, דאַס קײַן אַפּטייק-זאַכן, קיין מעדיצין העלפט איר ניכט מער. ראַטע מיך, וואַס איז צו טון?

ראָמאַן: יאַ, זײַנע מאַיעסטעט! איך ווערדע זי שאָן ראַטן, זי זאָלן אײַנען שטרענגן באַפעל אַרויסגעבן אַוף פיר די יודן: אַלנפאַלס אײַער טאָכטער אין דרײַ טאָגע ניכט גערעטעט ווערדע, זאָלן זי אַלע יודן היגריכטן, זאָ ווי די הונדע.

קייזער: לויפער, לויף געשווינד צו דען יודן! דו ביסט אַוך אײַן יוד, — אונד זאַג זיי אין פאַלס מײַנע טאָכטער אין דרײַ טאָגע ניכט גערעטעט ווערדע, ווערדע איך אַלע יודן היגריכטן ווי די הונדע, אונד דיך אַוך.

לויפער: אָי, יידן! ס'איז אויף אונדז אַ גויט! דער קייזער האָט אַרויסגעלאָזט אַ גזירה, אַז טאָמער וועט זײַן טאָכטער נישט גערעטעט ווערן ביז דרײַ טאָג, וועט'ן אויפהענגען אַלע יידן.

מנחם (וויינענדיק): און מנחמען אויך?

לויפער: קומטס, יידן! לאָמיר גיין, לאָמיר לויפן צו דער רביצין, זי זאָל גיין צום רבין, זי זאָל אים בעטן, אַז ער זאָל בעטן, און אונדז זאָל' מיר בעטן, און אפשר וועט זי גערעטעט ווערן.

מנחם: רביצין! דער קייזער האָט אַרויסגעלאָזט אַלע הזירים, אַז טאָמער איטן [וועט'ן] נישט רעטן זײַן טאָכטער ביז דרײַ טאָג, וועט'ן אויפהענגען אַלע יידן — און מנחמען אויך.

רביצין: שאַטס, יידן! קומטס אי' מיר [וועלן מיר] גיין צום רבין. אונדז אי' מיר בעטן, און ער וועט בעטן, און גאָט וועט העלפן.

ר ב י (זינגט): גיי אין אַ גוטער שעה
און שטיי שוין מער ניש' דאָ.
און גאָט זאָל דיר אַרײַנשיקן אַ זין אַ גלײַכן.
די שיינע אייגעלעך פון דער פּרינצעסין
אַזוי גיך אויפצומאַכן.
אוי, עס וואָלט געווען אַ ישועה,
דו זאָלסט טרעפן די רפואה,
דײַן דאָקטאָרײַ זאָל ניש' ווערן פאַרבײַ.
מען זאָל הערן אַ קול,
אַז די פּרינצעסין איז גאַנץ וואָל,
עס וואָלט געווען דער בעסטער פּלאַן.

כ אָ ר: דאָס ווינטשט דיר טאַקע דײַנע פרוי און דײַנע טײַערע דבורה,
שטיי שוין מיר אַצינד ניש' דאָ און נעם דיר צו הילף די הייליקע תורה.

ר ב י צ י ן (זינגט): יענע דאָקטוירים, זיי האָבן נישט געקענט קומען צום ציל,
ווײַל זיי האָבן אָנגעווענדעט אַ מעדיצין ניש' קיין גלײַכן.
זיי האָבן געזוכט כבוד מיט געלט,
דאָס האָסטו געגוג אויף דער וועלט.
אָ, אָבער דײַן רעצעפּט איז נאָר די קבלה,
דו קענסט היילן דעם גרעסטן חולה.

כ אָ ר: דאָס ווינטשט דיר טאַקע דײַן פרוי, דײַן טײַערע דבורה,
שטיי שוין מער אַצינד נישט דאָ און נעם דיר צו הילף די הייליקע תורה.

ר ב י: שאַטס, יידן, קומטס אי'מיר גיין! איר'ט בעטן, די רביצין 'עט בעטן, איך וועל בעטן, און גאָט וועט העלפן.

---

ר אָ מ אַ ן (צו מעליטאַן): גוט נאַוונט!
מ ע ל י ט אַ: גוט נאַוונט!
ר אָ מ אַ ן: נו, האַסט מיר שאָן דאָס געמאַכט?
מ ע ל י ט אַ: יאַ, איך האַבע דיר שאָן דאָס געמאַכט. שאַו, ווי עס ציטערט מיר די האַנט, דען איך פירכטע מיך דען רינג וועקצוגעבן. אַבער האַסטו דען רינג אונד פאַס צוף, דאַס דו זאָלסט כיך ניכט פערראַטן, דען מײַן מאַן איזט שאָן פערראַטן.
ר אָ מ אַ ן (כאַפּט דעם רינג): גוטע נאַכט!
מ ע ל י ט אַ: וואַס אײַלסטו זאָ שנעל?
ר אָ מ אַ ן: יאַ, איך האַבע קיינע צײַט, איך מוז צו מײַנער מאַיעסטעט גיין.
מ ע ל י ט אַ: אַך גאָט, דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב מיך און מײַן מאַן פאַראָטן. כ'אָב אונדז ביידע פאַראָטן (גייען אַוועק).

ר ב י: גוט נאַוונט, זײַנע מאַיעסטעט! וואַס איזט נײַעס?
ק ײַ ז ע ר: נאַ יאַ, ראַבינער! ווי דו האַסט געהערט, איז מײַנע טאָכטער שווער קראַנק, אונד פאַלס מײַנע טאָכטער ביז אין דרײַ טאַגע ניכט גערעטעט ווערדע, זאָ ווערדע איך אַלע יודן הינברענגען אונד דיך אויך.
ר ב י: נו יאַ, זײַנע מאַיעסטעט! קײַן הער גאָט בין איך ניכט, אַבער איך ווערדע אײַנע



גאָטעסדינסט מאַכן, פיליײַכט ווירד זי גערעטעט. איך מעכטע ביטן אום אײַנע ענטשולדיקונג, דאַס אַלע הערשאַפטן זאָלן דאַס זאַל פערלאַסן אונד אַלע בילדער פאָן דער וואַנט הערונטערגענאָמען ווערדן. איך מוז אײַנע גאָטעסדינסט מאַכן.
ק ײַ ז ע ר: אַלזאָ, מײַנע הערשאַפטן! אויף דעם ראַבינערס ביטע, בעט איך דאַס זאַל צו פערלאַסן! (אַלע גייען אַרויס, נאָר דער רבי בלײַבט)
ר ב י (זינגט. צו דער פּרינצעסין):

גרויסער גאָט פון דער וועלט, העלף מיר דאָ אין מײַנעם שטרעבן.
איך האָב מיר דאָס אונטערגענומען, איך האָב צו דיר בטחון.
טו מײַן ווילן אויך צושטימען, ווײַל איך האָב צו דיר נצחון.

איך מיין נישט קיין כבוד, איך מיין נישט קיין געלט,
נאָר שענק דער פּרינצעסין דאָס לעבן.
כ'האָ'מיך דאָס אונטערגענומען, איך שפּיל אויף דיר נצחון,
טו מײַן ווילן אויך צושטימען, ווײַל איך האָב צו דיר בטחון.

פאַרשעם מיך נישט אויף דער וועלט, נאָר טו מיר דאָס צוליב,
כ'האָ'מיך דאָס אונטערגענומען. זע איך זאָל נישט פאַרלייגן דעם גרוב.
טו מײַן ווילן אויך צושטימען, ווײַל איך האָב צו דיר בטחון.

פ ר י נ צ ע ס י ן: אַך גאָט מײַן גאָט, ווער איזט דען היר? איזט דאַס אײַן מענש אָדער אײַן ענגעל?
ק ײַ ז ע ר: אַך גאָט מײַן גאָט, וואַס הער איך דאָרט? מײַן טאָכטער רעדעט שאָן? מײַן קינד, וואַס איז דיר? איזט דיר שאָן בעסער?
פ ר י נ צ ע ס י ן: פאַטער, ווער וואַר דאַ? אײַן מענש אָדער אײַן ענגעל?
ק ײַ ז ע ר: ניין, מײַן קינד, עס וואַר קיין ענגעל, דאַס וואַר דער ראַבינער וואַס ער האַט אונז אײַנע שטולע געמאַכט. יעצט האַט ער אײַנע גאָטעסדינסט געמאַכט אונד האַט דיך גערעטעט. ראַבינער, איך ווערדע דיך שאָן אײַן אַנדערסמאַל בעלאָנען. איך ווערדע מיך בעראַטן מיט מײַן געערטן מיניסטער ראָמאַן.

III

ק ײַ ז ע ר: ראָמאַן! שאַו, וואַס פיר אײַן מענש דאַס איזט? צוערסט האַט ער מיר אײַנע שטולע געמאַכט, האַב איך אים מײַן זיגלרינג וועקגעגעבן. יעצט האַט ער אײַן גאָטעסדינסט געמאַכט אונד האַט מײַן טאָכטער גערעטעט. יעצט ראַטע מיך, וואָס פיר אײַן בעלאָנונג איך זאָל אים יעצט געבן.
ר אָ מ אַ ן: וואַס? (אויפגערעגט) זאָ אײַנעם שמוציגען יודן וואָלן זי נאָך בעלאָנען? שאַוען זי, וואַס ער האַט געמאַכט? ער האַט אײַער זיגלרינג צו דער ערד געשמיסן אונד אינען זאָ אײַנע שאַנד געבראַכט. וואָלן זי אים נאָך בעלאָנען?
ק ײַ ז ע ר: וואַס זע איך דאָ? וואַס איזט דאַס? מײַן זיגלרינג? וואָ האַסטו אים גענאָמען?
ר אָ מ אַ ן: ער האַט אים וועקגעשמיסן און איך האַב אים געפונדן.
ק ײַ ז ע ר: לויפער! לויף געשווינד צום ראַבינער, זאַג אים, ער זאָל שנעל הערקאָמען אונד דעם זיגלרינג זאָל ער מיטברענגען.
ל ו י פ ע ר: גוטן אָוונט, רבי! דער קײַזער האַט געזאָגט, איר זאָלט שוין קומען און דעם זיגלרינג מיטברענגען.

רבי: וואָס עפּעס נײַעס געשען?

לויפער: איך ווייס נישט, קומטס שוין!

רבי: גיי, מײַן קינד, זאָג אים, אַז איך וועל באַלד קומען.

לויפער: ניין, רבי, קומטס אַליין און זאָגטס אַליין דעם תירוץ.

רבי: מילא, איך וועל גיין. גוט נאָוונט!

קייזער: זאָג מיר נאָר, ראַבינער! דעם זיגלרינג האָסטו מיטגעברינגט?

רבי: ניין, זײַנע מאַיעסטעט! מײַן פרוי איז אין דער שטאָט געגאַנגען אונד זי האָט אים ערגעץ בידערגעלעגט. זי ווירד קאָמען, ווערדע איך אים ברינגען.

קייזער: וואָס זשעניִרסטו דיך ניכט מײַן רינג אַם פינגער צו טראָגן. שאָ, וואָס דו האָסט געמאַכט? דו האָסט אים וועקגעשמיסן. מײַן געערטער מיניסטער ראָמאַן האָט אים געפונדן. איך ווערדע דיך אינס טורמע זעצן אונד ווירסט דאָרט קראַפּירן ווי אײַן הונט. ראָמאַן, זאָגאָרט אינס טורם זעצן, אונד דו לויפער פערלאָס אויך מײַן האַוס.

לויפער: וואַרט, ווירסט מיך נאָך צוריקבעטן.

---

(דער רבי זיצט אין טורעם און זאָגט ווידוי)

רבי (זינגט): אין אַ ווילדן אָרט פון דערנער אַ סך, דאָ שטייט דער הויכער ציון.
דאָ שטיי איך דאָ אין אַ ווילדעניס אַליין.
קיין מענטש זע איך פאַר מיר נישט, עלנט בין איך אַזוי ווי אַ שטיין.
קיין מענטש זע איך פאַר מיר נישט דאָ,
נאָענט איז שוין דער גליקלעכער טאָג פון איר גאָלדענער צײַט.

כאָר: מיר זינגען לידער, פריילעכע לידער אויף דײַן צווײַגעלע,
גאָטס שליח וועט דיך פירן גיך אַהיים, אָי, גרשעלע!

דבורה (זינגט): גרשון, הער אויף צו וויינען און צו קלאָגן,
ווײַל דײַן גליק איז שוין נישט ווײַט פון דײַן גאָלדענער צײַט.

כאָר: מיר זינגען ווידער פריילעכע לידער אויף דײַן צווײַגעלע,
גאָטס שליח וועט דיך פירן גיך אַהיים, גרשעלע!

רבי (זאָגט): בעפאָר מײַן לעצטן גאַנג, וועל איך נאָך ווידוי אָפּזאָגן.
(זינגט) פאַרנעם שוין, גאָטעניו, מײַן יאָמער־געזאַנג,
בעפאָר איך גיי מײַן לעצטן גאַנג.
למוחל עוונות בדין
:| סלח לנו! |:
:| מחל לנו! |:
כפר לנו!
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר (3 מאָל).
אוי וויי איז מיר, פאַרנעם שוין, גאָטעניו, מײַן יאָמער־געבעט,
בעפאָר איך זאָג מײַן על־חטא.
למוחל עוונות בדין, אוי וויי איז מיר!
:| סלח לנו! |:
מחל לנו! כפר לנו!



אדם יסודו מעפר (דרײַ מאָל)
וסופו לעפר, אוי וויי איז מיר!
אשמנו, בגדנו, גזלנו, דברנו דופי, העווינו, והרשענו, חמסנו,
טפלנו שקר, יָעַצנו רע, כזבנו, נאצנו, תעינו, תתענו.

דבורה: אַך גאָט, מײַן גאָט! וואָס הער איך דאָרט? מײַן מאַן האָט שוין די ווידוי אָפּגעזאָגט. גרשון, גרשון, וואָס טוסטו עפּעס דאָרט? ווי אַזוי לעבסטו עפּעס דאָרט?

רבי: דבורהלע, דו ביסט עס? גוט, וואָס דו ביסט דאָ! פאַר מיר איז נאָך דאָ איין רעטונג. גיב דער פּרינצעסין דאָס בריוועלע. איך האָב פאַר איר געבעטן, און זי וועט אפשר פאַר מיר בעטן, און אפשר וועל איך קענען פון דאַנעט אַרויסקומען.

פּרינצעסין (זינגט):
אַך גרויסער קייזער אונד הער,
איך פאַרלאַנג פאָן אינען אײַן באַגער.
אָרימער רעטער זיצט אין קרימינאַל,
און איך בין געקומען אַלס בעטער:
נעמטס מיר אים פון דאָרט אַרויס!
ער זאָל ווערן פון דאָרטן לאָס.

קייזער: אַך נײַן, מײַן קינד! דאַס קאָן איך נישט מאַכן, וואָרום פערראָטן האָט ער מיך. ער האָט מײַן רינג צו דער ערד געשמיסן אונד האָט יאָ מיך צו אײַן שאַנד געבראַכט. נײַן, מײַן קינד, דאַס קאָן ניכט זײַן. קראַפּירן מוז ער, ווי אײַן הונט.

פּרינצעסין: אַך ליבער פאַטער! איך בעט דיך זייער, מאַך מיר די געפעליקייט. זאָ אײַן מענש זאָל אינס קערקער זיצן, נײַן! נײַן! נײַן!
דאַס קאָן ניכט זײַן!
נעמט מיר אים פאָן דאָרט אַרויס,
ער זאָל ווערן פון דאָרט לאָס.

קייזער (אויפגערעגט): נײַן, מײַן קינד, דאַס קאָן איך ניכט מאַכן. שאַ, דאַס דו ווײַטער קאָמסט! ער האָט מײַן רינג צו דער ערד געשמיסן אונד מיך צו אײַן שאַנד געבראַכט. קראַפּירן מוז ער דאָרט, ווי אײַן הונט.

דבורהלע: גרשון, גרשון! איך האָב דאָס בריוול איבערגעגעבן, און דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן.

רבי: נו, דבורהלע! פאַר מיר איז דאָ איין רעטונג. דאָ אונטן אין די גרעזעלעך איז דאָ אַ ווערימל, און דו וועסט עס אָנשמירן מיט פּוטער, וועסט אָנבינדן אַ פאָדים, וועסט עס לאָזן גיין גלײַך אַרויף. און אַז דער פאָדים וועט שוין זײַן גאַנץ אויבן, זאָלסטו אָנבינדן אַ שפּאַגאַט. אַז דער שפּאַגאַט וועט שוין זײַן אויבן, וועסטו אָנבינדן אַ גראָבן שטריק און איך וועל מיר דאָ אויסלעכטן אַ שטריק־לייטער; און מאָרגן וועסטו קומען מיט מילקעלען, מיר ברענגען עסן. זי וועט אַרויפברענגען עסן און איך וועל אַראָפּגיין עסן, און איך וועל מיך אַראָפּגיין וואַשן און זי וועט דאָרטן בלײַבן, און אונדז 'ע'מיר גיין אַהיים.

---

דבורה: זאָג מיר נאָר, מילקעלע! דו ווילסט אפילו נישט וויסן, וואָס אונדזער מאַן טוט דאָרט?

מילקעלע: פאַר וואָס וויל איך נישט וויסן? מאָרגן וועלן מיר גיין!

דבורה: נו, און הײַנט ווילסטו נישט גיין?

מילקעלע: ניין, הײַנט האָב איך נישט קיין צײַט, איך דאַרף ערגעץ צוגיין.

---

מילקעלע (גייט צו ראָמאַן): גוטן אָוונט! (ראָמאַן ענטפֿערט נישט) גוטן אָוונט!

ראָמאַן: וואָס ווילן די שמוציגען יודן פֿאָן מיר? ווער ביסטו? איך לאָס דיך גלײַך אַרעסטירן! איך בין דאָך אַ פֿאַרהייראַטער מאַן. איך האָב דאָך אַ מײַנע פֿראַו מיט דרײַ קינדער.

מילקעלע: אַך גאָט, מײַן גאָט! יעצט קאָנסטו מיך ניכט! צוערסט האָסטו בײַ מיר דעם רינג אויסגעכאַפּט, האָסט מיר ליבע געשוווירן, יעצט האָסטו אײַנע פֿרוי מיט דרײַ קינדער!

ראָמאַן: דו פֿערפֿלוכטע הונדסקערל! דער טײַפֿל זאָל דיך האָלן!

---

דבורהלע: נו, מילקע! איצט איז שוין צײַט צו גיין. (זיי גייען צו גרשונען) גרשון! גרשון!

רבי: ווער איז דאָרט? דו ביסט עס, דבורה?

דבורהלע: יאָ, איך מיט מילקען (מילקע גייט אַרויף; גרשון גייט אַראָפּ).

רבי: אַצינד, דבורהלע, מוז' מיר פֿון דאַנעט אַוועקגיין און לויפֿן, ווײַל אַניט, קען אונדז נאָך עפּעס פּאַסירן.

---

מנחם: אױ ווײַ! ווו זאָל איך גיין, ווו זאָל איך שטיין, ווו זאָל איך לויפֿן? איך האָב שוין מײַן טאָכטער דרײַ טאָג ניש' געזען. 'ם רבין האָב איך געזען, און די טאָכטער ווײס איך נישט. אדוני שאָיני למלך! 'ם רבין האָב איך געזען און די טאָכטער ווײס איך נישט.

קײַזער: וואָס וויל דער שמוציגער יודע? איך פֿאַרשטיי אים ניכט!

ראָמאַן: זײַנע מאַיעסטעט! איך ווײס שאָן, וואָס ער זאָגט! דאָס דעם ראַבינער האָט ער געזען אונד זײַנע טאָכטער ווײס ער ניכט.

קײַזער: קאָם, ראָמאַן! ווערדן וויר גיין אַנשאַוען, וואָס דער ראַבינער מאַכט דאָרט. אַך גאָט, מײַן גאָט! זע, איך האָב דאָרט אײַנען מאַן אַרעסטירט, יעצט זיצט אײַנע פֿראַו! ראָמאַן! זאָפֿאָרט זאָלסטו מיר די גאַנצע וואַרהייט דערציילן, וואָס עס איזט געשען מיט איר!

ראָמאַן: יאָ, זײַנע מאַיעסטעט! זי וואַר די ערסטע פֿאַרעטערין אונד איך וואַר דער צווייטער פֿאַרעטער. יעצט זע איך, דאָס ער אײַן גאָטעסמאַן איזט. ווען איך זאָלט אים טרעפֿן, העט איך אים די פֿיסע געוואַשן אונד דאָס וואַסער געטרונקען.

קײַזער: לויפֿער! לויף געשווינד, אונד זוך אַרויס דעם ראַבינער, אונד זאָג אים, ער זאָל שנעל הערקאָמען.

לויפֿער: אַהאַ, איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו וועסט מיך צוריקבעטן.

---

לויפֿער: רבי, קומטס! דער קײַזער רופֿט אײַך!

---

רבי: גוטן טאָג, זײַנע מאַיעסטעט! וואָס איזט פֿריש נײַעס געשען?

קײַזער: יאָ, ראַבינער, יעצט זע איך, דאָס דו ביסט אײַן גאָטעסמאַן. האָסטו מײַן זיגל-רינג אונד קאָנסט הערשן איבער מײַן גאַנצן לאַנד, איבער גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּל, אונד מיט דעם מיניסטער קאָנסטו מאַכן, וואָס דו ווילסט.



רבי: גאָט זאָל אים צאָלן!

(זינגט)

אַ חרם וועל איך לאָזן שרײַבן,
אַז מען קען קיין צוויי ווײַבער נישט נעמען.
און אַזוי זאָל עס טאַקע פֿאַרבלײַבן,
און אויף דער גאַנצער וועלט זאָל עס שמען.

אין אַלע הייליקע ספֿרים וועל איך עס לאָזן שרײַבן,
מײַן נאָמען זאָל ווערן ערקענט,
און אַזוי זאָל עס טאַקע פֿאַרבלײַבן,
און אויף דער גאַנצער וועלט זאָל עס שמען.

אינוו' נומ' 40.956 (קאָלאָמיי, סטאַניסלאַווער ח')

## 11

## די אײַנגעמויערטע פֿרוי

פּערזאָנען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אונטערנעמער, | זײַן פֿרוי, | דרײַ מויערער, | יאַקוב שיכור |
| ציגײַנער, | ציגײַנערינס, | בירגערמײַסטער. | |

מען זינגט די מעלאָדיע פֿון „ווי לוסטיג זינד וויר מאַורער“

אונטערנעמער: בלײַבט רויק, מײַנע הערן. זאָ וואָס איזט נאָך ניכט געהערט אונד ניכט געשען, וואָס אין דער געגנט רומעניען האָט פּאַסירט. אײַנע בריקע האָט מאַן אויפֿגעשטעלט, איזט זי 300 יאָרע געשטאַנען. יעצט האָט מאַן שאָן די פֿירטע בריקע אויפֿגעשטעלט, אונד זי האָט ניכט דרײַ מינוטן עקסיסטירט. אָבער איך אַלס אונטערנעמער האָבע איך מיך אונטערצאָגן אײַנע בריקע צופֿצושטעלן. איך האָב שאָן מײַן גאַנצעס פֿאַרמעגן פֿאַרבראַכט, אונד זי האָט אַוך ניכט עקסיסטירט.

1טער מויערער: שאַט, לאָזט אײַך נישט צו קיין שמערץ,
פֿאַרגרינגערט אײַך אײַער הערץ.

כאָר (אַלע מויערער): מיר קענען נישט פֿאַרטראָגן
דאָס וויינען און דאָס קלאָגן.
דאָס גרויסע אומגליק טוט אונדז נאָכיאָגן,
נאָר געדולד זאָל זײַן!

2טער מויערער: אומגליקן גיבט עס זייער פֿיל,
פֿאַרשפּילט האָט איר אײַער ציל.

כאָר זינגט דאָס זעלבע, וואָס פֿריער.

(אונטערנעמער טרעט אָפּ).

1טער מויערער: וויר, מויער-לײַטע, וויר בראַוכן ניכט שאַוען, וואָס דער הער אונטערנעמער זאָ בעטריבט איזט. וויר ווערדן זיך אַ ביסל אונטערהאַלטן.

כאָר זינגט די מעלאָדיע פֿון „ווי לוסטיג זינד וויר מאַורער“

1טער מויערער: ווי לוסטיג זינד וויר מויערער, אַז דער ווינטער נור פאַרגייט,
די אַרבייט גייט שאָן צו פיל מער אונד איעדער איז אויפגעלייגט.
2טער מויערער: ווי פלײַסיג ווירד געאַרבייט, עס גייט שוין צו פיל מער האַנט,
אונד מויערער אויף איין בריקע איזט גאַר איין קליינע שאַנד.
1טער מויערער: די ערסטע בריקע האָבן וויר אויפגעשטעלט,
זי וואַר ניר צום בעדענקען.
דעם הערן אונטערנעמער איז זי ניכט געפאַלן,
האַט ער זיך געטון ערטרענקען.
2טער מויערער: די צווייטע בריקע האָבן וויר אַופגעשטעלט,
זי וואַר גאַר איין פּראַכט.
וויר וואָלן די בריקע איבערגעבן,
האַט זי באַלד געקראַכט.
3טער מויערער: די דריטע בריקע האַט מאַן אַופגעשטעלט,
זי וואַר גאַר איין שרעק,
וויר וואָלן די בריקע איבערגעבן,
אַדיע, די בריקע איז וועק!
1טער מויערער: רויק, מײַנע הערן, דער הער בירגערמײַסטער גייט!
(דער בירגערמײַסטער קומט אַרײַן)
בירגערמײַסטער: גוטן טאַג, מיינע הערן!
אַלע מויערער: גוטן טאַג, הער בירגערמײַסטער!
בירגערמ׳: וואָ איזט דער הער אונטערנעמער?
1טער מויערער: איך לאַס אים גלײַך רופן. הער אונטערנעמער, דער הער בירגער־מײַסטער רופט זי! (אונטערנעמער קומט אַרײַן).
אונטערנעמער: גוטן טאַג, הער בירגערמײַסטער!
בירגערמײַסטער: גוטן טאַג, הער אונטערנעמער! איך האַב געהערט, דאַס זי האַבן אײַן גראָסן שאַדן געהאַבט.
אונטערנעמער: אַך, איין שאַדן פאָן איין מיליאָן גולדן.
בירגערמ׳: הער אונטערנעמער, וואַס ווערדן זי יעצט מאַכן?
אונטערנעמער: הער בירגערמײַסטער, ראַטן זי מיך, וואַס איך צו מאַכן האַבע?
בירגערמ׳: איך, אַלס בירגערמײַסטער, קאָן אינען ניכטס ראַטן, וואַס זי צו מאַכן האַבן. זי האַבן פיל בעליבטע אַרבעטער, זי זאָלן אינען ראַטן, וואַס זי צו מאַכן האַבן. אַדיע! (בירגערמײַסטער גייט אַוועק).
אונטערנ׳: (צו די מויערער): אַך גאָט! אַרבייטער, ערבאַרמט זיך איבער מיר אונד ראַטן זי מיך, וואַס איך צו מאַכן האַבע. זאָל איך מיך דען אינס וואַסער ערטרענקען? וואַס ווירד מײַן ענדע זײַן? שוין זי מאַל אָן, איך האַב מיך געפּלאַגט אונד בין געקאָמען פאָן אונגאַרן נאַך רומעניען, וועגן וואַס? איך זאָל עטוואַס פּראָפיטירן. איך האַב שאָן מײַן גאַנצעס פאַרמעגן פערבראַכט אונד מײַן קינד וואַס איך האַב געפּלאַגט אונד דאַהיר געבראַכט.
1טער מויערער: הער אונטערנעמער! איך ווערדע אינען ראַטן, וואַס זי צו מאַכן האַבן. בײַ אונדז אין דיזן געגנט אין רומעניען איז אײַן געפערליכער קאָמערזער, ער וועט אינען ראַטן, וואַס זי צו מאַכן האַבן.
אונטערנ׳: וואָ איזט ער?



1טער מויערער: איך לאַס אים גלײַך רופן. מאָי ציהאַנע, כאָדיט נאָ סיודאַ!
(די ציגײַנער גייען אַרײַן).
אַלע ציגײַנער (זינגען): Czyżdi, czażdi dina rok heila baba hej
ציגײַנער (צו דער ציגײַנערין): A czego tego co baba hej?
ציגײַנערין: A de im farmatura la baba czyżdi czażdi dina rok
אונטערנ׳ (צום מויערער): וואָס פיר אײַנע שפּראַכע איז דאַס?
1טער מויערער: דאַס איזט ציגײַנעריש, אָבער זי קאַנען אַון רוסיש.
אונטערנ׳ (צום ציגײַנער): Rozumijete po rusku?
ציגײַנער: Rozumijemo
אונטערנ׳: Me czuły szczo wy dobre dużo wydmiku. Ja was proszu, ja wam fajno zapłaczu, abyste mene radiły, szczo ja maju roboty. Uże czetwertej mist szo my postąwyły, taj nema niczo a szczoż by to było?
ציגײַנער: Czekajte, zaraz wam skażu
(צו דער ציגײַנערין:) Żinku, sidajmo no do roboty
(אַלע ציגײַנער זעצן זיך אויף דער ערד און וואַרפן קאָרטן. די ציגײַנערין מאַכט צויבערישע מינעס און דער ציגײַנער קוקט דורך אַ שפּאַקטיוו אויף די שטערן).
ציגײַנער (זינגען): Oj tieżko moje serce, taj ne znaju szczo,
Hej do roboty, hej do roboty, hej.
(ציגײַנער מאַכן ווײַטער צויבערישע מינעס און דער ציגײַנער שטעלט זיך אויף און זאָגט)
ציגײַנער: Moje państwo, wiem, znaju, to tak, tut mist ne bude stojaty
אונטערנ׳ (שפּרינגט אויף): Czomu?
ציגײַנער: Bo meży wamy je odna żinka, szo ona najostatsza na sim switi. Musite ji łapaty, taj z fendementom zamuruwaty. Ależ ne znajete kotra? To tak bude: zautra o dwanajciatij hodyne, kotra żynka prijde persza ż obidem, musyte ji łapaty taj z fendementom zamuruwaty.
(ציגײַנער גייען אַוועק, אונטערנעמער מיט די אַרבעטער טרינקען בראָנפן)
אונטערנ׳ (שפּרינגט אויף): מײַנע הערן, היר ווירד קײַנע בריקע ניכט עקסיסטירן.
אַלע מויערער: וואַרום?
אונטערנ׳: ווײַל צווישן אונדז גיבט עס אײַנע פראַו, וואָס זי די נײַזינדיקסטע אַוף דער וועלט איזט. בראַוך מאַן זי פאַקן אונד אין דעם פונדאַמענט אײַנמויערן. אָבער וויר קענען ניכט וויסן וועלכע, ווערדן וויר דאָ אָפּמאַכן: וועלכע פרוי מאָרגן אום צוועלף אור צוערסט מיט דעם מיטאַג קאָמט, זאָ׳ מיר זי פאַקן אונד לעבענדיק אין דען פונדאַמענט אײַנמויערן. שליסן וויר דאַרויף קאָנטראַקט אונד מאַכן וויר אײַן ווײַן אונד דער הער בירגערמײַסטער ווירד אונטערפערטיקן.
(טרינקען און שרײַבן זיך אונטער און מען גיט יאַקובן דעם קאָנטראַקט)
אונטערנ׳: מײַנע הערן, מיטאַג־שטונדע!
(דער אונטערנעמער לייגט זיך שלאָפן [ער שטעלט זיך אין אַ ווינקל] און די מוי־ערער זעצן זיך אויף די ציגל און עסן)
1טער מויערער: אַך גאָט! פרײַנדע, בעדענקט זיך איינמאַל, וואָס פיר שרעקליכן קאָנטראַקט וויר היטע האָבן געמאַכט. בעזאָנפן וואַרן וויר אונד דום וואַרן וויר.

-88-



וויפיל יאָרן אונד צייטן עס גייט וועק, ביז מען ענטשליסט זיך צו אײנער פרוי, ער זאָל זי הייראַטן, אונד יעצט זאָל ער זי זאָ לייכט פאַרלירן. אַך, ווי טראַוריק איזט דאָס!

אַלע אַרבעטער: טראַוריק! טראַוריק!

1טער מויערער: איך בין אײן פאַטער פאָן דריי קינדער, פילייכט קאָן עס מיר פּאַסירן.
דיזער פריינד איזט אײן פאַטער פאָן פיר קינדער, פילייכט קאָן עס אים פּאַסירן.
און דיזער הער איזט אײן פאַטער פאָן פינף קינדער, פילייכט קאָן עס אים פּאַסירן.
אַך ווי טראַוריק איזט דאָס!

אַלע מויערער: טראַוריק! טראַוריק!

1טער מויערער: נור וויסן זי וואָס, מיינע פריינדע, וואָס עס איז מיר יעצט איינגע־פאַלן? ביטע, נור אויפצושטיין, דער הער אונטערנעמער שלאָפט, ער ווייסט פאָן גאַרניכטס, די פרוי ווייסט געוויס אַוך פאָן גאַרניכטס. וויר זאָלן בעריכטן צו אונ־דזערן פרויען, דאָס הײַטע גיבט קיין מיטאָג אונד דעם הערן אונטערנעמערס פרוי ווירד געוויס קאָמען, ווערדן וויר זי פּאַקן אונד לעבענדיק אײנמויערן אין דער בריקע. יאַקוב, לאַוף שנעל אונד בעריכטע אונדזערן פרויען, דאָס הײַטע גיבט קיין מיטאָג.

(יאַקוב לויפט אַרויס. אין אַ פּאָר מינוט קומט ער אַרײַן)

יאַקוב: שאָן בעריכטעט.

1טער מויערער: פאַרשטעקן זי זיך, מײַנע פריינדע! די פראַו גייט.

(אַלע באַהאַלטן זיך. די פרוי קומט אַרײַן)

פרוי (זינגט):
שטיי נאָר אויף, מײַן מאַן,
מײַן ליבער און געטרײַער מאַן!
כ׳האָב דיר געבראַכט דײַן מיטאָג
אונד אײַן פלאַש ווײַן.
שטיי נאָר אויף, מײַן מאַן,
גיך אונד געשווינד!
כ׳האָב דיר געבראַכט אײַן גרוס
כאָן דײַן אייגאייגציק קינד.

אונטערנ׳: אַך גאָט, מײַן גאָט! דו ביסט די אומגליקליכסטע! שנעל וועק פאָן הירן!
(ער ווערט אַנטשלאָפן)

פרוי:
ניין, איך טרעט דיך ניט אָפּ, מײַן מאַן!
מײַן ליבער און געטרײַער מאַן!
עס נאָר אָפּ דײַן מיטאָג
און טרינק אויס דײַן ווײַן.
דאַן גיי איך אַוועק זאָ גלײַך פאָן דיר,
דאַן ביסטו שאָן לאָז פאָן מיר.

(זי גייט אַרויס. די מויערער כאַפּן זי)

מויערער: האַלט, פרוי, זי ווערן אײַנגעמויערט!

פרוי: אַך גאָט, מײַן גאָט! זי ערקענען מיך ניכט, דאָס איך דעם הערן אונטערנעמערס פרוי בין?

מויערער: ניין, הײַטע ערקענען וויר נימאַנדן! הײַטע האָבן וויר זאָ אײַן שרעקליכן



קאָנטראַקט געמאַכט, דאָס וועלכע פרוי צום ערסטן מיט דעם מיטאָג קאָמט, ווירד זי געפּאַקט אונד לעבענדיק אין דער בריקע אײַנגעמויערט.

פרוי: אַך גאָט, מײַן גאָט! זי ערקענען מיך ניכט?

מויערער: ניין, הײַטע ערקענען וויר נימאַנדן!

1טער מויערער: Hej chłopci, cehłu, wapno, wodu, zamurujte żjewno!

(זי ווערט אײַנגעמויערט)

פרוי (זינגט):
אײַ געוואַלד! וואָס טוט זיך מיט מיר דאָ אַצינדן?
לאָזט מיך אָפּ! איך בין אַ מאַמע פון אייגאייגציק קינד.
איר ווילט מיך גאָרנישט באַדויערן.
אַ נויט־שווייס טוט אויף מיר שלאָגן,
איר ווילט מיך דאָ אײַנמויערן.
מײַן קינד וועט נאָך מיר אייביק קלאָגן און טרויערן.

אוי געוואַלד! לאָזט מיך צו מיר אַהיים!
איך שווער אײַך צו, איך קום צו אײַך צוריק צו גיין.
איך וויל נאָר מײַן קינד עפּעס זאָגן,
אַנישט מעגט איר מיך אויף טויט דערשלאָגן.
מײַן האַרץ טוט מיך נאָך אים ברענען.
אַנישט, ברענגט עס אַהער, וועט איר זען,
צי ס׳וועט מיך פאַר בלאַסקייט נישט דערקענען.

1טער מויערער: יאַקוב, לויף שנעל אונד ברינג דאָס קינד, דאַמיט דער פרוי דאָס געפעליקייט צו מאַכן.

יאַקוב (קומט, טראָגנדיק דאָס קינד): אַ, אַ, אַ,
נישט אויפשטיין שוין דאַ.

פרוי: אוי געוואַלד, וועמען טראָגט מען צו מיר אַהער? מײַן קינד, מײַן אייגאייגציק קינד, אַך מײַן טײַער ליובקאָלע, זע נאָר, וואָס ע׳ טוט זיך מיט דײַן מאַמען. אַצינד, אַרבעט שוין פלײַסיק צר,ם מיר און מאַכט שוין פון מיר אַן עק.

כאָר (די מויערער):
דער קאָנטראַקט איז געשלאָסן,
נימאַנד פאַרדראָסן.
אַרבײַט נאָר פלײַסיק, אַרבײַט!
דער קאָנטראַקט איז געשריבן,
זאָיואַס פאַרבליבן,
אַרבײַט נאָר פלײַסיק, אַרבײַט!

יאַקוב: וואָסערע פאַרטראַסקעניש איז דאָ געווען? ווו איז דער מאַכאַדוס?

מויערער: ער שלאָפט.

יאַקוב: אוי דו מאַכאַדוס! דו שלאָפסט! דײַן מאַכאַדוסטע שטייט שוין סטאָפּאָם! מאַכאַ־דוס! מאַכאַדוס! שטיי שוין אויף! דײַן מאַכאַדוסטע שטייט שוין סטאָפּאָם!

(זינגט:)
שטייט נאָר אויף, איר אומגליקלעכער מענטש, וואָס איר זענט.
איר ליגט נאָך און שלאָפט און געניסט נאָך אַ לוסטיקע שעה.
שטייט נאָר אויף! ווײַל אײַער פרוי איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ.

(אונטערנעמער כאַפּט זיך אויף)

אונטערנ׳: אַך גאָט, מײַן גאָט! מיך האָט דאָס אומגליק פּאַסירט! מײַן פרוי וואָר די נײַזינדיקסטע (גייט צו צו דער בריק און זינגט:)

אוי! אָדאָ ליגט שוין מײַן פרוי טויט!
כ׳האָמיך גאָרנישט געריכט, אַז ס׳וועט אויף מיר פאַלן די נויט.
הײַנט ענטפערסט מיר, וואָס זאָל איך טון? ווי עלנט איך בין געבליבן אַצינד!
וואָס וועט געבעך טון מײַן אײנאײנציק קינד?

כאָר זינגט די מעלאָדיע

אונטערנ׳: אָי גאָט, אָי גאָט! וואָס האָסטו מיך געטון אַזוי שטראָפן,
וואָס גראַדע אויף דעם אומגליק האָב איך מיך געטון פאַרשלאָפן.
איך וואָלט פאַר איר דעם קאָפּ געווען געגעבן,
טרײַ איז זי מיר געווען. — וואָס טויג מיר שוין מײַן לעבן!
צו וועמען וועל איך שוין אַהיים גיין?

כאָר זינגט די מעלאָדיע

איך וועל נאָך איר אייביק קלאָגן.
וואָס פאַר אַ תּירוץ וועל איך דער דינסטמויד זאָגן,
אַז זי וועט מיך פרעגן: הער, ווו איז דײַן פרוי?
וואָס ענטפערט מען איר אַציגד?
די ווייטיק איז מיר זאָ־ווי־זאָ נאָר דורך מײַן אײנאײנציק קינד.
קיין פאַרמעגן וועל איך שוין נישט באַדאַרפן,
ליבער וועל איך מיך אין וואַסער אַרײַנוואַרפן.
אַדיע! אַדיע! איך געזעגן מיך מיט אײַך אַציגד!
באָר איין זאַך בעט איך אײַך אָן—
גיט נאָר אַכטונג אויף מײַן אײנאײנציק קינד!
אַדיע! אַדיע! אַן עק! (טרינקט זיך).

כאָר: לאָזט אײַך קיין שמערצן נישט צו,
פאַרגעסטס אין דער גאַנצער זאַך!
דער קליגסטער פון אַלע ביסטו!
דעם קאָנטראַקט האָסטו אַליין געמאַכט!

יאַקוב (זינגט): דאָס וועט מײַן בעסטע עצה זײַן. (כאָר זינגט אַ מעלאָדיע)
מיר זאָ׳מיר טרינקען צו ביסלעך ווײַן. (כאָר)
די עצה איז געווען און וועט זײַן אַזוי גוט. (כאָר)
אַז דער מאַכאַדוס איז דערשטיקט געוואָרן,
די מאַכאַדוסטע שטייט סטאָפּאָם. (כאָר)
איך יאַקוב, דער משרת,
אָן טרינקען בראָנפן טויג איך אויף כּפּרות.
איך לייג מיך שלאָפן און שלאָף געשמאַק.
מײַן קריאת־שמע־לייענען איז נאָר דער קנאַק. (כאָר)
אַברהם האָט אויך פּײַנד געהאַט די משקה,
ער פלעגט זי סעפּן אויס דער פלאַשקע.
נאָר לוט שיכּור איז אַרײַן אין דער ערד,
ווײַל די משקה האָט נישט געהאַט קיין ווערט.
די הײַנטיקע מיידעלעך זענען נאָר נאַראָנים,




זיי נעמען פּודער און פליאַסקען זיך דאָס פּנים.
נאָר איך, יאַקוב, טו גאַנץ גוט,
איך פליאַסקע מיר דאָס פּנים מיט אָקעוויט. (כאָר)
כ׳האָב געהערט הכמים ריידן,
איך האָב געהערט הכמים ריידן,
אַז אין גן־עדן איז זייער גוט,
דורך חסידימלעך און פעטע מיידן
פלאַטשקען מיר זיך אַלע אין אָקעוויט. (כאָר)
אָי דו לבנה! וואָס שטייסטו אין דער קרים?
דו ביסט פריילעך, וואָס זשע פאַל איך אום?
מיר גייי מיר ביידע שריט בײַ שריט,
מיר טרינק׳ מיר ביידע פון דעם אָקעוויט. (כאָר)
אָי דו שטערן! וואָס ביסטו אַזוי הויך?
אַז איך קוק אויף דיר אַרויף, פאַלט אויף מיר אַראָפּ דער מוח.
מיר גייי מיר ביידע שריט בײַ שריט,
מיר טרינק׳ מיר ביידע אָקעוויט. (כאָר)
איך, יאַקוב, בין מיך מחיה, ס׳האָט זיך געמאַכט דורך מיר אײנגאַנצן.
פילטס מיר אָן מײַן פלעשל, וועל איך אַ ביסל טאַנצן. (כאָר)
(יאַקוב טאַנצט, די ציגײַנער כאַפּן זיך אויף און אַלץ טאַנצט און זינגט)

Hej to rado, szo ja dau,
Hej to dobra buła,
A teperka wsio propau,
potańciujmy liude.

(קאָלאָמיי, סטאַניסלאַווער ח׳) אינוו׳ נומ׳ 50.153

## 14

### חסיד־דײַטש־שפּיל

דער עולם איז פֿאַרזאַמלט בײַם רב. עס קומט אַרײַן אַ בחור פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ משמש, קושט פֿרום די מזוזה און פֿרעגט: הֲיֵשׁ כָּאן מָקוֹם לָרַבִּין? עס ענטפֿערט װער: יֵשׁ. דער משמש פֿרעגט װײַטער: אֵיזֶהוּ? מ׳װײַזט אים אַן אָרט בײַם טיש, דער משמש גײט אַרױס און קומט באַלד צוריק אַרײַן און ברענגט צו פֿירן אַ רבי מיט אַ מנין חסידים, װאָס שלעפּן זיך אים נאָך. צום סוף קומט אַרײַן אַ „דײַטש" מיט אַ גרױסן צילינדער אױפֿן קאָפּ, מיט אַ סיגנעט אױפֿן האַנט. דער רבי זעצט זיך אױבנאָן, אַרום אים — די חסידים. דער דײַטש זעצט זיך בײַם עק טיש.

משמש (צום רבין): הרב יעשה קידוש.

חסידים (מיט אַ ראש־השנהדיקן ניגון): אױ! אױ! אױ! אױ! אױ! אױ, יעשה.

משמש (גיסט אָן אַ כּוס, שטעלט עס פֿאַרן רבין)

(דער רבי שטעלט זיך אױף, מיט אים אַלע חסידים, בלױז דער דײַטש בלײַבט זיצן)

דער רבי (מאַכט קידוש): יום הקשי ויכלו השמים.

חסידים (מיטן ראש־השנהדיקן ניגון): אָמ—ביין!

דער רבי: העמים מסברים כבודו.

חסידים: אָמ—ביין!

דער רבי: כבודו מלא עולם.
משרתיו שואלים זה לזה,
איה שרה אשתך.

חסידים: אָמ—ביין!

דער רבי) אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך,
ביתך ובשעריך.

חסידים: אָמ—ביין!

דער רבי: והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי אשר אנכי,
מצוה אתכם היום.

חסידים (מיט אַ זמר): היום תאמצנו,
הים תברכנו בשנה טובה ומתוקה.
יהי רצון שנהיה לראש (װײַזן אָן אױפֿן רבין)
ולא לזנב (װײַזן אָן אױפֿן דײַטש)

רבי: ברוך אתה מלך העולם

חסידים: ברוך הוא וברוך שמו.

רבי: שהכל ברא לכבודו.

חסידים: אָמ—ביין!

(דער רבי טרינקט פֿון קידוש, נאָך אים די חסידים. דער דײַטש װיל אױך טרינקען פֿון קידוש, הייסן אים די חסידים מאַכן אַ ברכה. דער דײַטש קען נישט, רײַסן זײ אים און צופּן פֿון אַלע זײַטן)

רבי (זאָגט תורה): פֿאַרװאָס מוז מען פּורים טרינקען פֿינף־און־נײַנציקערן װײַל „המן" באַטרעפֿט 95.



(דער עולם פֿאַלט פֿון דער „תורה" אַרײַן אין געװאַלדיקער התפעלות, נעמען זיך פֿאַר די הענט און הייבן אָן זינגען):

הײַנט, עולם, לאָמיר זען,
װאָספֿאַרע נסים אונדז איז געשען
אין אַחשװרושעס צײַטן,
װען מ׳האָט המנען געטון אַכטן,
האָט ער געװאָלט אַלע יידעלעך אױסשחטן.

(דער דײַטש אַפּנים פֿילט זיך פֿון דעם דאָזיקן ליד שטאַרק געטראָפֿן, שטעלט ער זיך אױף און ענטפֿערט):

קוקט נאָר אָן דעם חסיד מיט זײַנע לאַנגע פּאות,
מ׳מיינט, דאָס אַלץ איז אמת, דערװײַל איז עס בלױז גאות.

דער חסיד (לאָזט זיך אָבער נישט און ענטפֿערט):

קוקט נאָר אָן דעם דײַטש מיט דעם הויכן צילענדער,
מ׳מיינט ער איז אַ נגיד, דערװײַל איז׳ר פֿון מלך אביונס לענדער.

(דער דײַטש בלײַבט אים נישט שולדיק, און ס׳אַנטװיקלט זיך אַ װיכּוח)

דײַטש: קוקט נאָר אָן דעם חסיד מיט זײַנע מיאוסע פּגיעות,
מ׳מיינט, אַז ער קען לערנען, דערװײַל קען ער גאָר פֿיגעס.

חסיד: קוקט נאָר אָן דעם דײַטש, װי זײַן קראַגן גלאַנצט —
ס׳װייסט דאָך אָבער קיינער, װאָס פֿון הינטן טאַנצט.

דײַטש: קוקט נאָר אָן דעם חסיד מיט זײַנע ברייטע לאַטשן,
אַז מ׳רעדט אים נאָר איין װאָרט, איז׳ר שוין גרייט צו פּאַטשן.

חסיד: קוקט נאָר אָן דעם דײַטש מיט זײַן גאָלדענעם סיגנעט,
אַ פּאַפּיראָס אין שבת איז בײַ אים גאָרנישט קיין חטא.

דײַטש: קוקט נאָר אָן דעם חסיד, װי ער זאָגט יענעם מוסר,
און אַליין װייסט ער נישט קיין חילוק פֿון היתר ביז איסור.

חסיד: קוקט נאָר אָן דעם דײַטש מיט זײַן ברייטן שמועס,
לאָזער, זײַ נישט קיין בריגער, טו אים אָן אַ היטל מיט ריס...

(דאָ גייט צו איינער פֿון די חסידים, װעלכער גייט אַ היטל אָנגעשמירט מיט סאַזשע און באַשמירט מיטן היטל דעם דײַטש צורה... דערמיט ענדיקט זיך די שפּיל).

אינװ׳ נומ׳ 5.069 (לאָדזש)

## 15

### דער חסיד מיטן דײַטש

אין דער שפּיל נעמען אָנטייל דרײַ פּאַרשױנען: 1) אַ חסיד — גייט אָנגעטאָן אַ שטרײַמל מיט אַ בעקעשע, 2) דער דײַטש — גייט אָנגעטאָן אַ צילענדער מיט אַ פֿראַק און 3) דער פֿאָררעדנער, װאָס קומט אַרײַן מיט אַ שטעקן, אָנגעקלאַפּט מיט בלעכערנע פּליטערלעך און הייבט אָן צו קלאַפּן, דער עולם זאָל שטיל זײַן. דערנאָך זאָגט ער אַ פֿאָררעדע

פֿאָררעדנער: אַ גוטן פּורים און אַ גוטן אָװנט, יידישע קינדער!
איך װעל אײַך דערציילן גרויס װוּנדער:

איך האָב בנבואה געזען,
אַז עס וועט יידן גרויסע נסים געשען.
דאָך האָט אחשוורוש און המן, די צוויי אָרורים,
און כנגדם האָט הקדוש ברוך הוא באַשאַפֿן מרדכי און אסתּר—די צוויי צדיקים גמורים.
זיי האָבן זיך געפּײַניקט מיט תעניתים ויסורים,
ביז זיי האָבן אויס דעם געמאַכט אַ פּורים.
אַצינדערט, מײַנע ליבע לײַט,
אַז ס'איז יאָ אַזאַ גוטע צײַט,
איז צײַט צו הוליען און צו גוליען און געבראָטנס צו עסן,
כּדי מיר יידן זאָלן אין אַלע צרות פֿאַרגעסן.
(דער חסיד זעצט זיך אָדער שטעלט זיך אויפֿן טיש. ס'קומט אַרײַן דער דײַטש)

דײַטש: גוט נאַוונט!
חסיד: אין יענעם געוועלב איז דאָ לײַוונט.
דײַטש: גוט נאַוונט!
חסיד: גוט נאָוונט, גוט יאָר!
דײַטש: ווי אַזוי הייסן זי?
חסיד: יאָ זי איז דאָ, זי שיילט בולבעס אין קיך.
דײַטש: אָבער ווי אַזוי הייסט דו?
חסיד: וואָס גייט דיך אָן, ווי איך הייס, דו דײַטש משומד?
דײַטש: איך ברויך צו דיר.
חסיד: אַ בראָך צו דיר, דײַטש משומד!
דײַטש: ניין, איך דאַרף דיך האָבן.
חסיד: איך דאַרף דיך אויך האָבן.
דײַטש: אויף וואָס?
חסיד: אויף נײַן און נײַנציק כּפּרות.
דײַטש: איך האָב געלט צו דיר.
חסיד: געלט? גיב אַהער.
דײַטש: ווי אַזוי הייסטו?
חסיד: איך הייס חנניה פֿאַבריקע בן צמח מערלגרויפּן טאַלאַפּ הלוי, און גיב אַהער דאָס געלט.
דײַטש: טאַקע דיך זוך איך. דו געהערסט דאָך צו די לאַנדשטורעם?
דײַטש: וואָס? לאַנדשטריך מאַכט אַ בּרית? כ'גיי מיר שוין נעמען טלית און תּפֿילין.
דײַטש: ניין, צו מיליטער.
חסיד: וואָס? צו די מילטערס? כ'גיי נישט.
דײַטש: עס איז דאָך שלאַכט.
חסיד: ס'איז מיר אויך שלעכט, כ'האָ'נישט קיין פּרנסה.
דײַטש: מען שלאָגט זיך.
חסיד: אָ! ווער שלאָגט זיך?
דײַטש: פֿאָני מיט טערקײַ.
חסיד: פֿאָני איז נישט געווען מײַן זיידע און טערקײַ איז נישט געווען מײַן פֿעטער, לאָזן זיי זיך ביידע רײַסן בײַ די נעז.



דײַטש: אָבער זיי שטייען שמועל [שמאָל].
חסיד: אָ, ווי קומט ישמעאל אין דער מלחמה אַרײַן? ער איז דאָך אַברהמס זון!
דײַטש: קורץ, איך וועל דיך אַבריכטן. אַז איך וועל דיר זאָגן „האַבטאַך!" זאָלסטו שטיין גלײַך, דעם בויך אַרײַן און דאָס האַרץ אַרויס.
חסיד: יאָ, איך ווייס שוין. מיט דעם בויך אַרויס און מיט דעם האַרץ אַרײַן, מיט די פֿיס עאַרדרייט, מיט דעם קאָפּ פֿאַרלייגט—איך זאָל אַזוי וויסן פֿון דיר, צי איך ווייס וואָס דו זאָגסט.
דײַטש: האַבטאַך!
חסיד: האַלב אַכט!
דײַטש: דו קענסט שוין.
חסיד: אַזאַ מזל אויף דיר.
דײַטש: צום בײַשפּיל: דו שטייסט דאָ און דער שונא שטייט דאָרט.
חסיד: נו גיי, טרײַב עם אַוועק!
דײַטש: ניין, כ'מיין כּדומה למשל.
חסיד: אַהאַ, כּדומה למשל.
דײַטש: און דו שיסט צו אים.
חסיד: נו, שטייט עפּעס יענער און קוקט?
דײַטש: ניין, ער שיסט צו דיר אויכעט.
חסיד: און אַז ער טרעפֿט מיר?
דײַטש: ביסטו טויט.
חסיד: אַזוי? גיי איך נישט. זאָג נאָר, דו דײַטש משומד, מיט וואָס שיסט מען דאָס דאָרטן?
דײַטש: מיט געווער.
חסיד: טשעפּע נישט מײַן שווער, ער איז אַן ערלעכער מאַן. נאָך מיט וואָס שיסט מען דאָרטן?
דײַטש: מיט בלײַערנע קיגל.
חסיד: אוי, דו דײַטש משומד, אַז מײַן ווײַב מאַכט אַ לאָקשן־קוגל, ברעך איך מיר אויס די ציין, ביז איך עס אויף. דערציילסטו פֿון בלײַערנע קיגלען? הער, דו דײַטש משומד, אַז דו ווילסט, איך זאָל קענען שיסן, זאָלסטו צו מיר קומען צווישן ניסן, איר, סיוון, 'עלנך מיך אָפּעסן מיט קניידלעך, וועלעך כּוח האָבן צו שיסן.
דײַטש: ווי הייסט עס אין דויטשן?
חסיד: עפּעס יענער, מענער, טערק.
דײַטש: אַהאַ! יענער, פּעבער, מערק.
חסיד: יאָ, יאָ, אַזוי הייסט עס אויף משומד־לשון. הער, דו דײַטש משומד, אַז משיח וועט קומען, וועט זיך וואַלגערן קוגלען אויף די גאַסן. איך אַליין 'על זײַן „קוגל־קאָמענדאַנט". אַז דו וועסט וועלן נעמען אַ שטיקל קוגל, וועל איך נעמען אַ גאַנצן קוגל און דיר פֿאַרפּלאַסקען דעם פּנים.
דײַטש: ווי הייסט עס אין דויטשן?
חסיד: משיח, משיח, משיח!
דײַטש: אַהאַ, מעסיאַס.
חסיד: אַ מת זאָל אויס דיר אַליין ווערן, דו דײַטש משומד. און אַז משיח וועט קומען וועט טאַקע זײַן די גאולה.

דײַטש: ווי הייסט עס אין דויטשן?
חסיד: די גאולה, די גאַלע, די גאַלע, די גאַל זאָל דיר אַרויס.

איגוד׳ ג׳ 40.166 (סאָניק, לעמבערגער ח׳)

## 16

### פראַגמענט פון חסידים־שפּיל

**פּערזאָנען:**

רבי — גייט אָנגעטון אין אַ שטרײַמל, ווײַסע זאָקן, שוואַרצע מעטעטעס, קורצע הויזן
ר׳ שמשון צדוק — אַ חסיד
ר׳ ירוחם יונה — אַ חסיד
ר׳ יוסף שאול — אַ חסיד
אַ ישיבה־בחור — אַ בר־מצווה
אַ דײַטש — אַ ימח־שמוניק
אַלע חסידים גייען אין גרויסע לײַבצודעק

אַלע חסידים קומען אַרײַן און זינגען:
לאָמיר אַלע, סאַנדזוער חסידים, אַלע אינאייינעם לוסטיק זײַן.
לאָמיר אַלע טאַנצן און זינגען, אונדזער רבין מקבל־פּנים זײַן. (צושפּיל)

ס׳קומט אַרײַן דער רבי (ער זינגט):
שלום־עליכם, עליכם־שלום, עליכם־שלום, עליכם־שלום!
: אוי, אוי, אוי, גוט יום־טוב :
יום־טוב, יום־טוב, שרײַט זשע, קינדערלעך: גוט יום־טוב!

דײַטש (שרײַט): גוט יאָמפּיק!
ישיבה־בחורל: אַ שוואַרצער יאָמפּיק אויף דיר!
דער רבי (זינגט און די חסידים האַלטן אונטער):
די אַפּיקורסים, די ווילע יונגען,
זיי וועלן מוזן שטיין פון דער ווײַטנס,
די גאַל וועט אין זיי צעשפּרינגען,
ס׳וועט זיי אָנשטויסן די זײַטן.
אַז משיחניו וועט קומען אויף אַ פערדעלע צו פליען
אַזוי ווי אַ מלאכל אַ קליינס,
אין דער שטאָט פּאַריז אָדער אין וויהין
איז קיין איינציק פערדעלע אַזאַ שיינס.
זיי וועלן אויפוועקן די מתים, איעדן פון זײַן קבר,
און אויף די אַפּיקורסים די לצים
וועט ציטערן איעדעס אבר.

מיט געפעלעך אין די הענט
וועלן זיי דורכשפּאַרן די ווענט.
אונטער דער ערד קריכן,
צו געבן שלום משיחן.



נעמטס אײַך די ראיה, דראָבעס, וואָס בועז האָט געטון,
רייכערטס נישט אום שבת קיין פּראָסטן „אַכטער" טוטן,
נאָר סאַראַגעל אַליין,
זאָלט עך בלענים זײַן,
וועט עך משיחניו אַקעגן גיין
גלײַך מיט אונדז קבצנים. (צושפּיל)

אונדזערע מאַמעס די פרומע,
זיי וועלן מעלקן די פּרה־אדומה,
און פון דער מילך די גוטע יידן
צו היילן די מערידן.
רות די נביאה
וועט נישט האָבן די זכיה
צו דער פּרה־אַדומה צוצוגיין,
ס׳וועט איר גיין אין גאַנצן לעבן,
זי זאָל איר מילך געבן,
און זי וועט איר אויסזעצן די ציין.
וואָרן פון בועזן צו שמועסן,
זי איז אים געקראָכן צו פוסנס,
האָט זיך דער נביא דערשראָקן,
זי האָט אים געקיצלט אין די זאָקן. (צושפּיל)

שמשון צדוק (לויפט אַהין און צוריק).
ירוחם יונה: ווו לויפסטו אַזוי?
שמשון צדוק: לויף אויך, וועסטו אויך וויסן. כ׳על דיר פאָרט דערציילן. כ׳בין מיר אַ ביסל געפאָרן, און געפאָרן און געפאָרן און כ׳בין געקומען אין דער גרויסער שטאָט לעמבריק.
דײַטש: פילײַכט לעמבערג?
שמשון צדוק: ווי אַזוי זאָג איך דען? איך זאָג דאָך אויך לעבריק.
דײַטש: לע—מ—מ—בע—רג.
שמשון צדוק: כ׳קען זיך מיט דיר נישט אויסקומען, זאָל זײַן לעבריג.
ירוחם יונה: וואָס זשע האָסטו דאָרטן געזען?
שמשון צדוק: כ׳בין דורכגעגאַנגען דורך דער ברייטל־גאַס.
דײַטש: פילײַכט ברייטע גאַסן?
שמשון צדוק: פּיו דו מח־שמוניק! איך זאָג דאָך אויכעט ברייטל־גאַס.
דײַטש: פילײַכט ברייטע גאַסן?
שמשון צדוק: זאָל זײַן ברייטע גאַס, ברעטל־גאַס, ברויטל־גאַס. האָב איך געזען דאָרטן יידישע קינדער גייען אין שקאָלע אַרײַן.
ירוחם יונה: ווײ איז מיר, יידישע קינדער גייען אין שקאָלע אַרײַן, און דו האָסט געשוויגן?
שמשון צדוק: ווו האָב איך געשוויגן? כ׳בין אַרויפגעגאַנגען צום רב און אויפן וועג האָב איך געזען אַ ביתל. בין איך אַרײַנגעקומען אין קליינעם ביתל, האָב איך געזען

-93-



אַזאַ גרויס שולחנדל. אויפֿן שולחנדל זענען געלעגן צוויי גרויסע ביצימלעך און צוויי מה-שמוניקעס מיט שטעקנס אין די הענט האָבן געשטאַרקעט.

**ירוחם יונה:** וואָס זשע איז דאָס געווען?

**שמשון צדוק:** דאָס איז געווען אַ בילאַר.

**דייטש:** פּילייכט בילאַרד?

**שמשון צדוק:** ווי אַזוי זאָג איך דען? בילאַ, בילו, בילוי, לאָז זײַן ווי דו זאָגסט „בילוי". דערווײַל האָט מיר איין מענטש געגעבן אַ שטאָרך און האָט מיר געזאָגט: דו חסיד!

**ירוחם יונה:** און דו האָסט אים געשוויגן?

**שמשון צדוק:** ווי האָב איך אים געשוויגן? איך האָב אים געזאָגט, איך האָב אים געלייגט אין דער ערד אַרײַן, כ'האָב אים געזאָגט: „דו דײַטש!"

**ירוחם יונה:** און ער האָט דיר געשוויגן?

**שמשון צדוק:** וויז ער האָט מיר אָנגעהויבן צו דולקען.

**ירוחם יונה:** וואָס זשע האָסטו געטון?

**שמשון צדוק:** איך האָב אים געלייגט אין דער ערד אַרײַן, אַז ר'עט קיין תחית-המתים נישט אויפֿשטיין.

**ירוחם יונה:** וואָס פֿאָרטן?

**שמשון צדוק:** כ'האָב געשריגן געוואַלד! און כ'בין אַנטלאָפֿן און כ'אָ' פֿאַרמאַכט די טיר.

**יוסף שאול:** זאָג נאָר, כ'בעט דיך, פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַרמאַכט די טיר?

**שמשון צדוק:** כדי ער זאָל נישט ווײַטער דולקען.

**דייטש** (זינגט): רבי לעבן, רבי לעבן, גיטס מיר אַרויס אַ תשובה,
איך האָב געזינדיקט בכל עוונות, מיט אַ רוח נדיבים;
כ'בין אויפֿגעווען די גאַנצע נאַכט, כ'אָ' געשפּילט אין קאָרטן,
כ'אָב מורא, כ'על קומען אויף יענער וועלט, מ'וועט מיך ברענען און
בראָטן (צושפּיל).

כ'בין אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי, כ'אָ מיר נישט אָפּגעגאָסן די הענט,
כ'האָ' דאָך מורא פֿאַר די עדות, פֿאַר די סטעלוועס פֿון די ווענט.

כ'האָב אָפּגעגעסן דאָס מיטאָג, כ'האָ' נישט געזאָגט קיין ברכת-המזון,
כ'האָ' מורא, כ'על קומען אויף יענער וועלט, וועט מען מיך ברענען
און בראָטן (צושפּיל).

(אַ חסיד פֿירט צו דאָס ישיבה-בחורל צום רבין און שטעלט אים פֿאָר. דער רבי פֿרעגט אים, צי ער קען עפּעס לערנען, און דאָס ישיבה-בחורל ענטפֿערט דעם רבין מיט אַ פּשטל).

**ישיבה-בחורל:** אַז ראובן, שמעונס ברודער, איז געשטאָרבן מחמת קדחת, צי מעג לוי עסן קאַלטע פֿיש? אין דעם קריגן דרײַ תנאים: ר' וואָלף יואל, ר' יצחק פּיס-טויל און ר' נחמן ספּאָדיק. איין תנא זאָגט, אַז מ'האָט המנען אויפֿגעהאָנגען, כדי מ'זאָל ווײַזן, אַז ר'איז שיין. איין תנא זאָגט, אַז ר'זאָל ווײַזן, אַז ר'איז קלוג, און ר' נחמן ספּאָדיק זאָגט, ר'זאָל זיך אויסטריקענען. כ'קען נישט נאָכגיין נאָך דעם מאַן דאָמר, אַז מ'זאָל ווײַזן, דאָס ער איז געווען שיין. שטייט דאָך: „ופּני המן חפּו". כ'קען נישט נאָכגיין נאָך דעם מאַן דאָמר, כ'זאָל זאָגן, אַז ר'איז געווען





קלוג, שטייט דאָך: „ויזתא", ער איז געווען אַ גרויסער שוואַנץ. מוז איך דאָך נאָכגיין נאָך ר' נחמן ספּאָדיק, אַז מ'האָט אים אויפֿגעהאָנגען, כדי ער זאָל זיך אויס-טריקענען. אַז מ'מעג פּורים טריקענען, איז דאָך פּורים קיין יום-טוב נישט און קדחת קיין קרענק נישט — מעג שוין לוי עסן קאַלטע פֿ'ש.

**דער רבי** גיט אַרויס דעם דײַטש אַ תשובה. ער הייסט אים אויסנאָגן די ביינדלעך פֿון רבינס שיריים פֿון אונטערן טיש, אַרומוואַלגערן זיך בײַ רביים.

צום סוף טאַנצן אַלע חסידים מיט דעם בעל-תשובה (דעם דײַטש) אַ פֿריילעך חסידיש טענצל.

א ינוו' ג' 46.637 (רידעק—סאָניק, לעמבערגער ת')

-94-

# גזלן־שפּיל

מאַכטס אויף מאַכטס אויף




**עולם:** מאַכטס אויף, מאַכטס אויף,
לאָזטס אונדז אַריין,
מיר וועלן דאָ
לוסטיק זיין.
געדענקט די באַלעבאָסטע פֿון פֿאַריאָרן,
וואָס האָט אונדז שיין צוגענומען,
מיר האָבן דערלעבט דאָס הייַנטיקע יאָר,
זענען מיר ווייטער געקומען!

1) מיט דעם פֿאָרשפּיל הייבן זיך אָן אַכבן פּורים־לידער.




**ייד:** קוקט אייך נאָר אום
אין אַלע פֿיר זייטן,
דער גזלן וועט באַלד
קומען צו רייטן.

**גזלן:** יאָ, יאָ,
איך בין דאָס דער גזלן,
איך בין געקומען
דאָס מעסער שלייפֿן.
(ער טוט אַ טופּ מיטן פֿוס)




יאַ ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!

**ייד** (גיט אַ טופּ מיטן פֿוס): טי ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!
(בעט זיך)
נאַ דיר אַוועק
מיין לעצט שטיקל ברויט,

1) מעלאָדיע פֿון „מאַכטס אויף“.

אַבי האַרגע מיך
נישט צום טויט.

**גזלן:** כ׳וויל נישט בײַ דיר
דיין לעצט שטיקל ברויט,
כ׳וויל דיך האַרגענען
צום טויט.
(ער טוט אַ טופּ מיטן פֿוס)
יאַ ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!

**ייד** (גיט אַ טופּ מיטן פֿוס): טי ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!
(בעט זיך):
נאַ דיר אַוועק
מיין לעצט שטיקל חלה,
אַבי לאָז מיך מאַכן
מיין טאָכטער פֿאַר אַ כּלה.

**גזלן:** כ׳וויל נישט בײַ דיר
דיין לעצט שטיקל חלה,
כ׳וויל נישט, זאָלסט מאַכן
דיין טאָכטער פֿאַר אַ כּלה.
(ער טוט אַ טופּ מיטן פֿוס)
יאַ ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!

**ייד** (גיט אַ טופּ מיטן פֿוס): טי ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!
(בעט זיך)
נאַ דיר אַוועק
מיין לעצט שטיקל פֿיש,
אַבי לאָז מיך זיצן
מיט מיינע קינדער בײַם טיש.

**גזלן:** כ׳וויל נישט בײַ דיר
דיין לעצט שטיקל פֿיש,
כ׳וויל נישט, זאָלסט זיצן
מיט דיינע קינדער בײַם טיש.



ארכיוו פֿאַר ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור־פֿאָרשונג
און עטנאָלאָגיע (ווארשע 1933) זז' 287 - 291

(ער טוט אַ טופּ מיטן פוס)
יאַ ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!

**ייד:** (גיט אַ טופּ מיטן פוס): טי ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!
(בעט זיך)
נאַ דיר אַוועק
מיינע לעצטע שאָף-און-רינדער,
אַבי לאָז מיך זיין
אַ טאַטע צו מיינע קינדער.

**גזלן:** כ'וויל נישט באַ דיר
דיין לעצטע שאָף-און-רינדער,
כ'וויל נישט, זאָלסט זיין
אַ טאַטע צו דיינע קינדער.
(ער טוט אַ טופּ מיטן פוס)
יאַ ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!

**ייד:** (גיט אַ טופּ מיטן פוס): טי ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!
(בעט זיך):
נאַ דיר אַוועק
מיין לעצט ביסל געלט,
אַבי לאָז מיך לעבן
אַ שעה אַף די וועלט.

**גזלן:** כ'וויל נישט באַ דיר
דיין לעצט ביסל געלט,
כ'וויל נישט, זאָלסט לעבן
אַ שעה אַף די וועלט.
(ער טוט אַ טופּ מיטן פוס)
יאַ ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!

**ייד** (גיט אַ טופּ מיטן פוס): טי ראַזבאָיניק, מאַלאָדיעץ!
(דער גזלן טוט אַ זעץ דעם ייד מיט דער שווערט, און דער ייד פאַלט אַנידער אַף דער ערד טויט).

---

דאָס פורים-ליד געדענק איך נאָך פון מיינע קינדער-יאָרן. פורים באַ אונדז אינדערהיים, האָב איך מיט מיין שוועסטער ד י ו ו ע זיך געפּלעגט איבערטון, און מ'האָט פאָרגעשטעלט דעם גזלן-שפּיל.

וועגן אַזאַ שטייגער שפּיל דערציילט אויך שלום-עליכם אין זיין בוך פ ו נ ע ם י אַ ר י ד, ז' 247:

— »נישט נאָר אין נגינה אַליין האָט זיך אויסגעצייכנט מאירל מעדוועדעווקער. ער האָט געהאַט נאָך אַ הולאת: שפּילן, פאַרשטעלן זיך, מאַכן אָנשטעלן: „מכירת-יוסף", יציאת-מצרים", „עשר מכות", „משה רבינו מיט די לוחות", און נאָך אַזעלכע אָנשטעלן.

למשל, ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גזלן, מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט און מיט דער רביצנס קאָלאָדאַטש-מעסער, צוגעשטעקט אין דעם רבינס גאַרטל, און דווקא באָר-וועס, און מיט אונטערגעקאַטשעטע הויזן, און אויגן, רבונא דעלמא כולא — טאַקע ווי באַ אַ גזלן! שלום נחום וועוויקס איז געווען דער ייד, דער אביון, מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, מיט אַ קישעלע פאַר אַ האָרב, איבערגעקערט דאָס היטל אַף דער לינקער זייט, גייט ער נעבעך בעטן אַ נדבה. פאַרבלאָנ-דזעט אין וואַלד. דער וואַלד — דאָס זענען די יינגלעך. און שלום נחום וועוויקס דער אביון גייט צווישן די ביימער, אָנגע-שפּאַרט אַף זיין גראָבן שטעקן, זוכט אַ וועג און באַגעגנט זיך מיט — מאיר, דעם גזלן! כאַפּט-אַרויס דער גזלן דאָס מעסער פון גאַרטל און זינגט צו אים אַ ליד, און דווקא אַף רוסיש, און לאָזט אויס:

„דאַוואַי דיע-ע-ענגי,
דאַוואַי דיע-ע-ענגי!"

בעט זיך באַ אים נעבעך דער אָרעמאַן, שלום, מיט טרערן, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויב ניט אַף אים, איז אַף זיין ווייב-און-קינדער. זי וועט בלייבן אַן אלמנה, און די קינדער יתומים. כאַפּט אים דער גזלן, מאיר, פאַרן גאָרגל און טוט אים אַ וואָרף אין דער ערד אַריין«. —